STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06722

STEP UN YISHEV

Baruch Glasman

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

807

ברוך גלאזמאן

סטעפּ און ישוב

בילדער פון אַ רייזע איבער די יידישע קאָלאָניעס
פון סאָוויעט־רוסלאַנד און אוקראַינע

ביכערהאנדלונג - פארלאג
ג. קאפּלאנסקי
Bs. Aires
Corrientes 2814

פאַרלאַג „קולטור־ליגע", װאַרשע

Printed in Poland

B. Glazman — Step i osada

געדרוקט אין 1000 עקזעמפּלארן

Wyd. spół. „KULTUR-LIGA"
Warszawa, 1928

Druk. „Di Welt", Nowolipie 7

גרעניצן
(אנשטאט אַ הקדמה)

גרעניצן

(אַנשטאָט אַ הקדמה)

אַ שווערער, דונערנדיקער עקספּרעס-צוג טראָגט זיך איבער די טונקעלע נאַכטישע פעלדער פוילנס, טראָגט זיך רוגזהדיק און שנעל; דער צוג איילט זיך און בייזערט זיך:

— לאָזט מיך... לאָזט מיך וואָס גיכער צופליען צו אָט יענער פאַרשאָלטענער מדינה, וואָס איז טויזנט מאָל טויזנט מייל ווייט פונדאַנען — באַ אונז אונטער דער נאָז... בראַך-בראַך-בראַך...

— לאָזט מיך וואָס גיכער אַרונטערצוואַרפן מיינע גע-ציילטע עטלעכע פּאַסאַזשירן אויף אָט יענער, פון מענטשן פאַרשאָלטענער ערד — כדי איך זאָל קאָנען וואָס גיכער צו-ריקפליען פון דאָרטן — צוריקפליען אַהיים... בראַך-בראַך-בראַך...

מאָרגן. מאָרגן וועל איך זיין אינם ראַטן-פאַרבאַנד.
ס'גלויבט זיך נישט. ס'פּאָטופעט זיך נישט אין מוח.
— מאָרגן — מאָרגן וועל איך זיין אין יאַפּאַן, אין קאָרייע, אויף די דרום-פּאַסיפישע אינזלען, אויפן מאַרס...
ניין: נאָך ווייטער!...
איך בין שוין באַלד אַ האַלב יאָר אין דער פוילן-מדינה.

אָפּט געווען אין קליינע שטעטלעך באַ דער גרענעץ: אַ גוטן פלינקן וואָרף מיט אַ שטיין — פאַלט ער אויף ערד פון סאָוויעטן־לאַנד... נאָר אפילו די קרוין־שטאָט פוילנס — וואַרשע — ווי ווייט איז זי עס פון רוסלאַנד? פון מינסק, פון קיעוו — ווייניקער ווי אין אַ מעת־לעת פלעגט מען דאָך דערגרייכן אַהין אין די „גוטע, אַלטע צייטן"...

און פונדעסטוועגן פלעג איך תּמיד האָבן דאָס געפיל, אַז ראַטן־רוסלאַנד איז ערגעץ ווייט, אומגעהייער ווייט פונדאַנען — אָן אַן ערך ווייטער, ווי עס איז פונדאַנען אמעריקע, אויסטראַליע, דער דרום־דיקער ים־הקרח.

פּאַסאַזשירן און וואַגאָן — ווייניק. דער פּאַסאַזשירן־פּאַרקער צווישןביידע מדינות איז אַן אומגעהייער־שוואַכער. כאָטש היינט — שבת — איז אפילו דער „אָפיציעלער" פּאַרקער־טאָג צווישן ביידע מדינות, היינט גייען עקספּרעס־צוגן פון וואַרשע קיין מאָסקווע.

עפּעס הויערט איבערן גאַנצן וואַגאָן אַזאַ געפיל, פּונקט ווי מיר וואָלטן זיך מיט יעדער מינוט אַלץ מער דערנענטערט צו אַ שלאַכט־זאָנע, צו מלחמה־פעלדער... און די געציילטע פּאַסאַזשירן אין וואַגאָן וויקלען זיך איין אין שווייגן — מאַלע וואָס, אַן איבע־ריק וואָרט...

כ'האָב שוין ביז איצט דורכגעקרייצט דאָס רוב לענדער פון מערב־אייראָפּע: אין ערגעץ פילט מען נישט אַזאַ געשפּאַנטקייט, אַזאַ דערוואַרטונג, אַזאַ אומגעדולדיקע ציטערניש אין אַלע אברים באַם אָנקומען צו אַ גרענעץ, ווי ווען מען דערנענטערט זיך צו דער גרענעץ פונם ראַטן־פאַרבאַנד. אַלע האָבן דאָס געפיל: מיט יעדער מייל, וואָס דער צוג זופּט אין זיך אַריין, דערנענטערט מען זיך נישט בלויז צו אַ ניי לאַנד — נאָר טאַקע צו אַ נייער וועלט — אַ נייע, אָקאָרשט־געבוירענע וועלט, וואָס שטייט דערוויי̄ל אינם קאָסמאָס אייניקע אַליין, אַרומגערינגלט מיט וואַסערדיקע וויסטענישן. מיט דער אַנדערשדיקייט און באַזונדערקייט פון אירע לעבנס־וועגן שטייט אָפּגעזונדערט אָט די נייע מדינה, — צו וועלכער אונזער צוג דערנענטערט זיך איצט, — נישט נאָר קעגן וועלכער ס'נישט־

איז אײנציקער מדינה: זי שטײט אָפּגעזונדערט און אַלײן קעגן דער גאַנצער װעלט.

פּרימאָרגן. נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט. נאָר כ׳פּיל מיך פריש, האָפּערדיק און בשורהדיק: איך קאָן מיך נישט דערמאַנען נאָך אַן אַנדערן טאָג פון מײן לעבן, װאָס האָט געהאַט אין זײנע פאַלדן פאַרבאָרגן פאַר מיר אַזױ פיל, װי דער הײנטיקער טאָג, נאָך אײדער ער װעט זיך נײגן צו פאַרגײן...

אין דעם פאַרװיקלטן געפיל, װאָס נעמט מיך איצט אַרום, איז דאָ אױך אַ בלױער פאָדעם פון לעגענדאַרישער אומגעװײנלעכקײט, כמעט פון ראָמאַנטישקײט, דערמאַנט מיך דער הײנטיקער פרימאָרגן, — װי אָן אַ װײטן עכאָ, — אָן אײנעם אַ װאונדערלעכן פּסח-פרימאָרגן מיט יאָרן צוריק, װען מײן אָקרעגנט איז אין אַ פאַרטאָג אַרױסגעשװאומען פונם גאָלף-שטראָם און אַרײנגעפירט געװאָרן דורך אַ נעגערישן פילאָט פײערלעך אינם ריפּן-רינג, װאָס צוימט אַרום דעם גן-עדן-התחתונדיקן קאָראַלן-אַרכיפּעלאַג פון די בערמיודאַ-אינזלען מיט אַ לאַגון, אין װעלכן דאָס װאַסער איז פון אַ װאונדערלעכער מראה, װי עפּעס אַ ים אין אַ חלום — אַן אָפּגעזונדערטער װאונדער-װינקל אינמיטן פונם אַטלאַנטישן אָקעאַן... — — —

נאָר דער פאַרגלײך איז אַ שװאַכער. אװדאי בלױז אַ תשבורת-געפיל, אַ פאַרקלינגענדיקער שאַל, קעגן דעם ברױזן און צאַפּלען, אין װעלכן עס געפינט זיך מײן גאַנץ װעזן הײנט — אין דעם װאונדערלעכן טאָג, װען איך טרעט אַריבער די שװעל פון אַ נײ לעבן, פון אַ װעלט אַ גאַנצער, — נישט לאַנג צוריק אַ געבױרענער.

— װעל איך אױך פונדאָסנײ דאָרט געבױרן װערן?

לײלעכער פון שפּעטן האַרבסט-פרימאָרגן װיקלען זיך ביסלעכװײז אַראָפּ פון די פעלדער – פון די פעלדער פון ליטע און װײס-

רוסלאַנד, ווען מענס לענג דער צוג פּאַסעוועט איצט — פּאַסע-וועט, דאַכט זיך, ביז בלוט.

ערגעץ צווישן בריסק דליטא און באַראַנאָוויטש. אַרומיקע פעלדער האָבן אַזאַ פאַריתומט און פאַרחושכט אויסזען — ס׳פילט זיך: דאָס איז אוודאי מער אַ רעזולטאַט פון חורבן פון די לעצטע יאָרן, איידער פון האַרבסט.

וויסטע פעלדער — ווי אָפּגעברענטע, ווי אויסגעשרפהטע.

זעלטן, זעלטן — אַ פויערישע כאַטקע, אַ טייכל אַ בלייכס און אַ פאַרגליווערטס, אַ האַלב-אָפּגעטויט בעריאָזע-וועלדל.

עס באַווייזן זיך ווייס-רוסישע פויערים — פויערים אָנגע-טון אין שאָפּן-פעלצלעך, אין רויע פעלעכלעך, אין הויכע שטיוול... נידעריקע, קליינוואוקסיקע מענטשן — מיט בליק דער-שלאָגענעם און מיט פאַרטרערטע — פון פראָסט און פון עפּעס אַנדערש... — בלויע אויגן.

אַ פאָלק אין גלות. נישט באַ דורכאויס פרעמדע, נאָר באַ האַלב-אייגענע, דער ערגסטער גלות.

און ווידער:

פעלדער. פעלדער. קיין שטעטל. קיין דאָרף. מדבר. זעלטן אַ קליינער אָאַזיס פון אַ פּאָר פאַרלווירענע פויערישע הייזלעך.

נאָר, אַז מען פאָרט צו נענטער צו באַראַנאָוויטש, גייט דער טאָג אויף ליכטיקער. יונגע וועלדער בליען זיך ליכ-טיק פונאַנדער אינם האַרבסט-טאָג. ווייס-רוסישע פּאַסטוכער באַ-גלייטן מיט טאַמעוואַטע אויגן פון פאַרוואָרפענע העק-מענטשן אונזער פאַרביישמייענדיקן צוג.

באַראַנאָוויטש — אַ שטאָט אויף זאַמדן. לאַנגע, איינשטאָ-קיקע הייזער. ציגן שפּרינגען אויף סטריכעס פון דעכער. הערט-לעך געגנז הוידען און וויגן זיך, ווייס און חלומדיק, אויף זאַמ-דיקע גאַסן און געסלעך.

זאַמדן, — הויבן זיך אָן ציען סאָסנע-וועלדער, די באַ-רימטע דאַטשעס, וואָס אַרום באַראַנאָוויטש.

ס ט אָ ל פּ צ י. די פּוילישע גרענעץ-סטאַציע, אַריבערגעפּטרט. אָפּגעעטעמט פרישער. געוואָרן עפּעס גרינגער אויף די פּלייצעס.

דערנאָך ציט זיך אַוועק אַ שטיק באַוועלדערט, נאָר וויסט, ליידיק און שרעקעדיק לאַנד – צווישן לעצטער פּוילישער באַן-סטאַציע און גרענעץ. „קיין מאַנס לאַנד". פוןביידע זייטן פון די אייזנבאַן-שינעס – טויבע וועגט פון געדיכטן וואַלד.

האַרץ קלאַפּט שנעלער... מיטאַמאָל: גרענעץ. צוג שטעלט זיך אָפּ אינמיטן אַ בריק. איבער עפּעס אַ וואַסערל. פון ביידע זייטן וואַסערל – צווי גרענעץ-הייזער. צווישן זיי – אַ לאַנגער פּלויט פון געפלאָכטענעם, שטעכיקן דראָט.

אינמיטן בריק – אַ טויער, אַ מין אַרקע, מיט סכך באַצויגן. רויטער פלאַג פלאַטערט און קנאַקט אין ווינט. די פּאַסאַזשירן, וואָס קומען אָן פון דער אַלטער וועלט אין דער נייער אַריין, באַגעגנט אַ מאָדנע אויפשריפט אינדערהויך, באַם טויער פונם נייעם לאַנד, אַן אויפשריפט, פון וועלכער דאָס האַרץ הויבט אָן מאָדנע אויפציטערן: „קאָמוניזם סאָטריאָט וסע גראַניצי" (דער קאָמוניזם וועט אָפּווישן אַלע גרענעצן).

די אויפשריפט אין רויטע אותיות אויף ווייסער לענטע אין דער לענג פון דער סכך-אַרקע – זי איז געווענדט מיטן פּנים צו דער אַלטער וועלט, וועלכע איך פאַרלאָז איצט.

צוג רירט זיך. מיין פּנים צוגעקלעפּט צו דער שויב. איך עס ממש דעם אַרום. וואו איז „עס"? וואו? אין וואָס ליגט „עס"?

בײַ דער לענג פֿון שינעס: קופּעס ציגל, הויפֿנס פֿרישע ברעטער. קופּעס בוי-געהילץ. מען בויט סקלאַדעס, נײַע אײַזנבאַן-בנינים. ס׳מאַכט דעם אײַנדרוק, ווי מען קומט ערשט צו זיך, ווי נאָך אַ לאַנגער שׂרפֿה — אַ שׂרפֿה, וואָס האָט געדויערט לאַנג, לאַנג.

עס גיט אויף מיר אַ ווײַע ערשטער אָטעם פֿון אויפֿבויטעטיקייט, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אַ גאַנץ לאַנד.

פֿון בײדע זײַטן — געדיכטע, נאָך נישט באַרירטע וועלדער. ס׳איז נאָך דאָ, קענטיק, אַ סך, אַ סך צײַט אויף צו האַקן זיי...

נ י ע ג אָ ר י ע ל אָ י ע. סאָוויעטישע צאָל-סטאַציע. מען קוקט איבער זאַכן, באַגאַזש. זאַכן בײַ מיר אַ סך — ווי געווײנלעך בײַ אַן אַמעריקאַנער (פֿרײַנט האָבן מיך נאָך פֿון רוסלאַנד געוואָרנט, איך זאָל נעמען וואָס מער מלבושים, ווײַל אין רוסלאַנד איז דער פּרײַז אויף מלבושים זײער הויך). מײַן קאַסטן ציט אויפֿמערקזאַמקייט. צוליב וואָס אַזוי פֿיל בגדים פֿאַר אײן מענטש? אינם ראַטן-פֿאַרבאַנד זענען די מענטשלעכע נויטן, אָט די, וואָס האָבן צו טון מיט „ציוויליזאַציע״ — רעדוצירט געוואָרן, מינימאַליזירט געוואָרן. דאָס לעבן איז פּשוטער געוואָרן. איך שלעפּ נאָך זיך מײַן ריזיקן אַמעריקאַנישן „טראַנק״, ווי אַ גרויסן רײַכן הויקער. ער פֿאַרשוואַרצט מיר ממש די אויגן.

די העפֿלעכקייט פֿון די גרענעץ-באַאַמטע שטײַגט ממש איבער דאָס באַנעמען זיך פֿון די באַאַמטע אויף די אַלע גרענעצן, וועלכע איך האָב ביז איצט דורכגעשניטן. אַפֿילו בײַ זיך-צוריק-

קערנדיקע פון אויסלאַנד „געפּלייט״, באַ וועלכע די רעוויזיע־לייט האָבן געפונען אַ סך נייע זאַכן, פאַרשטעקט און פאַרבאַהאַלטן, האָט מען אויך גאָרנישט קאָנפיסקירט; מען האָט זיי בלויז גע־צוואונגען באַצאָלן דעם באַשטימטן אָפּצאָל.

איינער פון די באַאַמטע הויבט מיט מיר אָן צו רעדן ענגליש. פון זיין ענגליש פאַרשטיי איך, אַז דאָס איז אַ ייד, וואָס איז גע־ווען אפּנים איניקע יאָר אין אַמעריקע. אַן איסט־סיידער טיפּ. ער באַגעגנט מיך מיט אַזאַ פריינטלעכן שמייכל און מיט אַזאַ גאַסט־פריינטלעכקייט, פונקט ווי איך וואָלט געווען נישט נאָר זיינער אַ פערזענלעכער גאַסט, נאָר ממש אַ גאַסט פון דער גאַנצער מלוכה — ס׳הייסט: מיך האָט אַמעריקע געשיקט אַהער, ווי אַ מרגל, אויף אויסצוקוקן, און ער, „רוסלאַנד״, נעמט מיך אויף:

— אדרבא, די טירן שטייען אָפן... אדרבא, קום און זע.

אויף ווענט און פּלויטן, אויף סלופּעס אָן אַ שיעור פּלאַקאַטן, קאָלירפולע, פאַרביקע: „דערלאָז נישט, אַז דער קולאַק און נעפּ־מאַן און סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער זאָלן זיך אַריינכאַפּן אין די שפּאָר־קאַסן״ א. א. וו. אומעטום, וואו איר פּאָרט אינם סאָוויעטן־פאַרבאַנד, באַגעגנט איר פּלאַקאַטן, לאָזונגען, אויפרופן, מאָטאָס. עס האַלט אייך אין תמידער וואַכזאַמקייט, אין גייסטיקער באַוועגונג, אין קאָמפּסלוסטיקער אויפרעגונג — אָט פּונקט, ווי אונזערע אַמע־ריקאַנער רעקלאַמעס האָבן די פאַרקערטע ווירקונג: זיי פאַרטומ־לען אייך אַזוי פּיל, אַז זיי טעמפּן באַ אייך סוף־כל־סוף אָפּ אייער סענסיביליטעט.

די ערשטע סטאַנציע. קיידאַנאָוו. מען זעט נישט קיין שטעטל פון דער סטאַנציע. אַ פּאָר אָרעמע בנינים בלויז. געהערט אָבער, אַז קיידאַנאָוו איז מיט אַ צייט צוריק אָפּגעברענט גע־וואָרן. און אפשר געפינט זיך שטעטל אויף יענער זייט פון אַ נאָענט בערגל.

קיידאַנאָוו.

איך לויף אַרונטער די וואַגאָן־טרעפּלעך. עס שטייען עט־לעכע אָרעמע אָפּגעריסענע יידישע ייגגלעך אויף יענער זייט פון אַ פּלויט. אפשר איז באַ זיי איצט איינע פון די ליכטיקסטע רגעס פון זייער פאַרוואָרפן העק־לעבן — אַ גרענעץ־צוג. אַ גרוס פון דער גרויסער וועלט.

„גוט, — טראַכט איך מיר, — מען דאַרף זיי דער־פרייען מיט אַ פּערזענלעכן גרוס פון זייערס אַ באַרימטן לאַנדס־מאַן".

— חברה! — רוף איך זיי צו נענטער — איר זענט קיידאַ־נאָווער?

— יאָ, — ענטפערן זייביידע, קוקן מיך אָן פאַרדעכטיק און רירן זיך נישט פון פלעק, — וואָסי דען?

— פון אברהם רייזענען האָט איר געהערט? — מיין קול קלינגט פייערלעך, איך פילן באַוואוסטזיין פונם גרויסן סיורפּריז, וואָס איך האָב אָנגעגרייט פאַר זיי.

— אברהם רייזען? — קוקט אָן דאָס קלענערע בחורל דעם גרעסערן. — אויף וועלכער גאַס וואוינט ער?

— אברהם רייזען, דער גרויסער יידישער שרייבער! — בין איך שוין גרייט צו ווערן אויפגעבראַכט. נאָר דעם ערשטן בחורלס פנים האָט אויפגעלויכטן.

— אָ, דער גרויסער יידישער שרייבער... אוודאי ווייס איך... נו?

— איז גיט איבער אַלעמען אין קיידאַנאָוו אַ גרוס פון אים — פון אייער לאַנדסמאַן!...

ס'האָט זיך דערהערט דער צווייטער קלונג פונם וואָקזאַל־גלאָק.

— און איר זענט... — האָט דאָס ערשטע בחורל אָנגעהויבן אַרויסשטאַמלען מיט יראת־הכבוד.

נאָר אוודאי בין איך נישט געווען אויף אַזוי פיל נאַריש אויף איבערגעבן זיי מיין אַבסאָלוט־אומבאַקאַנטן נאָמען. חוץ דעם: דער צוג האָט זיך שוין געהאַלטן אין רירן, און מען האָט געדאַרפט וואָס גיכער אַריין אין וואַגאָן.

פון די וואַגאָן־טרעפּלעך האָב איך זיי בלויז אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

איך האָב געזען, ווי זיי האָבן זיך ביידע געלאָזט לויפן פּייל אויסן בויגן, אין דער ריכטונג צום שטעטל, אָנצוזאָגן די גרויסע בשורה. דער עלטערער האָט דאָרט, לויפנדיק, געהאַלטן אַלץ אין איין מינ־טערן דעם קלענערן, וועלכער האָט אים בשום אופן נישט געקאָנט אָניאָגן.

— כאַימקע, גיכער, גיכער, — האָט ער אָן אָטעם אַלץ נאָכאַנאַנד געסאָפּעט, — לויף... שנעל... ווייסט, ווען מיר האָבן געזען אין פּאַיעזד? מיר האָבן געזען אברהם רייזענען!...

אין שלאָף־וואַגאָן איז ציכטיק, ריין. דאָס רוב — יונגוואַרג: אין לעדערנע קורטקעס, אין לעדערנע הויזן, אין קאַרטוזן מיט גלאַנ־ציקע דאַשקעס. קיין קאַפּעליושן זעט מען כמעט נישט. איך — מיין קאַפּעליוש וואַרפט זיך אין די אויגן — איך בין אַן אויסלענדער.

פּאַרטיי־טוער. מען רעדט וועגן דער פּאַרשטייענדיקער קאָנ־פערענץ פון דער פּאַרטיי, צו וועלכער עס ווערן שוין געמאַכט הכנות. אַנדערע האָבן זיך איבערגעאַרבעט, געקריגן די ערשטע סטאַדיע פון שווינדזוכט; די פּאַרטיי שיקט זיי איצט אויף „רעמאָנט".

רויט־אַרמייער, אין לאַנגע גלחישע שינעלן, רעווידירן דאָקו־מענטן, איידל, מיט זעלבסטווירדע.

דער קאָנדוקטאָר — מיט אַ דערשלאָגן שמייכעלע: קענטיק, נאָך פון דער „אַלטער גוואַרדיע", — קומט אַריין אין אונזער ציכ־טיקן קופּע, וואו עס זענען דאָ בלויז דריי פּאַסאַזשירן (איך דער־מאַן מיך, וואָס איך האָב געלייענט וועגן די רוסישע אייזנבאַנען, ווי זיי האָבן אויסגעקוקט ערשט מיט אַ דריי יאָר צוריק!). ער שטעלט פאַר איינעם אין ציווילע מלבושים, דעם קאָנטראָליאָר, און דערביי זאַגט ער זיך אַ ביסל:

— דער חבר אַדמיניסטראַטאָר... פון דער פאַרוואַלטונג.

דער קאָנטראָליאָר באַטראַכט דעם קאָנדוקטאָר מיט חשד: „הער אַדמיניסטראַטאָר"... שמייכלט אפשר יענער פון די נייע טיט־

לען, וואָס קאָנטראָליערן טראָגן „היינטיקע צייטן", אָדער, אדרבא, — דאָס שטאָלצירט יענער גאָר מיט זיי, מיט די נייע סאָוויעטישע טיטלען, פאַר מיר, דעם אויסלענדער?

באַנאַכט שלאָף איך נישט. אין קופּע איז דושנע. אָנגעהייצט מיט ברייטער האַנט. איך טו מיך אָן און קלעפּ ווידער פּנים צו דער שויב. איך עקבער די נאַכט־פינצטערניש.

און מיטאַמאָל האָב איך אַ מאָדנעם געפיל: דאַכט זיך, איך פיל בחוש, ווי עטוואָס אַזוינס פאַלט אַראָפּ פון מיר... אַ שאָלעכץ אַזאַ... אַזאַ קאָרע... אַזוי מוזן אוודאי אָנהויבן פילן אין געוויסע צייטן פון יאָר אָט יענע באַשעפעניש, וואָס וואַרפן פון זיך אַרונטער די אַלטע, אָפּגעניצעוועטע הויט זייערע, די אַלטע פעל, די אַלטע פעדערן — ווען „עס" קומט אָן אויף זיי... איז עס מעגלעך? איז עס מעגלעך? אָבער איך פיל פאָרט בחוש, ווי עפּעס פּלאַצט אויף מיר — אַלט שאָלעכץ אויף מיר פּלאַצט, שיילט זיך, פאַלט אַרונטער...

אין האַלב־טונקלקייט פון וואַגאָן־שויב האָבן אַריינגעלויכטן צפונדיקע בעריאָזעס; עס האָט אַריינגעגלאַנצט דאָס טיפע גרינס פון יעלן.

אַמאָל איז דאָ געווען מיין היים

דער אומקער אין היימלאַנד

איז דען דאָ אַ טיפער, אַ ברוסטיקער, אַ ברומענדיקער געפיל, ווי אָט יענץ געפיל, וואָס נעמט אייך דורך די ערשטע מינוטן באַם אָפּשווימען פון ברעג...

עס ברומען אין מיר איצט און עס ציטערן, טיף און שטיל, די פאַרהוילנסטע און טיפסטע נערוון, די ווייטסטע קאַנאַלעכלעך פון אַ לעבן, וואָס איז שוין (אַזוי זיכער איז עס געווען!) אויף אייביק געווען פאַרשוואונדן, — און איצט וואַכט עס ווידער אויף — וואַכט אויף טיף און ברומענדיק, מאָנענדיק און אויפלעבנדיק, ליכטיק און יונג — מיט לעבן נישט באַנייטן בלויז, נאָר טאַקע ניי־געבוירענעם — ווי אַ פאַרטאָגיק געזאַנג אין די יאָרן פון דער יוגנט...

— היימלאַנד... היימלאַנד... איך פאָר זיך באַהעפטן מיט דיר! צופאַלן אַן אויסגעטרוקנטער און אַ דורשטיקער צו דיין פריש־אויפגעאַקערטער, צו דיין האָפערדיק־אויפזינגענדיקער ערד.

אַ סך פאַרהוילנסטע און ציטערדיק־פאַרבאָרגנסטע חלומות זענען אין דעם משך פון פיל נסיעות, וואָס איך האָב געמאַכט איבער דער וועלט, פאַרווירקלעכט געוואָרן, — זיי האָבן מיך געמאַכט, דיי־דאָזיקע פאַרווירקלעכטע חלומות, אי אָרעמער, אי רייכער... נאָר וואָס איז דאָס אַלץ אין פאַרגלייך מיט אָט די חלומות, וואָס וויקלען

זיך איצט פונאַנדער אין מיר באַם אָנבליק פון דעם באַשיידענעם וועג, וואָס דאָס קליינע דאַמפּערל „פּראָגרעסיסט“ הויבט איצט אָן דורכצואַקערן דורך די וואַסערן פון דניעפּר און פּריפּעט?

— ווער האָט זיך עס געריכט, ווער האָט זיך עס געריכט...

ווי אַ גרויסער קמצן, וואָס פאַרגינט זיך נישט מיטאַמאָל אַזוי פיל פרייד און זינגענדיק גליק, ווענד איך נאָך דערווייל נישט מיינע בליקן צו די טויערן פון ווייטן הײמלאַנד, צו וועלכן אונזער דאַמפּערל אַקערט איצט זיין וועג. איך פאַרפלאָנטער אומישנע מיינע בליקן אין דעם פלאַמען-וואַלד פון קיעוו פאַרנאַכטיקן, — פון דער אַלטער, וואונדערלעך-באַצויבערנדיקער באַרג-שטאָט, — ווי קאָן איך זיי אָפּרייסן, מיינע בליקן, פון דער פלאַמען און גאָלד-וואַקכאַנאַליע, אין וועלכער עס האָבן זיך פונאַנדערגעהוליעט איצט די טורעמס און דעכער און טערעמלעך פון די קלויסטערס און מאָנאַסטירן און לאַווריס... אַך, ווי זיי יאָנטעווען עס איצט זייער אומעטיקן יום-טוב באַם רייכן, צוזאָגנדיקן ליכט פון אַן אונטערגייענדיקער פרילינג-זון — דעם יום-טוב פון זייער אייגענער שקיעה, דעם יום-טוב פון זייער אייגענער ירידה און אונטערגיין.

נאָר אוודאי קאָן איך עס לאַנג נישט אויסהאַלטן, דאָסדאָזיקע ברוגז-שפּיל.

פריש און קיל ווייען די פאַרנאַכטיקע וואַסערן, ווייל פון די פאַרנאַכטיקע ברעגן לויכטן זון-אָפּגלאַנצן אין קילע, בלישטשענדיקע שויבן פון ברעג-הייזער.

עס דערהערן זיך מיטאַמאָל געשרייען און געזאַנגען — יונגע חברה, אויפן טייך, האַלב נאַקעטע, מיט פאַרברענטע און פאַרברוינטע לייבער, יינגלעך און מיידלעך, באַגריסן אויף זייער אופן דעם פאַרביישווימענדיקן דאַמפּער. איין שיפל מיט פּאַסאַזשירן איז אַרויפגעצויגן אין דער קווער אויף אַ צווייט שיפל. הוידעט זיך דאָס אונטערשטע שיפל אויף די וואַסער-כוואַליעס, וואָס דער נאָענט-פאַרביירודערנדיקער דאַמפּער שלאָגט אויף; הוידעט זיך דאָס ערשטע, אין-דער-קווער אַריבערגעצויגן שיפל אויפן צווייטן, ווי אַ

הוידעלקע... און ס'דאַכט זיך: אין דער באַנגסטער מינוט קערן זיי זיך ביידע איבער אין וואַסער אריין...

אַז ווינט און ווייטקייט פאַרווייען און צעמישן מיט פאַרנאַכטיק-ווינקלדיקע וואַסערן די לעצטע אָפּגעריסענע צויטן פונם יונגן געזאַנג, שווימט מיטאַמאָל אַרויס פאַרן דורשטיקן אויג אַ בריק אַ חרובע.

איינזאַמע קאָלאָנעס טויכן אַרויס פון וואַסער, אָבער מער גאָרנישט... קיין אָנגענעמע מאַסע פון אַ לעבעדיקן בריק-געוועבטראָגן זיי איצט נישט אויף זיך — זיי קוקן אויס, דידאַזיקע קאָלאָנעס, ווי ריזיקע אַקסלען פון אַן אומגעהייער באַשעפעניש, וואָס זיין הערקולעסן-קאָפּ איז אַרונטערגעהאַקט געוואָרן פון אים... די שטיקלעך רויט-פאַרזשאַווערטן מעטאַל און אייזערנע פרענטן, וואָס שטעקן פון זיי אַרויס דאָ און דאָרט, קוקן אויך אויס, ווי עפּעס אַזעלכע אַרויסהענגענדיקע בלוטיקע אָדערן פון אַ געזונטן קערפּער, וואָס איז ערשט געניזוקט געוואָרן — בלוטיקע אָדערן, אָפּגעפליקטע מוסקולן, צעשטויסענע ביינער...

אָפּס, איבער מיינע שפּעטערדיקע פילע נסיעות איבערן ראַטן-פאַרבאַנד, איז מיר אויסגעקומען צו זען אַזעלכע סימנים פון חורבן, וואָס דער שונא — ווייסער און שוואַרצער — האָט איבערגעלאָזט הינטער זיך: נישט אַזוי גיך ווערן וואונדן, וואָס זענען אין משך פון עטלעכע יאָרן באַכאַנאַנד — פון אַלע זייטן, און פון יעדן איינעם, וועלכער האָט נאָר „געהאַט גאָט אין האַרץ", — געמאַכט געוואָרן איבערן קערפּער פון אַ פאָלק און אַ לאַנד, וואָס האָבן זיך בלוטיק געצאַפּלט אין די געבורט-ווייען פון אַ נייַ לעבן, — נישט אַזוי גיך און נישט אין איין יאָר ווערן אַזעלכע וואונדן אויסגעהיילט און מיט געזונטן הויט-און-פלייש פאַרצויגן.. נאָר אין אָט דער מינוט, באַם אָנבליק פון אָט דעם אַרויסשטאַרטשענדיקן סקעלעט פון אַ געוועזענער געזונטער בריק, באַם אָנבליק פון די אַרונטערהענגענדיקע פאַרזשאַווערטע מעטאַלענע שטיקער און אייזערנע שטעקנס און פרענטן, וועלכע טריפן, דאַכט זיך, נאָך איצט מיט בלוט אינם פאַרנאַכט, — אין אָט דער מינוט, פונקט ווי

אין אַ סך אַנדערע אַזעלכע מינוטן, שטעכט עס אין האַרץ און עס פּאַרשאַפט ווייטיק און פּיין.

אָבער אַז איך גיב אַ גיכן קוק אויף הינטן, קען איך דאָך נאָך זען, באַגאָסן מיט שקיעה־ליכט, די ריזיקע סטרוקטור פון דער קיעווער קייטן־בריק, וואָס הויערט מיט זיין געקעסטלטער און פאַרשידנפאַרמדיקער ברייט און לענג איבערן דניעפּר, דאָרטן טיף באַם האָריזאָנט... נישט לאַנג איז זי פאַרענדיקט געוואָרן, אַט די בריק, און געעפנט געוואָרן פאַרן דורכפאָר פון ברעג צו ברעג — פון באַרגיק־וואַלדיקן קיעווער ברעג צום פלאַכזאַמדיקן טשערניגאָווער ברעג — אַלע טיילן פון אַט דער נייער בריק, די גרעסטע און מאַסיווסטע, ווי די קלענסטע און פיינסטע, זענען פאַרפאַרטיקט געוואָרן אויף רוסישע זאַוואָדן און מעטאַל־גיסערייען... און פון ווייטנס שיקט מיר דער ריזיקער בלויער מעטאַלן־געפלעכט זיין טרייסט און בשורה:

— אַהאַ... נישקשה, מיר בויען, — מיר בויען און מיר וועלן נאָך בויען!

דאָס איז דאָך די זעלביקע פרייד, וואָס איך האָב מיט אַ צייט שפּעטער געפילט באַם אָנבליק פון דער אָקאַרשט־אויפגעשטעלטער בריק איבערן פאַרחלומטן, שטילן בוג, בײַ דער אַלטער און מיט פיל היסטאָרישע זכרונות פאַרבונדענער יידישער שטאָט בראַצלאַוו, — און ערגעץ אַנדערש־וואו; און אומעטום, וואו איך פלעג נאָר זען, ווי מען בויט, ווי מען פאַרריכט, ווי מען שטעלט ווידער אויף.

איך פלעג מיך נישט קענען אָפּרייסן פון אַט אַזעלכע סצענעס; מיין פאַרשכורונגס־געפיל פלעגט דערגרייכן אַזוי וויט, אַז איך פלעג פאַרגעסן, אַז אפשר האָב איך גאָר קיין רעכט נישט זיך אַריינצומישן אין קאָן, ווייל איך בין דאָך גאָר אַ „פרעמדער", אַן „אַמעריקאַנער"... אַלנפאַלס: מיט רעכט, צי אָן רעכט, — נאָר אומבאַוואוסטזיניק פלעג איך אין דער שטיל פאַר זיך נאָכזאָגנד האַלטן אין איין חזרן:

— מיר בויען... מיר פאַרבן... מיר קאַלכן...

— מיר בויען... מיר וואַקסן... מיר קאַלכן...

אָוונט. פון דער הויך, פון דער שיף־דעק, ציט מיך אָן אַ־מעטיק פאַרצויגן היימיש געזאַנג. עס טראָגט מיך אַרויף...

...נאָר עס זענען הפנים געווען די אַריינגעזשליאָקעטע טשייניקלעך זודיקע טיי און אָקרעפּ, וועלכע האָבן אַריינגעבראַכט די פּאַסאַזשירן אין צענטן שווייס און זיי ענדלעך „מנצח" געווען. „ביינעקומענע" זענען זיי איצט געלעגן צעשפרייט איבערן דריטן קלאַס אין די פאַרשידנסטע פּאָזיציעס, ווי הרוגים אויף אַ שלאַכט־פעלד: אויף בענק, אויף נאַקעטן, האַרטן דיל, אויף מעטאַלענע פּליטעס לעבן דער מאַשינען־אָפּטיילונג, אויף האַרטע פּראַכט־קאַסטנס, אויף שטאָלענע שטאַנגען, אויף שווערע שטריק און קאַנאַטן...

הענגענדיק ממש אויף אַ משקולת, — אויף שפּיצן פון הויכע קאַסטנס, אויף אַרויסשטאַרטשענדיקע עקן און קאַנטן פון זעק מעל און מאַקוכע — זענען זיצנדיקערהייט געשלאָפן פּויערטעס און יונגע שיקסעס. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט, איין ריר, און זיי פליען אַרונטער, נאָר ווי דרימלענדיקע הינער אויף פּאַרקאַנעס און לייטערס, האָבן זיך אויך אָט די באַשעפענישן אין זייער שלאָף מיט פאַרבאָרגענעם אינסטינקט באַלאַנסירט — און אויף מאָרגן, פרי פאַרטאָג, האָב איך זיי אין טיפן שלאָף געטראָפן, נאָך אַלץ הענ־גענדיק אויף די זעלביקע ערטער...

דרימל. שנאָרכן. כראָפּען. רעגלמעסיק זעגן, ווי פון פיל זעגן.

לעבן דעם וואַסער־פּלומפּ הענגט אַ וואַסער־צייטונג פון די וואַסער־טראַנספּאָרטלער. איך פּרוּוו אַריינקוקן — ס'איז נישט מעג־לעך: פינצטער. נאָר מיט אַמאָל גיט פון דער פינצטערניש, וואָס

הערשט באַם פּלומפּ, אַ בלישטשע אַרויס אַ ריי גרויסע, שוואַרצע און פעטע, יידישע אותיות:

— פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַרייניקט זיך!

אַז איך שטרענג שאַרפער אָן מיינע בליקן, זע איך, אַז דאָס איז אַ שמאָלער, אויסגעשניטענער צייטונגס-פּאַסיק, וואָס איז דאָ אויפגעקלעפּט געוואָרן אויף דער וואַנט-צייטונג. עטלעכע אַזעלכע שמאָלע פּאַסיקלעך זענען דאָ אַרויפגעקלעפּט געוואָרן — די זעלביקע אויפשריפט אין עטלעכע אייראָפּעישע שפּראַכן: ענגליש, דייטש, פראַנצויזיש, איטאַליעניש, שפּאַניש.

— פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַרייניקט זיך!

איך האָב זיי דערקאָנט, דידאָזיקע פּאַסיקלעך — דאָס זענען זיי אויסגעשניטן געוואָרן פון דעם ערשטן-מאַי-נומער, וואָס די קיעווער צייטונג „פּראָלעטאַרסקאַיאַ פּראַוודאַ" האָט מיט עטלעכע טעג פריער אַרויסגעלאָזט, און איך שטיי אַזוי פאַר די-דאָזיקע צעטעלעך — גלייכצייטיק אי פראָסט אַזוי, אי געהיים-וויכטיק — פונקט ווי איך בין שפּעטער מיט אַ צייט געשטאַנען אין אָדעס לעבן דעם קלוב פון די ים-אַרבעטער און מאַטראָסן. דאָרט, אין דער איינגאַנג-טיר, איז צוגעקלאַפּט געווען אַ לענגלעך שוואַרץ מאַרמאָרן-ברעטל, אויף וועלכן עס גילדן זיך די אותיות פון בסך-הכל איין און איינציקער אויפשריפט. אָט יענע אויפשריפט לייענט זיך, מיר דאַכט זיך, אומגעפער אַזוי:

„קלוב פון וואַסער-טראַנספּאָרטלער און אַרבעטער אויף וואַסער-וועגן פון ים און טייכן".

אומגעפער אַזוי. בסך-הכל!

נאָר דידאָזיקע אויפשריפט, וועלכע איז מיט גאָלדענע אותיות אָנגעצילצעוועט אויפן שוואַרצן מאַרמאָרנעם ברעטל, איז איבערגעחזרט אין אָן אַ שיעור שפּראַכן, שפּראַכן פון גרויסע און קליינע פעלקער; אויסער די אויבן-אויסגערעכנטע הערשנדיקע אייראָפּעישע שפּראַכן, - אויך אין רומעניש, פּאָרטוגעזיש, אַראַביש, כינעזיש און אַז. וו. און אַז. וו.

און אין יידיש אויך.

אין רעגנדיקע נעכט, אין שיינע אויסגעשטערנטע נעכט, ווען העל־לויכטנדיקע ווענוס און סיריוס ווארפן אויפן ים זייערע אייגענע גלוסטיקע וואסער־פאסן, ווי קליינע לבנהלעך, פלעג איך זיך ליב האבן ארומדרייען פאזע דעם ברעג פונם שווארצן ים, אויף פעלדמאגס בולוואר. נאר ווי און וואוהין איך זאל זיך נישט דרייען, סוף כל סוף פלעג איך זיך דערזען שטייענדיק בא דער איינגאנג־טיר צום קלוב פון די ים־ארבעטער און מאטראסן. אין דער פינצטער פלעג איך מיט ליבשאפט און ציטערדיקן וואונדער באטאפן מיט בענקענדיקע פינגער אט די פארשידענע אויפשריפטן אין די לשונות פון כמעט דער גארער וועלט...

און וואס זאל איך דא לייקענען, און וואס האב איך מיך דא צו באהאלטן... אט די אויפשריפטן און די פירקאנטיקע אותיות, וואס לייענען זיך פון רעכטס צו לינקס, אט די דראבנע אותיות פון מיין מוטער־שפראך — זיי זענען מיר פארט ליב און טייער, און דעריבער היימיש אזוי... היימיש...

יידישיזם — שמידישיזם... אבער זאגט אקארשט:

— וועלכן פאנטאסטישסטן, היציקסטן „יידישיסטן"־קאפ האט זיך ווען עס איז געחלומט אפילו אין די ווילדסטע, אום־פראקטישסטע חלומות צו טרעפן די יידישע שפראך אין אזעלכע „נישט היימישע" ערטער?

אין דער לופט שטייט א שטיקנדיקער, שווערער ריח פון זויער ברויט און אלטן וואורשט, וואס גייען איצט דורך דעם באוואוסטן פראצעס פון אלע עסנווארגן, — פון הארטע און וואסער־

דיקע צושטאַנדן ווערן זיי איצטער פאַרוואַנדלט אין רינענדיקע און אַנטרינענדיקע גאַזן — אַ שווערער ריח, ווי אין אַ שטאַל סוף ווינטער־צו; אַ פאַרשכורנדיקער ריח, ווי דאַמפן, וואָס שטיקער צעאַקערטע און באַמיסטיקטע ערד לאָזן פון זיך אַרויס אין פרילינגדיקע נעכט.

מיין קאָפּ פאַרדרייט זיך אינגיכן, און איך לאָז מיך שווער אַרונטער, ווי אַן אונטערגעקאָשעטער, לעבן אַ קאַסטן מיט עפּעס באַ די שטיוול פון אַ פויער, שווער און געדיכט אויסגעווייקטע אין טראָן — צי אין דזשעגעכץ, צי אין ביידע.

איך ווייס נישט, ווי לאַנג איך בין אַזוי געלעגן. איך געדענק בלויז, אַז ס'איז מיר געווען שווער און נעפּלדיק אַזוי אין קאָפּ, און גוט, און גרינג, און ליכטיק אַזוי אויפן האַרצן...

... אַן אייגענער צווישן אייגענע — דאָס איז עס: באַרויקונג. געוואוינט צו אַזוי פיל אַנטוישונגען, האָב איך מורא אַרויסצוברענגען פאַר די ליפּן דאָס, וואָס ס'שווימט איצט אויפן האַרצן נאָר... זאָל עס טאַקע פאָרט זיין, אַז דאָס שווים איך איצט, אַז דאָס פירט מיך איצט די שיף צו זיכערע, צו אייגענע ברעגן? פריפעט, פריפעט, היימאַטס־טייך מיינער... אַ וועלט בין איך אויסגעווען, און איין טייל פון אָט דער וועלט האָב איך דאָך ענדלעך אָנגעהויבן באַטראַכטן, ווי אַן אייגענע, ווי מיין היים: ס'האָט זיך אַזוי געוואָלט אַדאָפּטירן ערגעץ אַ מאַמע־לאַנד... נאָר פאַרוואָס פיל איך איצט, אַז דאָס אַלץ איז געווען... נישט דאָס? פאַרוואָס איז מיין האַרץ פאַרבליבן אַזוי גלייכגילטיק — אין בעסטן פאַל בלויז קאַלט פאַראינטערעסירט — בשעת מיין רייזן אויפן אָקעאַן אין דער לוקסוריעזער פאַלאַץ־שיף, אין אָט דעם שווימענדיקן ערשט־קלאַסיקן האָטעל „אָלימפּיק" — און פאַרוואָס ברומט עס און רודערט עס אַזוי מיין האַרץ אויף אָט דעם קליינעם קינדערישן דאַמפערל „פראָגרעסיסט"? פריפעט, פריפעט, היימאַטס־טייך מיינער... וואָס איז מיר דער פראַכטפולער האָדסאָן־טייך, אויף וועמענס ברעגן איך האָב אין משך פון אַ סך יאָרן אַ היים מיר אויסגעבויט (איז עס אַהיים געווען, אָדער בלויז אַ געצעלט?), קעגן

אַט דעם שמאָלן שלענגלדיקן פּריפּעט-וואַסער? בלייך און נישטיק קעגן אים ווערן די אַלע גרויסע וואַסערן, איבער וועלכע מיין וועג האָט מיך אָפּט געפירט: די ווילדע און וואַלדיק-ברעגיקע קאַנאַדעאַיערעס, דער געווירצט-טראָפּישער מעקסיקאַנישער גאָלף, די ריזיקע, ווארימע פּאַסן פונם גאָלף-שטראָם... פּריפּעט, פּריפּעט, היימאַטס-טייך מיינער...

ס'האָט מיך אויפגעהויבן פון אָרט און אַ טראָג אַרויף געגעבן אויפן דעק פון שיף. איך דערזע: מיין טומלדיק אומרויק האַרץ האָט מיך צו וויט פאַרויס פאַרטראָגן... דערווייל איז דאָס וואַסער נאָך דער פרילינגדיקער דניעפּער גאָר, און די נאַכט — אַן אוקראַאינישע. שטיל.

קיין ריר. קיין ווינטל. קיין שאָרך. שטאָק-פינצטער, שמעקענדיק, פרילינגדיק... איך הער באַשיינפּערלעך, ווי פון די פינצטערע ברעגן, וועלכע מוזן דאָ זיין ערגעץ גאָר נאָענט, כאָטש איך זע זיי נישט, טראָגן זיך ריחות פון פריש-אויפבליענדיקע וועלדער, פון ערד זיך פונאַנדערנעמענדיקער, גרייט און אונטערטעניק פאַר שעפערדיקער באַפרוכפּערונג... שטיל און שלעפעריק דערטראָגט זיך פון דער נאָז פון שיף אַן אויסגעצויגן, האַלב-שלעפעריק רופן, אַ רופן, וואָס איז אַזוי אין איינקלאַנג מיט דער אַרומיקער זאַט-און-רויק-שלאָפנדיקער, נאַכטיקער געגנט, — אַ רופן, וואָס שלעפערט איין...

— אַכט... זיבן און אַ האַלב... ניין... אַכט און אַ האַלב...

דאָס מעסט אַ מאַטראָס דעם גרונט פונם טייך. פאַר די לעצטע יאָרן פון בירגער-קריג איז דער דניעפּער פאַרלאָזט געוואָרן, און דער „ברייטער און שטראָמיקער" טייך איז אפילו פרילינג-צייט ערטערווייז איצט זומפּיק און פלאַך.

אַז איך עגבער טיפער איין מיינע בליקן אין דער פינצטערניש, הויב איך סוף כל סוף אָן אויסצוטיילן פון איר הויכע, בערגיקע ברעגן, באַדעקט מיט טונקל-גרינעם, זאַפטיקן וואַלד — די ברעגן פון אַרום מעזשיגאָריע... סאַראַ רויקייט און פרילינגדי-

קע זאַטקייט עס טראָגט זיך פֿון דאָרט, צו דערמאָנען זיך נאָר, אַז
ערשט מיט אַ יאָר צוויי צוריק האָט די געגנט דאָ ממש געשווײבלט
מיט באַנדיטן... און די שטילקייט פֿון פרילינג-נעכט פֿלעגט דע-
מאָלט אַזוי אָפֿט צעריסן ווערן פֿון די לעצטע טויט-געשרייען, און
פֿון נאָך טרעקלעכערע פּחדים-געשרייען פֿון פֿאַרן טויט. און די
וואַסערן פֿונם דניעפּר באַ מעזשיגאָריע — — —

— — — — — — — — — — — — — —

און מיטאַמאָל:

פּייכטע, קלאָרע, קילע און לויטערע טרעלן לאָזן זיך הערן
פֿון וואַלדיקן ברעג. צוגעשמידט בלייב איך, געפּלעפֿט. איך האָב
נאָך אין מיין לעבן נישט געהערט דאָס געזאַנג פֿון אַזוי פֿיל נאַכ-
טיגאַלן מיט אַמאָל: קלאָרעס שפּרודלען און אַרומשפּרינגען פֿון
וואַלד-טייכלעך פֿאַרהוילענע, פֿון באַרג-שטרעמלעך, לויטערע און
קילע... פֿון יעדן בוים, פֿון יעדן קוסט, פֿונם גאַנצן אומגעזעע-
נעם ברעג, פֿון פֿאָרנט און פֿון הינטן, פֿון אויבן און פֿון אונטן,
פֿון אַרום און אַרום — נאַכטיגאַלן טרילערן, טשוויטשערן, פֿאַר-
גייען זיך, פֿאַרגיסן זיך מיט לויטער און קיל געזאַנג, שרייען אי-
בער דאָס שלעפּערדיקע פּליוסקען פֿון די וואַסער-כוואַליעס אָן די
ווענטלעך פֿון דאַמפּער.

... באַנאַכט דריי איך מיך פֿון איין זייט אויף דער אַנדע-
רער, דער שלאָף נעמט מיך נישט, אַלץ אין מיר איז וואַך. איך
שטעק אַרויס אַלע ווײַלע דעם קאָפּ אין דער קילער, שמעקעדיקער
פֿינצטערניש — נו, יאָ, אַלץ דאָס זעלבע, לעבן סאַמע אויער,
לעבן סאַמע נאָז...

אין קאַיוטע אין אַ ווינקל שלאָפֿט איצט נאָך אַ פּאַסאַזשיר,
װעלכן איך האָב פֿריער גאָרנישט באַמערקט — דער איינציקער,
חוץ מיר. איך האַלט איין מיינע באַוועגונגען, כּדי איך זאָל יענעם
נישט אויפֿוועקן. נאָר אין אַ ווײַלע אַרום דערהער איך פֿון יענעם
ווינקל אַ שטים אַ קלאָרע און דורכויס אַ וואַכע.

— אַז מען קאָן דען מיט אָן אויג צומאַכן... הערט אָקאָרשט.

ווי די נאַכטיגאַלן האָבן זיך עס פונאַנדערגעזונגען... לאָזן מיט קיין אויג נישט צומאַכן!

— יאָ, — ענטפער איך אויך קיל און וואַכנדיק. — די נאַכטיגאַלן זינגען... דאָס זינגען די נאַכטיגאַלן.

טשערנאָבּילער טרעגערס

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער שכן מײַנער אין דער קאַיוטע איז נישט קיין פּשוטער בשר ודם, נישט קיין אַבי-ווער; אָ, ניין, — איך בין, ווייזט אויס, גאָר אַ קנאַפּער מבין אויף מענטשן! דאָס איז נישט געווען קיין געוויינלעכער בירגער, מער נישט מיט אַ ביסל מער געלט אין קעשענע — דאָס איז געווען אַ „ספּעץ״, אַ וויכטיקער אָנגעשטעלטער אין עפּעס אַ מלוכהשן געהילץ-טרעסט.

נאָר דאָס איז אוודאי נאָך אַלץ ווייניק: זיין אַמאָליקער „יחוס״, זיין יחוס פון די אַנטי-בעלום-צייטן פּאַרטונקלט אָן שום ספק זיין איצטיקע גרויסקייט, ווייל, פאַרשטייט איר מיך, אַמאָל — אין די „גוטע, אַלטע צייטן״ — איז ער אַליין געווען אַ גרויסער וואַלד-הענדלער, אַן אייגנטימער פון אָן אַ שיעור וואַלד-שטח אין די נאָך האַלב-ווילדע ווייס-רוסלענדישע וועלדער. און „זיין״ געהילץ פלעגט „גיין״ אין פליטן פון די אַרומיקע קלייניקע ווייס-רוסלענדישע און פּאָלעסיער טייכלעך און פלוסן צום פּריפּיעט, פונדאַנען — אויפן דניעפּר, נאָך ווייטער — צום שוואַרצן ים, און פון דאָרט, אויף ימישע און אָקעאַנישע שיפן אָנגעלאָדן, ווי בוי-מאַטעריאַל פאַר גאָר ווייטע פעלקער, לענדער און מדינות; דורכן מיטללענדישן ים פלעגט זיין געהילץ אָנשפּאַרן אַזש ביז „אַנגליע״... יאָ...

נאָר וואָס קומט אַרויס פון דעם אַלעם... דאָס איז אַלץ געווען אַמאָל — „אַמאָל, אין די גוטע אַלטע צייטן״... איצט

אָבער איז ער בסך־הכּל מער נישט ווי אַ וויצע־דירעקטאָר — אָדער אפשר טאַקע דער גאַנצער „דרעקטער". איך האָב מיך גענוי נישט פונאַנדערגעקליבן און צו אויפמערקזאַם זיך נישט צוגעהערט צו זיינע רייד — אַלנפאַלס, אַ גאַנצער מאַכער איז ער אין אַ גרויסן מלוכהשן וואַלדהאַנדעלשן טרעסט. אמת טאַקע, ווייל ער ווערט באַטראַכט, ווי אַ גרויסער און וויכטיקער „ספּעץ", קריגט ער דאָרט זייער אַ גרויסן געהאַלט — אַ געהאַלט, וואָס אַ קאָמוניסט, מעג ער אפילו פאַרנעמען דעם העכסטן און וויכטיקסטן מלוכה־אַמט — קאָן בשום אופן נישט באַקומען. נאָר דאָך — איז עס דאָך נישט „דאָס", וואָס אַמאָל... פאַרט אויף פּרעמדע קעסט... איז ער זייער נישט צופרידן מיט זיין איצטיקן מעמד — זייער, זייער נישט צופרידן.

נאָר פון דעם אַלעם האָב איך מיך דערוואוסט ערשט שפּעטער אין טאָג אריין, נאָכדעם, ווי ער האָט עס מיר אַריינגעקלאַפּט אין די אויערן אַריין אין משך פון אַ שמועס — און אַ גאַנצע נאַכט, ווי איז מיר, בין איך אָפּגעשלאָפן און נישט געוואוסט, אַז ניט מיר צוזאַמען פאַרט אַזאַ וואַזשנע „פּאַרשוינלעכקייט".

אייגנטלעך, בין איך בּאַנאַכט אפילו נישט געשלאָפן — אַלץ אוודאי צוליב די גאַנצע לעגיאָנען נאַכטיגאַלן אינדרויסן, וועלכע האָבן מיין שכן אַזוי שטאַרק פון געדולד אַרויסגעבראַכט. נאָר דערפאַר בין איך פאַרטאָג־צו קרעפטיק איינגעשלאָפן, און אויפגעכאַפּט מיך ערשט שפּעט אין טאָג אַריין.

דער שכן מיינער, וועלכער איז אויפגעשטאַנען פריער פאַר מיר — ער האָט זיך, ווייזט אויס, בּאַנאַכט גיכער איבערגעבעטן מיטן געזינגעריי פון די נאַכטיגאַלן — ער האָט מיט זיין געניטער סוחרישער נאָז (רויט און ברייט, און אָנגעשוואָלן איז זי געווען, ווי אַ היפּשע וואַסער־טרויב) דערוויל באַוויזן אַרומצושמעקן מיך און ער האָט באַלד דערשמעקט, אַז איך בין עפּעס נישט קיין ווילדער באַרבאַרישער „רוס" — נאָר אַן עכטער, אַ ציוויליזירטער „אינאָסטראַנער", צי ווייל לעבן מיר איז געלעגן אַן ענגליש ביכל, צי צוליב מיין אויבערמאַנטל אָדער אָנצוג. אַזוי, צי אַזוי — ער האָט

אפנים אויפֿן אָרט באַשלאָסן צו זען זיך מער „דערנענטערן" צו מיר.

אַז איך בין אויפֿגעשטאַנען, איז ער שוין נישט געווען: אויפֿן טיש איז בלויז געשטאַנען אַ טאַץ מיט אַ היפּשער צאָל ליידיקע, פֿאַרשמירטע און מיט אייער פֿאַרגעלטע טעלער, שאָלן, גלעזער... איך בין אַרויפֿגעשפּרונגען אין דריטן קלאַס אַרויף.

לעבעדיק, ליכטיק, אָן אַ שיעור זון־ליכט. געשמאַקער ריח פֿון סמאָלע, וואָס צעהיצט זיך, און פֿון פֿריש וואַסער. געשמאַקער ריח פֿון גרויסע קופּעס און קלאַפּטערס זיך־שיילנדיקן בעריאָזע־האָלץ, וואָס האָבן זיך געהויבן אַרום דער מאַשינען־אָפּטיילונג: האָלץ איז דאָ אַזוי וואָלוול און אַזוי שפּעדיק, אַז די דאַמף־מאַשינען ווערן דאָ געהייצט מיט פֿרישע האָלץ־שייטן, אָנשטאָט מיט נאַפֿט, צי שטיין־קוילן.

פֿויערן צעלייגט, צעוואָרפֿן, צעכראַסטעט... טרינקען טיי, אָדער גלאַט אָקרעפּ, פֿאַרזיסן און פֿאַרפּיינערן דעם טעם פֿון גרויסע לויכטעס שוואַרץ ברויט — מיט אַ טעם פֿון ערד, געמישט מיט שטיינדלעך — מיט מאָנטשינקע שטיקעלעך זיך־שמעלצנדיקער „סאַלע", מיט ביסנס פֿאַרדעכטיקן וואורשט...

און דאָ, הינטער די בערג זעק מיט מעל און קאַסטנס, אָנגעלאָדענע מיט עפּעס, ווייט אין אַ ווינקל, לעבן דער הינטערשטער טיר, וואָס פֿירט צו דער קאָרמע־צו, — האָב איך מיטאַמאָל דערזען אויף דער וואַנט הענגענדיק אַ לענין־בילד.

דאָס באַקאַנטע בילד לענינס, וואו ער שטייט אַזוי מיטן קאָפּ אַריינגערוקט צווישן די אַקסלען, די הענט אין די קעשענעס, אין אַ קורץ רעקל, מיט אַ כּיטרען, וואוילינגערישן שמייכל.

— אָט דאָס בין איך, מיט רעספּעקט צו מעלדן, דערזעלביקער... דער באַוואוסטער...

דאָס איז דאָס בילד פֿון לענינען, פֿאַר וועלכן איך שטעל מיך אַממייניסטן אָפּ, ווי אָפּט איך זאָל עס נישט אָנטרעפֿן — און וואָס פֿאַר אַ בילד — אַלט אָדער ניי — קאָן מען אין סאָוויעטן־פֿאַרבאַנד אָנטרעפֿן אָפֿטער, ווי לענינס בילד? — דאָס איז דאָס בילד, וואָס אינטריגירט מיך אומגעהייער.

וואָס באַהאַלט זיך הינטער אָט דידאָזיקע כיטרע־שמייכלענ־
דיקע אויגן, פון וועלכע איר קאָנט זיך נישט אויסבאַהאַלטן, אויגן,
וועלכע קוקן אויף אייך אַזוי דורכדרינגענדיק, אין וועלכער פּאָ־
זיציע איר זאָלט זיך נישט שטעלן צו זיי, צו דידאָזיקע שמייכ־
לענדיקע ספינקס־אויגן אויפן בילד?

איצט אָבער בין איך נישט מיט זיי פאַרנומען, נאָר מיטן
גאַנצן בילד, וועלכעס איך האָב אומדערוואַרטעט דאָ אָנגעטראָפן,
אינם ווינקל שיף הינטער די פּראַכט־קופּעס און סחורה־קאַסטנס;
אַרומגענומען איז עס מיט אַ באַשיידענער שוואַרצער ראָם און אַרומ־
געפלאָכטן איז עס מיט אַ גירלאַנדע פון אייביק־גרינע בלעטער,
פון סאָסנע־צווייגלעך... פויעריש... פּריש...

— גוט מאָרגן אייך... איר קוקט... נו, ווי געפעלט ער
אייך עפּעס, אונזער לענין, האַ?

אַ זיסע, אַן אייליקע, אַ פעטע שטים. איך האָב מיך אומ־
געדרען אַ קאָרטשע־איין געגעבן: „אונזער לענין...“

איך האָב נישט געהערט אפילו, ווי ער האָט זיך עס צו מיר
אונטערגעגנבעט מיט זיינע ווייכע, קעצישע טריטעלעך, דערדאָזיקער
שכן מיינער פון דער קאַיוטע.

קיים זיך אומדרייענדיק צו אים, פון העפלעכקייט וועגן,
ענטפער איך אומבאַשטימט:

— גוט מאָרגן, גוט יאָר... יאָ, איך קוק... אַזוי זיך
קוק איך.

נאָר יענער איז שוין אריין אין אַזאַרט — ווי באַלד איך
בין אַן „אינאָסטראַנער“, איז דאָך נישט שייך... איז דאָך אַ כשרער
לעפל מיט אַ כשר טעפל... מעג ער דאָך פאַר מיר אויסגיסן דאָס
האַרץ זיינס, דאָס אָנגעווייטיקטע...

— נו, זאָגט נאָר אַליין... אָט דאָסדאָזיקע בילד — שטויסט
עס נישט אָפּ פון זיך? באַטראַכט נאָר דעמדאָזיקן כיטרען אויס־
דרוק פונם פּנים, קוקט נאָר אָן אָט דידאָזיקע וואָליונגעריש־אריינ־
געשטעקטע הענט אין די קעשענעס — וואָס באַהאַלט ער דאָרטן,
אין די קעשענעס, אַ פייג, אַ פייג דער וועלט? באַטראַכט נאָר אָט
דידאָזיקע זיך ושמורענדיקע מאָנגאָלישע אייגעלעך... הייבט אָט

דער קאָפּ, וואָס איז אַרייַנגערוקט צווישן די אַקסלען — עפּעס נאָר ווי בּאַ אַ קעשענע=גנב... און דאָסדאָזיקע היטעלע, וואָס איז אַזוי וואוילעריש אַרויפגערוקט אויפן שטערן... עפּעס מאַכט ער דעם גאַנצן איינדרוק, ווי ער וואָלט געזאָגט:

— יאָ... אָט דאָס בּין איך, — איך אַליין, לענין, און איך פּייף אויף אייער בּאָבען...

נאָר אַז ער דערזעט, ווי מיין פּנים איז פאַרבּליבּן פאַרגליווערט, און אַז קיין שום סימפּאַטיעס האָט ער בּאַ מיר נישט אַרויסגערופן, בּאַטראַכט ער זיך, אַז אפשר האָט ער אַריבּערגעכאַפּט די מאָס:

— דאָס הייסט... איך מיין נישט לענינען „וואָבּשטשע"... איך מיין נאָר בּלויז דאָסדאָזיקע בּילד פון אים, פון אונזער־לענינען...

דאָ קער איך מיך אום, און בּאַטראַכט גענויער דעמדאָזיקן פאַרשוין:

— יאָ, עס שטימט...

גיבּ איך דעמאָלט אַ קנייטש מיט די אַקסלען, און זאָג אַרויס סתּם אין דער וועלט אַריין, אַבּי זיך אָפּטשעפּען פון אים.

— נו... פונדעסטוועגן... אַזאַ גרויסער געני... אויפגעהויבּן מיליאָנען, צענדליקער מיליאָנען אויף די פיס... געעפנט דעם מוח און די אויגן בּאַ מיליאָנען, בּאַ צענדליקער מיליאָנען פינצטערע, האַלבּ-ווילדע פּויערן...

נאָר מיין שכן זשמורעט אויף מיר ווידער אַ פּאָר סקעפּטישע, אפּיקורסישע אייגעלעך:

— נו, איר מיינט עס דאָך נישט ערנסט... כאַ-כאַ... די רוסישע פּויערן — נישטאָ ווער ס'זאָל לאַכן... געעפנט זייערע מוחות!... אַ רעגירונג פון אַרבּעטער און פּויערן... אַ סך פאַרשטייען אונזערע פּויערן פון מאַרקסיזם, לעניניזם און אַזוי ווייטער... וויפיל פון זיי פאַרשטייען און ווייסן אפילו, ווער לענין איז געוועזן, וואָס האָט ער געוואָלט...

ער אָרדנט זיך גאַנץ באַקוועם איין אויף אַ קאַסטן לעבן מיר, גרייט זיך, קענטיק, אויף אַ לאַנגן שמועס... ער וויל מיך „אינפאָרמירן" אַ ביסל וועגן דער „לאַגע" — אַז וויבאַלד איך בין, נעבעך, אַ בידנער „אינאָסטראַנער", וועלכן די באָלשעוויקעס וועלן מסתמא שוין באַאַרבעטן...

מיר ווערט אַ ביסל אומהיימלעך, נאָר יענער שמייכלט שוין באַצייטנס מיט געשמאַקער הנאה פון דעם, וואָס ער גייט מיר באַלד אַנטדעקן.

— אָט וועל איך אייך דערציילן אַ שיינס... אָבער, פאַרשטייט מיך, — מאַכט ער אַן ערנסט פנים — איך דערצייל אייך דאָ נישט קיין וויץ: ס'איז אַ פאַקט... כ'האָב עס אַליין... מיט מיינע אייגענע אויגן... אָט דאָ, אין אַ דאָרף, אין פאָלעסיע... נישט ווייט, אַרום נ אַ ר אָ וו ל י ע...

אַ פויער, אונטערן איינפלוס פון דער אַנטי-רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע, האָט אַרויסגעוואָרפן פון דער איקאָנע דאָס בילד פון גאָטס מוטער — דערביי האָט ער, דערדאָזיקער פויער, געזאָגט עטלעכע קרעפטיקע ווערטער — און אין דער זעלביקער ראַם האָט ער גלייך אַריינגעשטעלט לענינס בילד, האָט עס אויפגעהאָנגען אין דעם זעלביקן ווינקל, איבער די זעלביקע בענקלעך, מיט פויעריש-אויסגעוועבטע טעפּיכער באַדעקטע. האָט אָנגעצינדן פאַר דעם די זעלביקע לאַמפּאַדע און האָט זיך אָנגעהויבן צלמען פאַר דעם... עפּעס אַן אומגליק אין דער באַלעבאַטישקייט — אַ בהמה פאַלט אַוועק, אַ חזיר ווערט קראַנק, קיין רעגן איז נישטאָ — פאַלט ער גלייך צו צו דער לענין-איקאָנע, צלמט זיך און פרעפּלט פאַר דעם...

— און דאָס איז נישט קיין איינצל-פאַל — פאַרענדיקט דאָס דאָזיקע פּעטע, סוחרישע פאַרשוינדל מיט אַ טריומפירנדיק פנים — רוסלאַנד איז פול, פול מיט פינצטערע אַזוינע מוחות...

ער ווערט אויף אַ ווײַלע אַנטשוויגן אין באַוואוסטזיין פונם אייגענעם נצחון, אפנים. איך ווייס נישט, וואָס צו ענטפערן. איך פיל בלויז, אַז עס איז מיר דערווידער, שטאַרק דערווידער, זיך אומדרייען אין זיין זייט און דערזען זיין נאָז, וועלכע איז רויט,

גראָב און אָנגעשוואָלן, ווי אַ היפשע וואַסערטרויב, פּונקט ווי אין אָט דער נאָז וואָלט געווען קאָנצענטרירט די גאַנצע אומווירדי־קייט זיינע.

דערפאַר אָבער דערמאָן איך מיך מיטאַמאָל, אַז איך האָב נאָך גאָרנישט געהאַט אין מויל, — נישט צומאָל קיין גלעזל וואַרימס...

איך לאָז מיך גיין מיט אַנטשידענע טריט צום בופעט.

נאָר שוין אויפן וועג פאַלט מיר עפּעס איין אין קאָפּ, און איך וואַרף אים עס גלייך צו:

— נו, אויב ס'איז אַזוי, ווי איר דערציילט — און איך קאָן אייך גערן צוגעבן, אַז ס'איז אַזוי – איז עס נישט אַ באַוויז פון דעם, ווי אַבסאָלוט נויטיק עס איז געווען זיין קומען אין רוסלאַנד?

און אַז ווערטער האָבן בײַ מיר שוין יאָ אַ שפּאַר געטון צום מויל, איז קום איך אויך אַריין אין אַזאַרט... מיט אַ פּאָר טריט ווייטער קער איר מיך שוין אינגאַנצן אום צוריק, און שריי אויף אים כמעט אָן:

– הערט נאָר... איר... פּעטער פּעמפּיק... איז דען ל ע נ י ן שולדיק, וואָס ער איז נישט געבוירן געוואָרן מיט אַ הונדערט יאָר פריער, און וואָס א י י ע ר ע זענען נאָך עד היום פאַרבליבן לעגיאָ־נען גאַנצע?

נאָר אָט איז שוין דער טשערנאָבילער האַפן.

מיר לויפן אַלע אויפן ברעג.

דער ברעג איז באַלאַגערט מיט אַ פאַרביקן עולם פויערטעס, וועלכע פאַרקויפן קריגעלעך מיט מחיהדיקער, געבריטער מילך, רויט און מיט אַ פעטער „פּליואַוקע“, ווי מילך, וואָס קליינשטעטל־דיקע יידענעס „שטעלן“ אויף דער שבת־פרימאָרגנדיקער ציקאָריע — טעם גן־עדן!

האַרטע געקאָכטע אייער, געפּרעגלטע פיש, געבראָטע-נע הינדלעך: דאָ איז נאָך פאַרט נאָענט צו אוקראַינע; אין ווייס-רוסלאַנד גייען נישט קיין געבראָטענע הינדלעך בײַ די האַפּנס.

אויפן ברעג קומט גראָד איצט פאַר אַ קריגערײַ פון שיקסעס מיט אַ יידישן בחור, וועלכער פאַרקויפט ברויט אויף אַ געשטעל. איך ווייס נישט גענוי, וועגן וואָס די קריגערײַ קומט פאָר, נאָר אַז איך קוק אַריין די קריגערישע שיקסעס אין די אויגן אַריין, גע-פעלט מיר עפּעס נישט דאָס בייזע פײַערל דאָרטן: אַ באַקאַנטס, אַן אַמאָליקס... און אַז איך קוק מיך צו צום הויכן, דאַרן און איינגעבויגענעם בחור, וועלכער פאַרטיידיקט זיך פון די אָנגריפן מיט אַ שטאַמלדיק, געבראָכן און דערשראָקן רוסיש לשון, געפעלט מיר נישט זיין צעשראָקנקייט: אַ באַקאַנטע, אַן אַמאָליקע... איז עס אייביק, אייביק אַזוי?...

נאָר איך באַמערק, אַז דאָס וואָרט „זשיד" ווערט נישט אַרויפגעבראַכט אויף די ליפּן, אויף וועלכע עס ליגט אפשר איצט, און אַז די אַרומיקע פויערן — אינם געזעמל, וואָס האָט זיך אַרום די קריגס-צדדים פאַרמירט — שווייגן און קוקן במורגע:

— מאַיאַ כאַטאַ ס'קראַיו...

בכלל באַמערק איך, אַז תמיד, ווען איך וויל פאַרפירן אַ שמועס מיט פויערן ערגעץ וועגן יידן אָדער קאָמוניסטן — דרייען זיי זיך אַרויס דערפון, זיי לאָזן זיך נישט גערן אַריין אין קיין דיסקוסיעס וועגן אָט די „איניאַנים"; עפּעס, ווי זיי וואָלטן זיך געפילט ש ו ל ד י ק קעגן אָט די ביידע, יידן און קאָמוניסטן; עפּעס, ווי זיי וואָלטן געהאַט אי אַפשיי, אי שרעק פאַר אָט די ביידע; עפּעס, ווי זיי וואָלטן חרטה געהאַט שווייגנדיקערהייט אויף זייער נישט-לאַנגאַניקער באַציונג.

— דערווייל וויסן מיר נאָך נישט... מירן אויסוואַרטן און זען...

דער בליק וואַנדערט טיפער אין שטעטל אַריין, צווישן די צונויפגעפּלאָנטערטע אָרעמע יידישע הייזלעך, וועלכע שטייען איינ-

געהויקערט און דערשלאָגן. נאָך זענען זיי צו זיך נישט געקומען נאָך די שווידערלעכע טעג און נעכט, ווען עס האָט דאָ געהערשט דער אַטאַמאַן ס ט ר וק... ס'דאַכט זיך: שווערע, בלוטיקע שאָטנס פּויזען נאָך דאָ אַלץ אַרום אין דעם דערשלאָגענעם צונויפּוואָרף פון הילצערנע הייזלעך. — — —

אויפן ברעג שטייט דערווייל היפּשער טומל און פּאַרהאַוועטער גערודער. יידישע טרעגערס, געזונטע, מיט רויטע בלוטיקע קאַרקן, מיט אָנגעשוואָלענע אָדערן, ווי שטריק, לאָדעווען אויס די זעקלעך מעל, די גרויסע באַארבעטע פעלן, די פעסלעך גערויכערטע און געזאַלצענע פיש, די לאַנגע מעטאַלענע דראָנגען, א. אז. וו., וואָס זענען באַשטימט פאַר טשערנאָביל.

— בערל, וואַרף אַרויף...

— נאַכמען, דערלאַנג אָקאַרשט...

— איצע, ס'איז דאָ? — פרעגט איינער אַ יונגער, סאָסנעהויכער בינדאַזשניק אַ צווייטן, אַן אַלטינקן און צעקרומטן טרעגער, וועלכן ער וואַרפט אַרויף אויף די אַקסלען היפּשע צוויי קאַסטנס, אַזוי אַז יענער גיט זיך אַ שאָקל רעכטס און לינקס, ווי אַ שיף אין אַ זאַווערוכע. — איצע, ס'איז דאָ?

— יעסט, — ענטפערט איצע אָפּ וואָוויליונגעריש, — לייג נאָך...

אַלט איז ער שוין, איצע, און שאָקלט זיך, ווי שכּור, פון זייט אויף זייט פון דער שווערער משא, וואָס איז אַרויפגעשלייַדערט אויף זיינע איינגעבויגענע פּלייצעס. נאָר ער שטייט נישט אָפּ פון עולם, איצע: ער טראָגט אין ריי גלייך מיט אַלעמען...

יונג און אַלט איז דאָ פאַראַן צווישן דידאָזיקע פאַרגעלטע, פאַרשטויבטע און פאַרפעטסטע טרעגערס — אַלע טרעגערס אויפן טשערנאָבילער ברעג זענען יידן. און אַז דו קוקסט זיך צו אַ ווײַלע צו די געזונטע, האַרעפּאַשנע פּנימער, צו די צעאַקערטע און צעקאַרבטע נאַקנס, צו די שטייפע עקשנותדיק־אַרויסטאַרטשנדיקע אָדערן אויף די אָקסישע מיט שווייס באַגאָסענע שטערנס, — ווערט דיר גרינג און ליכטיק אַזוי אויפן האַרצן:

— זעסט — זאָגסטו צו זיך אַליין אין דער שטיל, — ס'איז דאָ.. נאָך אַ סך געזונטע און האַרעפּאַשנע רוי-ערד פאַרמאָגן מיר. — מיט אַזעלכע האַרעפּאַשנע און אָדערדיקע טרע-גערס װעלן מיר נאָך אַ סך, אַ סך טראָגן און איבערטראָגן — און דערטראָגן צו אַ ליכטיקן ציל.

די טײַערן פֿון װײַס־רוסלאַנד

דער טײַך װערט שמעלער, זאַמדיקער, שלענגלדיקער...

איך האָב נאָך אין ערגעץ נישט געזען אַ טײַך, װאָס זאָל אַזױ אָפּט און אַזױ גערן זיך אױסקרימען, זיך אױסבײגן, שלענגלען זיך, װי עס טוט עס דער פּריפּעט־טײַך! פֿלאַך און נישט רױשיק איז זײַן שטראָם דאָ, קלײנשטעטלדיק און געמיטלעך. באַגעגנט ער אױף זײַן װעג אַ װעלכע עס איז נישט שטערעניש, אַ פּעלזל, אַ װעלדל, אַ האַרטערן באָדן — טרעט ער בנעימותדיק און שטיל אָפּ דעם װעג:

— זאָל מײנס איבערגײן...

און די װעלדער זענען דאָ, בײַ די ברעגן, נישט גאָט װײס װאָס פֿאַר אַ געדיכטע און אַלטע (די אַמאָליקע װעלדער האַרט בײַ די ברעגן פֿון פּריפּעט זענען שױן לאַנג־לאַנג אױסגעהאַקט געװאָרן) — בײַ די ברעגן זענען די זעלטענע װעלדלעך יונגינקע נאָך, שװאַ־כינקע און װײַסינקע: בעריאָזע־װעלדלעך, יונגע קאַרליק־סאָסנע־לעך, נישט פּרעטענציעזע קוסטעס און אַלערלײ פֿאַרפֿלאָנטערטע זאַמד־געװיקסן (די אמתע, ריזיקע, נאָך װײניק באַרירטע און אוראַלטע װעלדער פֿון װײַס־רוסלאַנד — װעלדער, װאו עס בלאָנדזשען נאָך אַרום װעלף און קאַבאַנעס, בערן און זוברעס — זײ געפֿינען זיך װײַטער פֿונדאַנען, טיפֿער אין פּאָלעסיע, טיפֿער אין די געדיכטע־נישן פֿון װײַס־רוסלאַנד).

און די בּרעגן זענען דאָ נישט קיין הויכע און נישט קיין פעלזיקע — אַחדאי נישט קיין וואָלגאַ=בּרעגן אַרום די סטענקאַ=ראַזינישע ז ש י ג ו ל י נ ע ר בּאַוואַלדעטע בּערג און נאַקעטע פעלזן... פלאַך זענען די פּריפּעט=בּרעגן, פלאַך און זומערדיק. איז אַ בּרעג וואו נישט=וואו אפילו אַ בּיסל העכער — איז ער ווייס און בּרעקלדיק: זאַמד-גרונט זייעט זיך אומעטום דאָ דורך. קלאָר, גאָלדיק זאַמד בּלישטשעט און גלימצערט — זאַמד, גלאָז און סיליקאָן — דער שפּעדיקער מינעראַל פון אָט דער געגנט.

מיר פאָרן פאַרבּיי בּ י ע ל אַ י אַ ס אָ ר אָ ק אַ — די גרענעץ צווישן אוקראַינע און ווייס-רוסלאַנד.

בּרעגן מיינע היימישע, קינדהייט=בּרעגן מיינע!

ליבּע, אָרעמע געגנט, ליבּע היימאַטס=ערד... ערד, וואָס דו האָסט געקאָנט אַזוי ווייניק און אַזוי אָרעם שפּייזן דיינע קינדער — ערד, וואו פויערן פלעגן זיך קוויקן טונקענדיק שוואַרץ בּרויט אין אַזאַ ים=המלחדיקן עקסטראַקט — אין געדיכטן ליאָג פון הערינג, פּונקט ווי אין עפּעס אַ טייערן סאָוס, — אַ=לאַ אַזוי און אַ=לאַ עפּעס אַנדערש...

ערד, וואָס בּאַ דיינע איינוואוינער איז אַ רויער ר אַ ט נ י ק געווען אַ טאָג=טעגלעכער מאכל, אַ געפּרעגלטע וו אָ ב ל ע — בּאָבּלע פלעגן מיר, קינדער, עס רופן — אַן אָנגעלייגטע ווינטערשפּייז; אַ בּיסל נישט פון „שטשאָוו" בּאָרשטש פאַרווייסטער — אַ דערקוויקנדיק געריכט זומער=צייט, און שטיקלעך אַרומגעוויכערטע אָפּגעסמאַליעטע ביינער מיט קליינע סאַזשעלקעלעך געלן ביינערמאַרך אין מיטן — פוס=נאָגע — אַ זעלטן מאכל אויף שבת, „מעדני מלך"...

ליבּ זענען מיר דיינע ווייס-געלבּלעכע זאַמדן, היימאַטס-ערד, וואו עס געדייעט אַזוי גוט דיין פאַרשפּרייטסטער און אָנגענומענסטער מאכל דאָ — קאַרטאָפל, בּולבּעס... אוודאי, בּאַ דיר דאָ, אויף דיין זאַמדיקן קאַרטאָפל-בּאָדן, האָט געמוזט בּאַשאַפן ווערן דער הימן פון די אָרעמעלייט — סאַרקאַסטיש=אָפּשפּעטנדיק, רעזיגנירט=אָננעמענדיק:

„ברויט מיט בולבע, פיש מיט בולבע,
ווארעמעס און וועטשערע: בולבע!
אָבער און ווידער: בולבע!
שבת נאָכן טשאָלנט א בולבע-קוגעלע,
זונטיק ווייטער בולבע"...

ליב אָרעם-לאַנד, וואו חוץ בולבעס זענען אויך אויסגעוואַקסן די פּאָעטן און באַזינגער פון אונזער פאָלקס-אָרעמקייט, פון אונ-זער פויערטום, — מענדעלע, אברהם רייזען, יוסף ראָלניק און — איזי כאַריק.

עס שלענגלט זיך, און קרימט זיך, און בייגט זיך, און דרייט זיך דער פּריפּעט-טייך, — אַ שווערע אַרבעט האָט פאַר זיך אונזער קאַפּיטאַן.

אונזער קאַפּיטאַן: ער זעט אַזוי ווייניק אויס, ווי אַ קאָמאַנ-דיר פון אַ שיף. נישט פאַרפּוצט איז ער אין זיין ווייסן קאַפּיטאַ-נישן היטל. עס שיינען נישט אויף אים די בלישטשענדיקע קנעפּ, די גאָלדענע האַלונעס און פאַסיקלעך פון זיין פּראָפעסיע. ער טראָגט אַ פשוטן אַנצוג, אַן איינפאַך העמד, און אַ „טאָלסטאָווקע" — דער פאַרשפּרייטסטער בגד אין ראַטן-פאַרבאַנד — איבער דעם זיין אויסזען זאָגט שטאַרק עדות אויף אַ פויער, וועלכער האָט זיך אין משך פון עטלעכע יאָר לעבן אין דער גרויסער שטאָט ערשט דאָרט „אויסגעמענטשלט".

נאָר אַז איך פאַרפיר ביסלעכווייז, ביסלעכווייז, — מיט אַ קאַפּיטאַן, ווען ער געפינט זיך אויף זיי וואַכטע-בריקל, טאָר מען קיין שמועס נישט פאַרפירן — מיט אים אַ רייד וועגן דעם, וואָס די מאַכט איז איצט אין די הענט פון די פויערים, באַ דעם „סערפּ"; וואָס עס ווערט איצט געגעבן זיי, ידידאַזיקע פונדאַמענט-שיכטן פון די רוסלענדישע פעלקער, אַלע מעגלעכקייטן זיך אַרויסרוקן אויף פאַראַנטוואָרטלעכע און סאַמע וויכטיקסטע מלוכה-פּאָסטנס, — איז מיין קאַפּיטאַן עפּעס גאַרנישט אַזוי ענטוזיאַסטיש: ער רעדט פאַר-

זיכטיק, איינגעהאַלטן, מיט רעזערוו... איז דאָס דער געוויינלעכער סימן פון איינעם, וואָס האָט זיך „אויפגעהויבן" איבער דער שיכט, פון וועלכער ער איז אַרויסגעקומען. און האָט נישט ליב, אַז מען דערמאָנט אים וועגן דעם? אַלנפאַלס, ער איז גאָרנישט אַזוי באַגייסטערט, מיין קאַפּיטאַן, פון דעם מלוכהשן זינען און, בכלל, פון דעם „גייסטיקן ניוואָ" פון „אונזערע פויערן". און סוף־כל־סוף האָט ער מיר אַ מעשה צו דערציילן:

אַ מעשה וועגן דעם, ווי מען האָט צעראַבירט איינעם אַ מאַיאָנטעק פון אַ גוטס־באַזיצער ערגעץ אויפן ברעג דניעפּר...

און דער מאַיאָנטעק איז נישט געווען אַבי־וואָס פּאַר אַ מאַיאָנטעק — אַ מוסטער־גוט איז עס געווען, אַ מאָדעל פון מאָדערנסטע און לעצטסטע לאַנדווירטשאַפטלעכע מעטאָדן. און דער אייגנטימער פון דעמדאָזיקן גוט איז אויך נישט געווען קיין געוויינלעכער „פּאָמיעשטשיק" — דאָס איז געווען אַ באַרימטער יוריס־קאָנסולט, ט א ל ב ע ר ג, וועלכער האָט זיך געשטעלט פאַר זיין אויפגאַבע אויסצובויען אַ מאָדערנע, עכט־אייראָפּעישע לאַנד־ווירטשאַפטלעכע עקספּערימענט־סטאַנציע...

נו, איז געקומען ווער עס האָט געדאַרפט קומען און דאָס־דאָזיקע גוט „צוגענומען" — און דערדאָזיקער „אייראָפּעישער" גוט־באַזיצער, צוזאַמען מיט פיל פון זיינס גלייכן, האָט געמאַכט זייער אַ העלדישן „ויברח".

זענען אָנגעקומען די פויערן — אויסגעהונגערטע, אין משך פון הונדערטער און הונדערטער יאָרן, היישעריקן — זענען זיי אָנגעקומען פון די אַרומיקע דערפער און האָבן אַזוי געזאָגט:

— ס'איז אונזער מאַכט... ס'איז אונזער לאַנד... לאָמיר זיך טיילן...

האָט מען זיך צעטיילט: ווער מען אַן אַקער, ווער מען אַ גראַבאייזן, ווער מען אַ טראַקטאָר, ווער מען אַ דרעש־מאַשין, ווער מען אַ האָלענדישע קו, ווער מען אַ יונגן זשרעבעץ פונם בעסטן בלוט־יחוס, ווער מען איין שטיק פעלד, ווער מען אַ צווייטס.

איז געקומען די ריי צום פרוכט־גאָרטן — איין און איינציק איז ער געווען. זעלטן און רייך מיט די פאַרשידנסטע פרי־ביימער,

ווענעס פרוכטן האָבן געהאַט אַ שם אויף ווייט און ווייט אַרום.

איז מען געבליבן געפּלעפּט —

— ווענען זאָל געהערן אָט דער איין און איינציקער זעל־טענער פרוכט־גאָרטן?

איז געקומען די ריי צום רייכן און פּראַכטפולן פּאַלאַץ־הויז, וואָס איז געבליבן פוסטעוואָן איצט, — איז ווי קאָן מען זיך מיט אים צעטיילן?

— ווענען זאָל געהערן אָט דער איין און איינציקער זעל־טענער פּאַלאַץ?

רופט זיך אָן דער דאָרפס־לערער פון איינעם פון די אָרומי־קע דערפער, וועלכער איז אויך געקומען אַהער, צוזאַמען מיטן אי־בעריקן, הוליענדיקן, ראַבירנדיקן און יום־טובדיקן עולם:

— ברידער... אַזוי און אַזוי... ס'איז אונזער מאַכט — ס'איז אונזער לאַנד... אַלץ איז אונזערס... אָבער ווי קאָן מען זיך צעטיילן מיטן איין און איינציקן פרוכט־גאָרטן? ווי קאָן מען זיך צעטיילן מיטן איין און איינציקן הויז? אַז אונזערע זענען הונ־דערטער...

שוויגן די אָרומיקע פויערים, כמורען זיך און וואַרטן.

— מיין עצה איז — זעצט פאָר דערדאָזיקער דאָרפס־לע־רער — אַז אין דעם פריצס פּאַלאַץ זאָלן מיר איינאָרדנען אַ שולע... און אַ לייען־זאַל אויך... און די הכנסות, וואָס וועלן אַריינקומען פון דעם פרוכט־גאָרטן, זאָלן פּאַרטוין ווערן אויף צו דעקן די הוצאות פון דער שולע און דעם לייען־זאַל... מסכים?

קראַצן זיך די פּאַרזאַמלטע פויערים אין די פּאַטילגיצעס, קוקן מיט אומצוטרוי איינער אויפן אַנדערן:

— וואַרט נאָר אָקאָרשט... ווער נאַרט דאָ וועמען... וואָס הייסט, ס'זאָל קיינעם נישט געהערן... עמעצן מוז עס דאָך גע־הערן!...

און אַזוי זיך קראַצנדיק, און אויסשפּייענדיק, און באַטראַכטנ־דיק איינער דעם אַנדערן מיט אומצוטרוי, נישט באַשליסנדיק נישט יאָ און נישט ניין — איז מען זיך כמורנע פונאַנדערגעגאַנגען.

אויף דערווייל בלויז.

ווייל יעדער איינער, אויף זיין געלעגער באַנאַכט, האָט אויף איין און דעם זעלביקן אופן פאַרטגעזעצט דאָסדאָזיקע נישט פאַרשטייענדיקע קראַצן אין דער פאַטילניצע:

— וואַרט אָקאָרשט... איז וואָס זשע הייסט עס... ס'איז אונזער מאַכט, צי ניין? אונזער מאַכט. אונזער מאַכט — הייסט עס: אונזער הויז, אונזער גאָרטן... טאַק... ריכטיק... איז וויבאַלד, אַז ס'איז אונזערס, איז וואָס זשע מיינט עס: ס'זאָל קיינעם נישט געהערן?... האַ?

און ווידער אַ שפּיי, און ווידער אַ קראַץ אין פאַטילניצע, און ווידער אַ כראַקע.

נאָכאַמאָל, כסדר: ס'איז אונזער מאַכט? יאָ, ס איז אונזער מאַכט. נו, איז אויב אַז ס'איז אונזער מאַכט...

און מען האָט זיך אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט געקראַצט אין די פאַטילניצעס, און אין די דורותדיק־פאַרוואַקסענע מוחות, אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז מען האָט זיך דערטראַכט:

— וואָט טשטאָ... נישט אַנדערש: דער לערער אַליין איז אַ בורזשוי... אַ בורזשוי איז ער... און פאַרטיק...

און בכלל, — איינס איז דאָך קלאָר לכל הפּחות: ני־ני, פון אַ בורזשויסקע פאַרמעגן טאָר גאָרנישט בלייבן...

און ביסלעכווייז, ביסלעכווייז, איינער גנבענענדיק פונם צווייטן, פלעגט מען באַנאַכט אויסהאַקן בוים נאָך בוים פונם פרוכט־גאָרטן; ביסלעכווייז, ביסלעכווייז, איינער פאַרלויפנדיק דעם וועג דעם צווייטן, האָט מען געשלעפּט שטיקלעכווייז פונם הויז: אייזן נאָך אייזן, ציגל נאָך ציגל, פענצטער נאָך פענצטער, טיר נאָך טיר...

נאָר אַלץ איז נאָך אַ היפּש ביסל פאַרבליבן סיי פונם הויז און סיי פונם גאָרטן: ס'א'ז שווער געווען אין די באַנאַכטן אַלץ צוצושלעפּן. און באַטאָג — האָט איינער זיך געשראָקן פאַרן צווייטן. און איבערלאָזן עס אַזוי — האָט איינער נישט פאַרגינען דעם צווייטן. ביז —

ביז אין איינער אַ נאַכט האָט אַ שאַרלאַך־רויט פייער באַדעקט דעם הימל אַרום און אַרום אויף פיל וויערסטן ווייט — און אַלץ איז אַוועק אין אַש.

— פון אַ בורזשויסקע פאַרמעגן טאָר גאָרנישט נישט בלייבן... — — —

אַ מעשה, ווי אַ מעשה, איך בין דאָרטן נישט געווען.

נאָר דער קאַפּיטאַן האָט געהאַט אַ טעות אין חשבון: די מעשה זיינע האָט מיך עפּעס נישט אַזוי שטאַרק אויפגעבראַכט קעגן אָט יענע פּויערים. איך קראַץ מיך אַ ווײַלע אין דער פּאַטילניצע, פּונקט ווי עס האָבן געטון אָט יענע פּויערים: אַן ענטפער, ווייס איך, ליגט דאָך ערגעץ באַ מיר, נאָר איך ווייס נישט, וועלכע פּאַסיקע ווערטער — פּאַסיקע פאַרן קאַפּיטאַן, פאַר אָט דעם אויסגעמענטשלטן פּויער — צו געפינען פאַר אים. כאַפּ איך מיך סוף־כל־סוף אָן אָן די ערשטע בעסטע:

— און זאָגט נאָר אָקאָרשט, קאַפּיטאַן... איר האָט דאָך מסתמא געקענט אָט יענעם טאַלבערגן... אָט יענעם־אָ... דעם פּילאַנטראָפּישן אייראָפּעער, וואָס האָט געוואָלט אינם אַלטן רוסלאַנד איינפירן מוסטער־לאַנדווירטשאַפטן... טאָ זאָגט־זשע מיר: אַ סך האָבן עפּעס די אַרומיקע פּויערים הנאה געהאַט פון זיינע „לעצטע לאַנדווירטשאַפטלעכע עקספּערימענטן און איינריכטונגען", פון זיינע פערד־זאַוואָדן, פון זיינע קולטורעלע אויפטוען, און אַזוי ווייטער? אַ סך האָט ער געטון, כדי צו פאַרשמעלערן דעם תהום צווישן זיין מאָדערנער באַלעבאַטישקייט און דער אַרומיקער, אַזוי אָפּגעשטאַנענער און פינצטערער, האַ?

און נאָך אַ־מאָל:

— האַ?

נאָר שטעלט זיך פאָר, אַז מיין „האַ״ איז טאַקע אַזוי פאַר־בליבן אָן אַן ענטפער.

זיצן אויפן דעק פּאַסאַזשירן — פּויערים, יידן, שטאָטישע — און באַטראַכטן אַ לאַנגע קייט פּליטן, וואָס ציט זיך לאַנגזאַם אַרונ־טער־וואַסער. הייזלעך שיינע, פון געטעסעטע ברעטער, אויף זיי, פון די קוימענדלעך — אַ רויך. מען קאָכט וואַרמעס.

שמועס פלעכט זיך דעמאָלט אַרום פּליטן — פון ווייט, פון אומעטום, פון טיף ווייס־רוסלאַנד, אַזש פון וואָלין, אפילו פון די אוראַלטע, נאָר קוים־באַרירטע פּאָלעסיער וועלדער, וואָס געפינען זיך אויף גרענעצן פון מינסקער און וואָלינער גובער־ניעס.

אָן אַ שיעור קליינע שטרעמעלעך, טייכעלעך און פלוסן ציען זיך דורך דידאָזיקע וועלדער צום פּריפּעט. זומער־צייט טרוקענען זיי איינגאַנצן אויס — אַ הון קאָן זיי אַריבערגיין באָרוועסערהייט. נאָר פרילינגס־צייט ווערן זיי פול, אָנגעשוואָלן, רוישיק — וואַרפט מען אין די שטראָמיקע וואַסערן אַריין איינציקע קלעצער, געהילץ, ביימער גאַנצע אפילו.

... פון די פּאָלעסיער וועלדער, פון די אוקראַאינישע וועל־דער; געהילץ אַזש פון זשיטאָמירער געגנט, איבערן טעמערעוו, דעם שטילן טייך, וואָס צופּוסנס אַ באַרגיקן ברעג, ווערט איינציק־ווייז געטריבן דורך דידאָזיקע שמאָלע שטרעמעלעך צום פּריפּעט־צו. דאָ, באַ די מיילכלעך פון די קליינע טייכלעך, ווערן די איינצלנע ביימער און קלעצער „געפאַנגען״, געבונדן אין ריכטי־קע, פּאַרטיקע פּליטן, און געטריבן אַרונטער וואַסער־צו, צום דניעפּר...

מיינע אויגן זענען פאַרנומען מיטן בילד פאַר מיר, מיטן באַרויקנדיקן און היימישן בילד פון שווימענדיקע פּליטן אויף אַ טייך. נאָר מיינע אויערן פאַרנעמען שוין הינטער מיר עפּעס אַן אַנדערן שמועס, — אַ שמועס וועגן די ביטערע נאַלאָגן, פון וועל־

כע עס איז שווער אויסצוהאַלטן, עס באַקלאָגן זיך די יידן, עס באַקלאָגן זיך די פּויערים.

נאָך העכער פון אַלעמענס שטימען שווימט פונם געזעמל ארויס דאָס קול פון יענעם סוחרל-„ספּעץ״, וועלכער פאַרפאַלגט מיך ממש היינט אַ גאַנצן פרימאָרגן מיט זיינע מעשות, מיט זיינע שמועסן, מיט זיינע „אינפאָרמאַציעס״. מילא, נאַלאָגן, ווייס איך, האָט קיינער און אין ערגעץ נישט קיין באַזונדערן חשק צו צאָלן. אָבער וואָס האָט ע ר, אָט דער „ספּעץ״, צו ליידן פון נאַלאָגן?

איך הער, ווי ער רייסט זיך ממש צו דערציילן מיט זיין זאַטער, ברוסט-קער און צופרידענער שטים עפּעס אַן אַנעקדאָט, וואָס דאַרף כאַראַקטעריזירן, ווי ווייט עס פאַלן איצט אויפן בירגער שווער די נאַלאָגן, — לאָזט נאָר א י ם...

— אָט וועל א י ך אייך דערציילן...

און ער וואָרנט אַלעמען מיט אַן ערנסטער מינע:

— ס'איז אָבער נישט קיין אַנעקדאָט: ס'איז אַן אמתער פאַקט... אין כערסאָן... אין כערסאָן איז עס געווען...

אין כערסאָן דער שטאָט האָט איינער אַ וויצלינג אויף אַן אָנגעזעען אָרט אין מיטן שטאָט, אין דער הויך, אויף אַן אַרקע, אויפגעהאָנגען אַ געפּגרטן שטשור, אויף וועלכן עס איז גע-ווען צוגעקלעפּט אַ צעטל מיט אָט אַזאַ מין לאַקאָנישער אויפ-שריפט:

— באַגאַנגען זעלבסטמאָרד! נישט אויסגעהאַלטן די נאַ-לאָגן...

דער עולם לאַכט. דער דערציילער טריומפירט. ער גיט צו:

— אָבער פאַרשטייט מיך... אַ פאַקט, נישט קיין מעשה...

ס'געפינט זיך אָבער צווישן עולם איינער, וועלכער גיט אים אַן אָפּשניט: ער נעמט זיך אָן די קריוודע פון דער ראַטן-מלוכה, נעבעך...

— איך פאַרשטיי נישט... אומעטום, אין אַלע מדינות, צאָלן בירגער נאַלאָגן... וואָס — אין בורזשואַזע מדינות צאָלן די בירגער קיין נאַלאָגן נישט? נאָך אַ מין... איר האָט געלייענט, ווי אין „פּאָלשע" באַגייען סוחרים — טאַקע אמתע סוחרים, און נישט קיין שטשורעס! — כמעט טאָג־טעגלעך זעלבסטמאָרד, ווייל זיי ווערן רוינירט דורך די שווערע נאַלאָגן? באַ אונז הערט מען, דאַכט זיך, גישט דערפון...

— פאַרקערט, — גיט צו, דערמוטיקט דורכן ערשטנס רייד, נאָך אייגער פונם עולם, קענטיק אַ מענטש פון אַן „אינטעליגענטער" פּראָפעסיע: אַ דאָקטאָר, צי אַ דענטיסט אַודאי, — פאַרקערט... אונזער מלוכה איז, אַלנפאַלס, נישט אַזוי ריגאָריסטיש, נישט אַזוי פּאַרגליוועט, ווי אַנדערע... זי הערט זיך גוט צו צו די נויטן און צו אומצופרידענע שטימען מצד דער באַפעלקערונג... טעותן צו מאַכן איז מענטשלעך — פונקט, ווי עס איז מענטשלעך צו באַקלאָגן זיך, צו קריטיקירן, צו זיין אומצופרידן... אָבער די מלוכה הערט זיך צו צו די נויטן פון אירע בירגער, — דער שווערפּונקט פונם נאַלאָג צאָלן ווערט אַריבערגעוואָרפן פון דעם אָרעמען טייל באַפעלקערונג — פון די קוסטאַרן, פון די פויערים — אויף די אַנדערע טיילן באַפעלקערונג, אויף וועמען עס פאַלט נישט אַזוי שווער...

— הוראַ! דער „פּרעסטיזש" פון דער ראַטן־מאַכט איז געראַטעוועט...

און דער פאַראַכאָד אַקערט זיך ווייטער זיין וועג צווישן די שטילע וואַסערן פונם פּריפּעט.

ס'איז באַטאָג. זוניק. שטיל.

אויף די ברעגן — זאַמד און קוסטעס. נאַקעט. זעלטן, זעלטן זעט זיך אַ מענטש. ערטערווייז בלויז — אַ פישער־שיפל, צוגעבונדן צו אַ קוסט, אַן איינזאַם פערד אין פעלד, אַ טשערעדע דרימלענדיקע בהמות.

די געגנט באַקט זיך איצט אין דער באַטאָגיקער זון מיטן זעלביקן אויסזען, ווי זי האָט עס געטון אַמאָל, אין די אַלטע, אוראַלטע צייטן. שטיל אַרום, שלעפעריק. ערגעץ קרייעט אַ האָן — און פאַרגרעסערט נאָך די שטילקייט, די שטימונג פון אור־ערד און אורציימן, — אַ ליכטיקע, אַ באַטאָגיקע שלעפעריקייט שפרייט זיך אַרום און אַרום.

אמאָל איז דאָ געווען מיין היים

פריער פאַרטאָג. אַ באַדינער האָט מיך ערשט אויפגעוועקט. כאָטש איך בין סיי־ווי שלעכט געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט. עפּעס האָב איך געפיבערט באַם דערנענטערן זיך פונם דאַמפער צו מיין היימשטאָט. . .

פאַרטאָג. אַ זייגער דריי ערשט. איך שטיי אויפן דעק, פרימאָרגן־קילקייט. פאַר מיר — באַרגיקער ברעג, אַ באַוועלדערטער.

אַ שטאָט אויף בערג און אין טאָלן. די שטאָט איז נאָך איינגעוויקלט אין פרימאָרגן־דעמערונג. זי זעט דעריבער אויס, ווי אַן איידעלער געמעל אויף אַן אַקוואַרעל־בילד.

און ס'דאַכט זיך.

דרימלענדיק אַזוי אַ פרימאָרגן־דרימל, ליגט דידאָזיקע שטאָט אָט אַזוי שוין לאַנג, לאַנג, — יעדן פרילינג פון יעדן יאָר פון די פיל יאָרן, וואָס איך בין דאָ נישט געווען, איז זי פונקט אָט אַזוי, ווי איצט, געלעגן אין פרימאָרגן־דעמערונג, אין בלייכן פרילינג־אויפוואַך.

ווי אומגעווייינלעך, ווי וואונדערלעך.

שטיל. פאַרשלאָפן נאָך. עס בלייכן זיך אָבער שוין ווייסע, געפאַרבטע הייזער, עס קרייען הענער בשורהדיק. פונם נאָענטן וואַלד אויפן ברעג הערט זיך דייטלעך, ווי עס רופן לויטער קוי-

קאווקעס. איינע נאָך דער אַנדערער רופן זיי; איינע ווערט אַנט-שוויגן. די אַנדערע כאַפּט אויף:

— קו-קו... קו-קו... קו-קו...

אין מיין געבורטס-שטאָט איז דאָ איצט אַן עלעקטרישע סטאַציע, עלעקטרישע באַלייכטונג... אַמאָל, געדענק איך, זענען שטעטל-לייט געגאַנגען אויף חדושים אָנקוקן די איינציקע צוויי עלעקטרישע לעמפּלעך אין שטאָט, מיט אַ בלייך-וואַסערדיק ליכט, וואָס האָבן זיך געמינעט איבער ערגעץ אַ זאַוואָדל.

אַ סך, אַ סך האָט מיין שטאָט פאַר אָט די לעצטע יאָרן אי-בערגעלעבט: אָן אַ שיעור מיאוסע, שרעקלעכע און פיינלעכע שפּורן זענען געבליבן... וועגן זיי דערוויס איך זיך ביסלעכווייז, ביסלעכווייז: מיין מומע, מיין פעטער, מיינע קרובים און מיינע לאַנדסלייט וועלן מיר שפּעטער אַ סך, אַ סך האָבן וועגן דעם צו דערציילן... נאָר אָט די אַלע וואונדן און ווייטיקן זענען דאָך באַהאַלטן ערגעץ טיף, און פון אויבנאויף זעט מען זיי נישט דערוויייל — זיי זענען שוין פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ הייטל — מיט אַ הויט טאַקע! פון נייעם, פון באַנייענדיקן לעבן...

די גאַסן ריינע, ציכטיקע, אויסגעברוקירטע, אַרומגעקערטע, קיין חורבות, קיין אָפּגעווישטע הייזער, קיין אָפּגעווישטע גאַסן גאַנ-צע — ווי עס איז מיר אויסגעקומען צו זען אין אייניקע שטעט-לעך אין אוקראַינע — זעט מען דאָ נישט.

אָ, מיינע לאַנדסלייט זענען ענערגישע, לעבנס-לוסטיקע מענטשן: נישט געקוקט אויף אַזוי פיל איבערגעלעבטע פיינען און גרוילן, ווייזן זיי אַרויס אַ מאָדנעם חשק צו ווידעראויפבוי, צו באַ-נייען זיך... פון איי אַרויס ווערן זיי ווידער געבוירן: אָט אַזעלכע לעבנסלוסטיקע פייגל זענען זיי מיינע לאַנדסלייט...

איך פיל מיך שטאָלץ, וואָס איך בין געבוירן געוואָרן אין אָט דער שטאָט...

צרות, שטרויכלונגען, שוועריקייטן, אָרעמקייט און דחקות פאַרשטאַרקן און פאַרגרעסערן נאָך באַ די מענטשן, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין אָט דער זעלביקער שטאָט, וואָס איך, דעם חשק צו לעבן. מענטשן פון אָט דער שטאָט, וואו איך בין געבליבן, זענען ווייזט אויס קיינמאָל נישט לעבנס־מיד, זיי זענען גיכער תּמיד לעבנס־הונגעריק!

די עלעקטרישע סטאַציע אין געבורט־שטאָט, דערוויס איך זיך, איז אויפגעבויט געוואָרן גאָרנישט לאַנג צוריק (אמת, די עלעק־טרי־לעמפּלעך ברענען מיט אַזאַ מין ליכטיק פייער, ווי פון נר־תּמיד לעמפּלעך...) איבערן גרויסן „רוטשאַק" — אַ שטראָם אַזאַ — אין וועלכן עס גיסן זיך אַריין פרילינג־צייט היפּשע ליימיקע געלע שטראָמען פון די האַרט־אַרומרינגלענדיקע ליימיקע בערג, וועלכע פאַרפלייצן בשעת זומערדיקע רעגגס דעם מאַרק, דעם צענטער־שטאָט, טראָגן אַוועק די געשטעלן, די רונדוקעס, די סחורות, טראָגן אַוועק וועגענער גאַנצע, אפילו לעבעדיקע פערד און בהמות (די וואונדער־לעכסטע, שטאַרקסטע דערינערונגען פון מיין קינדהייט) — אָט אָ דער „רוטשאַק" איז ערשט היינטיקס יאָר איינגעצוימט געוואָרן אין אַ פאַרמאַכטן קאַנאַל אַריין און איבער אים אַ היפּשע, ברייטע בריק (גיכער אַ דאַך אַזאַ אַ גאַנצער...), אויף וועלכער עס שטייען קלייטן, יאַטקעס, געשטעלן אַלערליי...

דעם גאַנצן מאַרק פלאַנעוועט דער קאָמכאָז (נישטאָ שוין מער דער שכור, דער „גאָלאָוואַ"!) אַריבערצופירן אַהער אויף דער היל־צערנער גרויסער פלאַטפאָרמע — אַ פּלאַץ אַ גאַנצער! וואָס אי־בערן קאַנאַל... דאָ איז ריין, היגיעניש, ציכטיק, מיט אַ שיינער אויסזיכט קעגן ברעג טייך.

אָ, ין מיין געבורטס־שטאָט איז דאָס לעבן כּלל און כּלל נישט איינגעשלאָפן. מע פלאַנעוועט, מע פלאַנעוועט אָן אַ שיעור. מ'איז דורשטיק און הונגעריק נאָך נייע אויפטוען: „מ'וועט באַווייזן דער וועלט, אַהאַ!"

אבי נאָר געלט.

די גאַנצע שטאָט ליגט אויפן נידעריקן ברעג־טייך, צופוסנס פֿון אַ רײַ בערג. אָט אַזוי איז זי אויפגעבליט געוואָרן אין די אוראַלטע צײַטן, ווען די ערשטע וואַנדערנדיקע האַלב־ווילדע „פּאָלאָוצעס" און אַנדערע סלאַווישע שבטים האָבן דאָ זייער היים געמאַכט. און מיט הונדערטער יאָרן שפּעטער, אַז די באַפעלקערונג האָט זיך געמערט און פאַרגרעסערט, האָט די שטאָט אויסגעשטרעקט הונגעריק באַנעגלטע הענט... (אַ הונגעריקע שטאָט איז מיין געבורט־שטאָט, אַ הונגעריקע און אַ לעבנס־דורשטיקע!) טיף אין די בערג אַריין: די בערג זענען ליימיקע און ווייכע, פון זיי זענען אַראָפּגערונען אין טייך אַריין העפטיקע שטראָמען, וועלכע האָבן אויסגעגעסן שמאָלע טאָלן — ריכטיקער: ראָוון אַזעלכע, — און מיין שטאָט איז געוואַקסן און איז אַריינגעדרונגען אין אָט די ראָוון אַריין, אין אָט די בעטן פון פאַרשידענע שטראָמען און „רוטשאַקעס"...

...און אַז עס קומען אָן צו לויפן די שטראָמען אין דער געבענטשטער פרילינג־צייט, און אַז די האַרבסטיקע רעגנס... און אַז די ווינטערדיקע שנייען און גליטשן...

קאָנט איר זיך שוין אַליין פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ פּנים עס קריגן דעמאָלט די גאַסן.

איצט פלאַנעוועט דער קאָמכאָז אַריבערפירן די „גאַנצענע" (אַזוי זאָגן מיינע לאַנדסלייט) שטאָט אין דער הויך, אויף די בערג אַרויף, אויפן באַרגיקן הויכלאַנד, וואָס ציט זיך, זאַפטיק און וועלדערדיק, אין די טיפענישן פון פאָלעסיע אַריין. דאָרט איז ריין, באַרגלופטיק, זוניק, טרוקן, הויך, מיט אַ פּראַכטפולער אויסזיכט אויפן פריפעט און אויף די זאַמדיקע לאָנקעס, וואָס זעען זיך העט־העט אויף יענער זייט טייך...

און אין שטאָט בײַ אונדז בויט מען, מען באַדעקט און באַקלאַפּט דעכער, מען פלאַנצט ביימעלעך בײַ די זייטן גאַס. אבי נאָר פרנסה... אבי קלענערע נאַלאָגן...

אין שטאָט — באַלמעלאָכעס מייסטנס טענהן זיי: נו, יאָ..

מען האָט אונזער לאַגע לעצטנס גרינגער געמאַכט... גרעסערע פּריווילעגיעס... קלענערע נאַלאָגן... ווי־זשע מאַכט מען אָבער, אַז פון „מאָסקווע" ביז אונזער שטאָט זאָל דער מהלך ווערן קלע־נער אַ ביסל און אַז מיר זאָלן ענדלעך אויך דערפילן דעם גוטן טעם פון די באַשלוסן פון צ. ק. ?

און אַז איך גיי אַרויס אין דער פאָרשטאָט פּ אָ פּ אָ ו ט ש י־נ ע , איז דאָרט שטיל, און זאַמדיק, און זוניק.

די קערשנביימער בליען, די שייבעלעך פון די פענצטער גלאַנצן. פון די פיל ביימער איז אין די געסלעך שאָטנדיק.

איך גיי אַרונטער פון טראַקט, וואָס ציט זיך ברייט און זאַמ־דיק צווישן פעלדער, קאַראַבקע זיך אַרונטער טאָלן און אַרויף בערגלעך, פאַרביי דעם יידישן לאַנדווירטשאַפטלעכן ישוב הרעטש־קעס, אַרויפצו, צו סקריהאַנאָוו, פּעטריקאָוו, טוראָוו און אַזוי ווייטער — און לייג זיך אַוועק אינמיטן אַ צעאַקערט פעלד, וואָס שמעקט מיט פוילעכץ און מיט איינגעזאַפּטער זון.

שטיל אַרום. עס באַקט, עס בראָט. פליגעלעך און אַלערליי אינזעקטן קריכן און פויזען אויף מיר. פונווייטן דערטראָגט זיך דער ביטער־שאַרפער ריח פון קאַרשן־צוויט. שטיל. זוניק. אין באַ־טאָגיקער דרעמל־זאַטקייט רוט דאָס אַרומיקע לאַנד — רוט און וואַקסט... וואַקסט...

די לופט איז אַזוי לויטער און אַזוי שטיל, אַז פון אַ גאָר ווייטן וועלדל, פון יענער זייט טאָל, הערט זיך אַ נאָכאַנאַנדיקער און פאַר־טונענער קוקאווקען:

— קו־קו... קו־קו... קו־קו...

און מיטאַמאָל: קלעפּ. קלאַרע, הילכיקע קלעפּ אין לופט. קוים באַוועגנדיק מיין קאָפּ אויף רעכטס, אויף לינקס, דערזע איך ליגנדי־קערהייט, ווי אויף אַ ווייט בערגל בויען מענטשן אַ הילצערן הויז, צו אַ שייער.

עס גלאַנצן פונדערווייטנס ווייסע אָפּגעשיילטע קלעצער. עס בלישטשען ליכטיקע, פרישע ברעטער. עס לויכטן ווייסע, פאַרקאָ־שערטע אַרבל איבער שוואַרצע ווערטלעך...

די געגנט איז אַזוי דרימלדיק און זוניק־פאַרחלשט, אַז ס׳איז מאָדנע צו זען, ווי מענטשן באַוועגן זיך דאָרט, אַרבעטן, בויען... באַלד דאַכט זיך: אָט יענע דאָרט, די בויער, דרימלען אויך. זיי באַוועגן זיך, דרימלענדיק. זיי שלעפּן קלעצער, געהילץ, קלאַפּן טשוועקעס אין האַלבן דרימל, אין זוניקן חלום.

אָט יענץ הויז, וואָס מ׳בויט, איז גאַנץ ווייטלעך פון מיר, נאָר די לופט איז אַזוי שטיל און אַזוי לויטער, און די קלעפּ פון די העק, און די שלעג פון די האַמערן דערטראָגן זיך אַזוי דייטלעך צו מיר, און באַהערשן און באַצווינגען און באַדעקן די גאַנצע שלאָפנדיקע געגנט אַרום.

טוק־טוק... קלאַפּ־קלאַפּ... טוק־טוק...

איך שפּאַן איבער דער גאַס, איבער יענער...

אַז די שטיינער פונם ברוק זענען מיר טייער, אַז יעדעס הויז האָט מיר עפּעס צו דערציילן...

לענגער שטעל איך זיך אָפּ באַ די פאַרשידענע מלוכה־געביידעס: ווי אין גאַנץ ווייס־רוסלאַנד, האָבן אויך אין מיין היימשטאָט אַלע שילדן פון די מלוכה־געביידעס אויף זיך אויפשריפטן אויך אין יידיש, און עס איז מיין בעסטער צייט־פאַרברענג זיך אָפּצושטעלן פאַר אָט דידאָזיקע רעגירונגס־געביידעס און לייענען אויף זייערע שילדן די יידישע אויפשריפטן: אַזאַ שוואַכקייט איז שוין באַ מיר...

„אויספירקאָם פונם ראַט פון אַרבעטער, פויערים און רויט־אַרמייער דעפּוטאַטן פון ב.־ער געגנט”; „מיליטער־פאַרוואַלטונג פון ב.־ער אָפּטיילונג פון דער רויטער אַרמיי”; „פאַרוואַלטונג פון דער מיליציע פון ב. און ראַיאָן”; „פאָלקס־געריכט פון דער שטאָט ב.”; „קאָמונאַלע ווירטשאַפטלעכע פאַרוואַלטונג”, א. אַז. וו. א. אַז. וו.

מיין פעטער איז נישט אַזוי געוואַלטיק נתפעל פון דער ראַטנמאַכט; ער האָט זיך זיינע טעמים: ער איז אַ „געוועזענער”...

אַלע מיינע קרובים האָבן צו דער ראַטן־מאַכט אסור אויב דערלייגט עפּעס; אדרבא, פאַרקערט: געווען זענען זיי בסך הכּל פּשוטע באַלעבאַטים, „רעמעסלעניקעס“ — און איצט זענען זיי געוואָרן „גאַנצע קוסטאַרן“!...

אָבער איין פעטער האָב איך — איז ער געווען אַמאָל אַ גאַנצער „מאַכער“, אַ „פּאָדריאַטשיק“... אַ קליינינקייט — אַ „פּאָדריאַטשיק“! און איצט, איז דידאָזיקע „פּראָפעסיע“ נישט אַזאַ אָנגעלייגטע זאַך...

איז מיין פעטער, כאָטש ער האָט זיך באַם קאָמכאָז אויך גאַנץ גוט איינגעאָרדנט: פאַרט אַן אַלטער „ספּעץ“ באַ הייזערבויען! — האָט ער אָבער אָפּט ליב אונטערצובורטשען אויף די נייע „פאַראָנדקעס“...

און אַז איך „שטעך אים די אויגן“:

— פעטער... גיט נאָר אַ קוק אויף די יידישע שילדן אויף דער „אוּפּראַווע“, אויף דער „פּאָליציי“, אויף דער „וואָיענער פּריסוטסטוויע“, אויפן „אָקרוזשנאָי סוד“, באַם „איספּראַווניק“, א. אַז. וו., — קנייטשט מיין פעטער מיט דער נאָז:

— פּשש... אַ גאַנצענע מעשה... אַ גדולה אויף דיין באָבען... וועלכער ייד פאַרשטייט דען נישט דידאָזיקע אויפשריפטן... ס'איז „זשאַרגאָן“, וואָס? אַז איר זאָגט מיר כאָטש „איספּאָלקאָם“ — (איספּאָלניטעלני קאָמיטעט) מילא, פאַרשטיי איך נאָך... צי „נאַרסוד“... (נאַראָדני סוד), צי „אקראַזעמ“, צי „אוקרנאַראָדכאַז“, צי... צי... אָבער „ראַי־אויספּירקאָם“ — וועלכער ייד פאַרשטייט עס דען? „פּאָלקאָמבילד“, „גובבילדאָפּטייל“... ס'איז דען זשאַרגאָן, וואָס?

און „וואָאָבשטשע“... און אַז שוין יאָ יידישע אויפשריפטן, איז וואָס האָט מען דערפון... פון די אַמאָליקע „אוטשרעזשדעניעס“ מיט די רוסישע בעמען פלעגט מען אוודאי האָבן מער פּרנסה...

אָבער אויף מיין פעטער זאָלט איר קיין פאַראיבל נישט האָבן: מיין פעטער, ווי אַלע מיינע לאַנדסלייט, האָבן דאָך עפּעס

אַ שייכות צו חייס־רוסלאַנד — און צו מינסק, איר הויפּטשטאָט; און אין מינסק, פֿאַרשטייט איר מיך, זענען די מענטשן „וואָבּ־שטשע" געוואַלטיק „אינטעליהענטנע" — און די מינסקער באַלע־באַטישע יידן קאָנען נעבעך נישט קיין „זשאַרגאָן", ווען אפילו איר שטעלט זיי צו דער וואַנט אויף צעשיסן („שמע ישראל" איז דאָך נישט קיין זשאַרגאָן!) — ווייל, פֿידוע, איז זייער מאַמע־לשון נאָר „רושעס"...

כאַפּן כאַפּ איך זיך אויף יעדן פרימאָרגן גאָר פרי — אַ בליאַסק אויף טאָג.

איך הער, ווי די מומע גייט מעלקן די בהמה. זי גייט מיט פּאָרזיכטיקע שטילע טריט, כדי זי זאָל מיך נישט אויפוועקן. נאָר הער שלאָפט דען...

מיינע אויגן פלאָנטערן זיך אינם היימאַטס־פרימאָרגן, װאָס הייבט זיך שוין אָן צו גאָלדן קעגן די פענצטער פון מיין חדר.

די פענצטער מיינע קוקן אַרויס אויף קסיאָנדזאָווקע — אַ באַרגיק, װאַלדיק אָרט אַזאַ, וואוהין — איך געדענק נאָך פון קינדהייט אָן — עלטערע לייט פלעגן גיין שפּאַצירן אין די זוניקע און ליכטיקע שבת־נאָכוואַרמעסן, און יונגוואַרג — אין די טונקעלע אָוונטן, אין די פינצטערע נעכט, אפילו וואָכע־דיקע...

כדי אָנצוקומען אַהער פלעגן אָבער די איינוואוינער פון דער שטאָט דאַרפן מאַכן אַ גרויסן אומוועג, דורך געסלעך און דורך גריבעדיקע ראָון, כאָטש דער קירצסטער און גרינג־סטער וועג פירט אַהין גלייך פון צענטער שטאָט פון מיטן מאַרק.

דער קסיאָנדז, וועמען אָט די גאַנצע געגנט האָט געהערט — האָט קיינעם פון דער שטאָט־באַפעלקערונג נישט געלאָזט דורכגיין מיט דעם הויפּט־וועג, וועלכער האָט געפירט דורכן קאָסטשאָל־הויף.

די צוויטע בּאַרגיקע פאָרשטאָט — אויך אַ געוואונטשן אָרט פאַר זומערדיקע שפּאַצירגענג — איז אויך געווען אין גלחישע הענט, אין די הענט פונם פּאָפּ, און האָט טאַקע אַזוי געהייסן! פּאָפּאָווטשינע... אַ פּאָפּ פון רעכטס, אַ קסיאָנדז פון לינקס, און אינמיטן — דאָס הקדיש־געסל...

נאָר איצטער, — איצטער, אַז
דער מלך איז געשטאָרבן,
די מלכּה איז געוואָרן פאַרדאָרבן,
דער בּוים איז אָפּגעבּראָכן,
דאָס פייגעלע פון נעסט אַנטלאָפן.. —

איצטער איז גאָר אַן אַנדערע וועלט... דער גאָלדענער צלם אויפן קאָשטשאָל בייגט זיך, האַלט בּאַם איינפאַלן... דורכן הויכן סופיטן־דאַך רינט אַריין... דער קאָשטשאָל פוסטעוועט... קיינער גיט אויף אים נישט אַכטונג... דער קסיאָנדז איז לאַנג אַנטלאָפן.

דערפאַר אָבער —

דערפאַר אָבער איז איצט אינם קאָשטשאָל־הויף גאָר לעבּעדיק־פריילעך, איר קאָנט הערן אַ גאַנצן טאָג, ווי דאָרט האַקט מען, זעגט מען, מען גייט פאַרשמייעט אַרום הין און צוריק. אַז אַ ווינטל ווייעט, שמייסט עס פון דאָרט אַרויס הויפנס גאַנצע מיט גאָלדענע סטרוזשקעס: אַהין האָט זיך אַריינגעקליבן אַן אָרעמער יידישער סטאָליער מיט זיין פאַמיליע, און האָרעוועט זיך דאָרט גאַנץ פלייסיק.

און די „שטאָט", אַז זי וויל איצט גיין אויף קסיאָנדזאָווקע שפּאַצירן, ווייסט זי שוין אַ בּעסערן און קורצערן וועג, איידער פריער...

קענן מיינע פענצטער, וואָס שיינען אויף אין פרימאָרגן,

גרינגען זיך ביימער. פון צווישן די ביימער הערט זיך פון גאָר פרי דאָס לויטער, קלאָרע קוקון פון אַ קוקאווקע.

— קו־קו... קו־קו... קו־קו...

מיר איז גוט, מיר איז רויק. היימאַט... היימאַט... וואָס איז אַזוינס היימאַט? היימען האָב איך דאָך שוין זיך געמאַכט עטלעכע אין מיין לעבן אין די פאַרשידענע שטעט, אין די ווייטסטע לענדער און מדינות... פאַרוואָס זשע האָט מיך אין ערגעץ נישט פאַרלאָזט מיין אומרו, און פאַרוואָס פיל איך זיך דאָ איצט אַזוי רויק?

צוואַנציק יאָר כמעט, אַז איך האָב מיין היימאַטס־שטאָט פאַרלאָזט: פאַרוואָס־זשע דאַכט זיך מיר איצט, אַז אַלע מיינע וואַנדערונגען און נסיעות ביז איצט זענען געווען נישט נייטיק און איבעריק, און אַז גוט איז בלויז דאָ און אַז אין ערגעץ דאַרף מען שוין מער נישט אַוועקפאָרן, אַז דאָ דאַרף מען לעבן און דאָ דאַרף מען אַרבעטן?

איך פיל מיך קינדיש, איך פיל מיך נאַריש. אַז די קוקאווקע הערט נישט אויף איר רופן, פרעג איך בײַ איר:

— קוקאווקע, אָ, קוקאווקע... וויפיל יאָר, קוקאווקע, וועל איך נאָך לעבן?

און די קוקאווקע רופט, און איך צייל... איינס... צוויי... דריי... און מיטאַמאָל פאַרפלאָנטער איך מיך אינם ציילן. — איך האָב מיטאַמאָל אַ געפיל, ווי איך וואַקס דאָ, ווי איך בלײַ דאָ אויף...

— קו קו... קו־קו... קו־קו...

אָך, אויב אפילו דאָס איז מער נישט, ווי אַן אָפּנאַרעריש געפיל, איז מיר אויך רעכט... ס'איז ווערט געווען די גאַנצע וואַנדערונג, אַבי איך זאָל האָבן דאָ אָט דאָסדאָזיקע געפיל... אַז איך בין צופרידן מיט אָט אַזאַ גורל, ווי פון אָט יענעם סטאַליעטניק פלאַנץ, וועלכער וואַקסט און וואַקסט גאַנצע הונדערט יאָר, כדי בלויז איינמאָל, צום סוף פון זיינע טעג, פרעכטיק און ליכטיק אויפבליען — און גלייך נאָכדעם פאַרגיין און אויף אייביק נישט ווערן...

נאָר סיי־ווי... דאַכט זיך מיר דאָס בלויז? אינם ליכטיקן זוניקן פאַרטאָג אויף מיין היימאַטס־ערד הער איך דאָך, ווי די קוקאַווקע הערט עפּעס אַלץ נישט אויף צו רופן נאָכאַנאַנד קלאָר און לויטער — אַ סך מאָל רופט זי:

— קוּ־קוּ... קוּ־קוּ... קוּ־קוּ... קוּ־קוּ...

ווייס=רוסלאנד

אגראָנאָמען

כ'האָב זיי באַגעגנט אומעטום: אויף „אַגראָדזשאָינטישע" און „קאָמערדישע" און „געזערדישע" באַראַטונגען און קאָנפערענצן אין מאָסקווע און אין כאַרקאָוו, אין קאַנטאָרן און ביוראָען פון אַלרוס=לענדישן „אָרט" אין מינסק און אין אָדעס — און דער עיקר סאַמע באַ דער אַרבעט: אין די „קאָלווירטן" (קאָלעקטיווע ווירטשאַפט) און „סאָווכאָזן" (מלוכה=ווירטשאַפט) פון ווייסרוסלאַנד, אויף די קאָלאָניזיר=פונקטן, די נייעסטע פון דרום=רוסלאַנד, פון אָדעסשטשינע און כערסאָנשטשינע...

— פאַרהוילענע אלי'הו=הנביאס. ליכטיקע מענטשן. פאָלקס=ריזן.

ממש ליכט פריידיקע — ליכט פון פאָלקס=הילף און אויפבוי פון פאָלקס=לעבן אויף נאָך נישט געוועזענע געזונטע פונדאַמענטן פון מי=ערלעכער; אויף שויס פון אייביקער שפּייזערין, אויף שויס פון געוועזענער שטיפמאַמע=ערד, וועלכע שטעלט אָן קעגן לאַנגאַניקע שטיפקינדער אַ ווערעם, אַן אייגן, אַ מאַמיש פנים — אָן אַ שיעור ליכט שטראַלט ממש פון זייערע פנימער אַרונטער.

— פאַרבאָרגענע הילף=ברענגערס דעם אָרעמען פאָלק. אמתע למד=וואָווניקעס.

און ווער ווייסט פון זיי? ווער רעדט פון זיי, פון דידאָזיקע נייע יידיש=סאָוויעטישע אַגראָנאָמען?

נאָר זיי װעלן נאָך — איך בין טיף איבערצייגט — אַמאָל „נתגלה" װערן. זיי װעלן נאָך אַמאָל באַליכטיקן און באַשײַנען נישט איין שאַפונגס־װערק אין יידיש. זיי — אָט פונקט, װי יענע טויזנט־קעפּיקע מחנות פון יידישע פאָלקס־לערער, די אויפהאַלטער פונם יידישן פאָלקס־לעבן אין די מדינות פון דער גאַנצער װעלט, װעלכע זענען אויך בײַ אונז לעת־עתּה נאָך פאַרשװיגן געװאָרן.

— חוץ אין צדקה הילף־אויפרופן...

איינער פון זיי:

אַגראָנאָם לעװיטין. זיין אַרבעטסגעביט: סאָװיעטישע פאָלע־סיע.

מיר פאָרן ביידע אין אַ „בריטשקע" פאַזע די ברעגן פונם פלאַכן און שטילן פּריפּעט־טייך, באַזוכן עטלעכע נייע יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע פונקטן.

זיין פּנים:

געזונט, פּירקאַנטיק, אָן שפּיצן און פאַרשפּיצטקייט, װי פון רוי־שטיין אויסגעהאַקט.

אַז איר זיצט לעבן אים אַ לענגערע צייט, דאַכט זיך אייך, װי איר שטעקט זיך אָן פון אים מיט געזונטן מוט, אַז איר קוקט אויף אים אַ לענגערע צייט, פאַרגלוסט זיך אייך — עסן.

ער איז נישט קיין „קינסטלעכער" אַגראָנאָם, נישט קיין בלויזער פּראָדוקט פון אַן אַגריקולטור־שול. ער איז אַ קאָלאָניסט בן קאָלאָניסט. ער איז דערצויגן געװאָרן אויפן ישוב — זיין פאָטער איז געװען אַ ישובניק אין די היגע קאַנטן, אַ ביסל װייטער. ער װייסט דאָס לעבן דאָס פאַרבאָרגענע פון דער ערד אַרום. ער װייסט אירע נויטן, אירע מעגלעכקייטן — די פאַרבאָרגענע אוצרות פון דער ערד פון װייס־רוסלאַנד...

— פון דער ערד פון װייס־רוסלאַנד? אוצרות?

שמייכל איך סקעפּטיש. משטיינס געזאָגט, װאָס פאַראַ אוצרות עס קאָנען שוין ליגן פאַרבאָרגן אין דערדאָזיקער אָרעמער פּאָלע־

סיער ערד: קאַרטאָפּל-אוצרות. אָבער אַמאָל קאַרטאָפּל און ווידער אַמאָל קאַרטאָפּל.

נאָר אַגראָנאָם לעוויטין, פון זיין זייט, לאַכט גאָר אָפּ פון מיר. ניין, ער לאַכט נישט, — ער דערקלערט מיר. זיין פּנים ווערט כּמעט וויזיאָנעריש, ער איז פאַרליבט אין אָט דעם לאַנד אַרום. ער זעט פאַר פאַר דעם אַ גרויסע צוקונפט. אַ הערלעכע צוקונפט, אַ ליכטיקע. ער ווייסט זיינע אַגריקולטורעלע, הארטיקולטורעלע, מינעראַלע, א. אַז. וו. מעגלעכקייטן. אָן אַ שיעור נייע געוויקסן, פּרוכט-ביימער, תּבואה-פלאַנצן, וואָס געדייען אין אַנדערע טיילן פון דער וועלט בײַ ענלעכע קלימאַטישע באַדינגונגען און מינעראַל-צוזאַמענשטעל פונם באָדן, קאָנען אַקלימאַטיזירט ווערן דאָ אויך — אַבי...

— אַבי?

— אַבי געלט, — פאַרשעמט ער זיך אַ ביסל איבער דער אָרעמקייט פונם לאַנד, — איבער זיין אייגענער אָרעמקייט...

די צרה מיטן לאַנד אַרום איז — זיין טרוקנקייט: האָט ווייניק אייגענע פייכטקייט; עס איז אָנגעוויזן אויף רעגנפאַל הויפּטזאַכלעך, און דעריבער איז עס ברעקלדיק, זאַמדיק... אָבער מיט אַ געהעריקן איריגאַציע-סיסטעם קאָן מען צוציען אַהער דאָס וואַסער פון די אַרומיקע פאָלעסיער זומפּן און בלאָטעס; די באָדנפייכטקייט וועט דעמאָלט צעטיילט ווערן מער גלייכמעסיק — אַ ברכה פאַר דער גאַנצער אַרומיקער ערד...

אַגראָנאָם לעוויטין ווייסט די געשיכטע פון דער היגער געגנט פון אַמאָל-אַמאָל — נאָך גאָר פון די אוראַלטע צייטן...

— אַפילו דער אַלטער רוימישער היסטאָריקער הערָאדאָט דערמאָנט אין זיינע האַלב-לעגענדאַרישע היסטאָריע-ביכער וועגן אָט דער זעלביקער אַרומיקער געגנט, וואו אונזער וועגל שלעפּט איצט פאַמעלעך זיינע קריצנדיקע רעדער אינם טיפן זאַמד.

אַמאָל איז עס געווען רייכער אַ סך... אַמאָל, לויט געאָלאָגישע פאָרשונגען, איז די גאַנצע געגנט אַרום געווען אַ ים... מוזן נאָך איצט אויך זיין רייכע מינעראַלישע דעפּאָזיטן אין דער ערד... מען דאַרף בלויז מאַכן די געהעריקע אויסגראָבונגען...

— אָ, דאָסדאָזיקע מפֿלומרשט אָרעמע שטיקל לאַנד אַרום וועט נאָך ווערן אַמאָל — ניין, סאַמע אין דער גאָר נאָענטסטער צוקונפֿט — אַ רייכע און פֿרוכטבאַרע געגנט — אַבי...

— אַבי? — זאָג איך אים אונטער.

— אַבי געלט, — שמייכלט ער אַ ביסל פֿאַרשעמט.

מיר פֿאָרן דורך דער מאָזירער פֿאָרשטאָט קימבאַראָווקע, וועלכע ציט זיך באַם טייך.

אָט איז פֿאָוויצקיס ברויערײַ. באַרימט אין שטאָט. אַ קײַלעכ־דיקער, אומגעהײַער פֿעטער ייִד. „דאָס אָפּגעקאָרמעטע חזיר” — שטאָטלײַט האָבן אים אונטער דער נאָמען געוואוסט. קליינע הענט־לעך, קליינע פֿיסלעך, ווי אַרײַנגעשטעקטע קלעצלעך, און דער עיקר פֿון דעם גוף איז דער בויך — אַ פֿוז, אַן אומגעהײַערער, מיט אַ קליין היטעלע פֿון אויבן, ווי באַ אַ שניי־מענטש. אַ קעפּל אַזאַ.

האַלב־אַסימילירט געווען: אין שול, חוץ ראש־השנה און יום־כּפּור, קיינמאָל נישט געגאַנגען. געהאַלטן הינט, מיט וועלכע ער פֿלעגט תּמיד שפּאַצירן אין די גאַסן. צוליב הינט פֿאָרכטיקע פֿלעגט אָפּשיי אַריבערגעטראָגן ווערן אויף דעם באַלעבאָס. צוליב הינט פֿאַרכטיקע האָבן דעריבער אויף אים שטאָטלײַט געקוקט, ווי אויף אַ דערווייטערטן, חשובן אַריסטאָקראַט.

מען האָט אים נישט ליב געהאַט.

אַ ביסעלע לעצט־צײַטיקע כראָנאָלאָגיע: האָט ער געהאַט אַ זון, איז ער געווען אַ קאָמוניסט. זענען אָנגעקומען די באַלאַ־כאָווצעס, איז דער זון אַנטלאָפֿן. האָט מען אַרעסטירט דעם טאַטן מיטן פֿוז.

— וואו איז דײַן זון, דער באָלשעוויק?

— איך ווייס נישט — האָט זיך געטרייסלט דער פֿוז אין טויט־שרעק. — פֿונוואַנעט זאָל איך וויסן? ער'ט מיר סיידן דערציילן, וואו ער באַהאַלט זיך אויס?

ער האָט טאַקע נישט געוואוסט. אויף דער אמתן נישט גע־

וואוסט. דאָס איז געווען קלאָר זיינע אויספרעגער. האָט מען אים טאַקע געגעבן בלויז אַ קליינע שטראָף. דאָס עיקר מענטשל, דעם פוז האָט מען נישט געטשעפּעט. בלויז אינדערהויך האָט מען עפּעס אַ קליינס אויסגעשניטן: דאָס קלינגל פונם גלעקעלע — די רויטע צונג.

באַשערט איז געווען דורך אָט אַזאַ קלייניקייט געלייטערט צו ווערן, דערלייזט ווערן. ווערן סוף כּל סוף באַליבט בײַ שטאָטישער באַפעלקערונג.

— אַן אייגענער.

דערנאָך ציען זיך הויקערדיקע, האָרבאַטע, בלינדע יידישע הייזלעך, האַלב-איינגעזונקענע אין דער ערד, דאָ הייסט עס, האָט זיך גאָרנישט געביטן. פּונקט ווי מיט צוואָנציק יאָר צוריק, מיט פינפציק, מיט הונדערט, מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק. . .

עס באַווייזט זיך עפּעס אַ שאָטן פון אַ פאַרשלומפּערטער יידענע, וועלכע איילט אַריבער איבער דער בלאָטע פונם געסל, און טראָגט אין האַנט, ווי אַן אוצר, ווי אַן אבן-טוב, אַ שטיק קנאָכן מיט אַ פּיס נאָהע, און די גריבעלעך פון די סאַזשעלקעלעך געלער ביינמאַרך גלאַנצן קעגן דער פרילינג-זון מיט אַ טריבן, פאַראומערטן גלאַנץ.

לעבן אַ פענצטער שטייט און שאָקלט זיך עפּעס אַ שאָטן פון אַ הויכן אויסגעמאָגערטן ייד, איינגעוויקלט אין אַ ברודיקן טלית פון קאָפּ ביז די פיס, איינגעפלאָכטן און איינגעפּאַסט אין רצועות און באַקרוינט און באַשווערט דעם קאָפּ מיט אַ ריזיקן של-ראש, ווי אַ היפּש קעסטל — און מורמלט, און דאַוונט, און שאָקלט זיך, און זאָגט, און זאָגט, און זאָגט —

ער שטעלט אויף מיר אָן אַן אויסגעהונגערט, שטיל-פאַרצווייפלט פּנים. אַ צעקאַרבעוועטס פון דורותדיקן יאוש — עס שניידט דאָס האַרץ לעבעדיקערהייט, אַזאַ פאַרגליווערטער יאוש — — אַזאַ פאַרגליווערטער צער — — — — — — — — — —

— שאָטן, שאָטן, ביסט נאָך אַלץ נישט פאַרשוואונדן? הונ-

דערטער יאָרן שוין אוודאי, אַז די שאָקלסט זיך אַזוי באַם דאָזיקן פענצטערל, האַרט אונטערן איינפאַלנדיקן דעכל; שאָקלסט זיך מיט פאַרגליווערטן יאוש און אויסגאַנגסלאָזן צער — — נו, וואָס־זשע וועט זיין דער תכלית דערפון?

נאָר שאָטנס וועלן אפנים אַזוי גיך נישט פאַרשווינדן. נישט פריער, איידער זיי וועלן איבערלאָזן נאָך זיך געזונטע און מונטערע נייע און באַנייטע גופים.

אונזער פורל ווערט באַגלייט די גאַנצע צייט פון אַ דין־דינעם, וואונדערלעך ציטערדיקן, נאָענט־וייטן געזאַנגל — אַ ציטערדיק, חלומדיק קלינגען פון אַ טוקאַטש ערגעץ אין שטייסל. מען שטויסט אוודאי צימערינג, היינט איז, הייסט עס, ערב שבת אין דער יידישער פאַרשטאָט.

אַ בריקל. אַ „וועלדל" פון הונדערטיעריקע זקנים־ביימער. אַן אַלעיע דורכן וואַלד — און אָט: חורבות זעען זיך פונדערווייטנס. קוימענס באַקעטע סטאַרטשען הויך אין דער לופט, ווי ריזיקע פיינט־לעכע שפיזן.

נענטער. נענטער. רויטע בנינים־ווענט, וואָס שיילן פון זיך דאָס ליים, ווי מצורעים.

פענצטער — בלינדע, אויסגערונענע אויגן.

בלעכן קלאַפן זיך אין ווינט — דורך טאָג, דורך נאַכט; דורך טעג, דורך נעכט. גאָכאַנאַנד, שוין לאַנג, תמיד...

באַלקאָנען הענגען האַלב אין דער לופט, ווי אויסגעהאַקטע און נישט דערהאַקטע לעבעדיקע אברים: אויף אַדערן־זיילן, אויף אָדערן־שטאַבעס, אויף אָדערן־רעלסן הענגען צעבלוטיקטע הענט, פיס...

געווען דאָ אַמאָל אַ באַוואוסטע שוועבל־פאַבריק „מאָלניא". כמעט אַ העלפט שטאָט האָט זיך געשפייזט פון איר; כמעט די גאַנצע שטאָטישע אַרבעטס־יוגנט פלעגט זי איינשלינגען. ערשטע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, ערשטע שטרייקן, ערשטע רעוואָלוציאָנערע ברוכן, פולסירנדיקער רעוואָלט־אימפעט פאַר גאַנצער שטאָט און אומגעגנט.

און איצט:

פּוֹלשטענדיקער חורבן. שוין אוודאי אַ יאָר פינף־זעקס, אַז די פאַבריק שטייט אַזוי אין רוינעס. נאָר ס׳דאַכט זיך דעם אויג, אַז דער חורבן איז פריש, — ערשט פון נעכטן, ס׳דאַכט זיך דעם אויג, אַז די סמיקע, איבערגעזעטיקטע רויכלעך, וואָס נאָך אַ שרפה־חורבן, קרייזלען זיך נאָך איצט אין דער לופטן, און טראָגן אונטער אַ וואויל־גערוך פון אַ ריינעם „בראַנדאַפּפער״ צודי נאָלעבער פונם „שדי״ ערגעץ, וואָס איז דער ממונה אויף חורבן אין דער וועלט.

אַ צוריק־אויפשטעלונג פון חרובע און אָפּגעשטעלטע פאַבריקן גייט איצט פיבעריש אָן איבער דער לענג און דער ברייט פונם ראַטנפאַרבאַנד; נאָר צו אָט דער פאַבריק איז די רייע נישט געקומען. און אפשר מאַכן דידאָזיקע רוינעס אַזאַ שווערן איינדרוק, ווייל אינדעראמתן גייט נאָך דאָ דער חורבן פריש אָן, אפילו איצט אויך: די אַרומיקע פרידלעכע עלעמענטן, לופט און ווינט, האַלטן אין איין נאָכאַנאַנדיקן אָפּצופּן, אָפּבייסן און אָפּברעקלען שטיקער און שטיקלעך פון די פּאַרלאָזטע בנינים.

קיין לעבעדיק באַשעפעניש אַרום. פאַרגליווערטקייט, וויסטעניש, אַן אַלטער קאַשטשאַל, וואָס שטייט דאָ אוודאי פון מלך סאָביעסקיס צייטן, און וואָס איז חרוב נאָך זינט דער „פּאָווסטאַניע״, הייבט אויף גלאַנציקע צלמים און טורעמלעך — אַזעלכע סטאַטועט פון הייליקע. אויף די הייליקע קעפּ, אויף אַזעלכע קיילעכדיקע אָרנאַמענט־סלופּקעס — סטאַטועטקעס פון שטיינערנע בושעלן, וואָס שטייען אויף איין פוס, און מיטאַמאָל: די שטיינערנע בושעלן הויבן זיך אויף, פאַרוואַרפן די קנאַקנדיקע שנאָבלען, און מיט אַ גרעגערן לאָזן זיי זיך קרייזן און צירקלען איבער די רוינעס.

מיין באַגלייטער, דער אַגראָנאָם, האָט אָט דעם אַלעם, דאַכט זיך, די גאַנצע צייט נישט געשענקט דעם מינדסטן בליק. ער האַלט אַלץ אין איין רעדן צו מיר, אין איין דערקלערן מיר די פּראָבלעמען פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע. — וואָס איז בעסער — קאָלאָנירטן (קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן) אָדער אינדיווידועלע קאָלאָניזירונג? וואָס איז גלייכער — איבערפירן די שטעטלדיקע יידישע

באַפעלקערונג אויף נאַענטער ערד — ד. ה. לעבן זייערע איצטיקע וואוינונגס-ערטער — אָדער אויף ווייטער ערד?

יעדער פון אָט די אופנים האָט זיך זיינע מעלות און זיינע חסרונות.

— אין מיין אַרבעט — דערקלערט ער מיר מיט זיין גוטמוטיק שמייכעלע, וואָס שפּילט אומבאַוואוסט פאַר אים אַליין די גאַנצע צייט אויף זיינע ליפּן — אין מיין אַרבעט פיר איך מיך אַזוי: איך „וואַרף אַריבער״ נאָכאַנאַנד עטלעכע אָרעמסטע יידישע משפּחות פון די פאַראָרעמטסטע יידישע שטעטלעך, — דערהויפּט פון די גרענעץ-געביטן, וואו פאַראָרעמטקייט איז שטאַרקער, ווי ערגעץ אַנדערש — אויף ערד-אַרבעט...

מיט דעם, דערקלערט ער מיר, דערגרייכט ער צוויי זאַכן: ערשטנס, מאַכט ער טאַקע מיט דעם אַ היפּש ביסל גרוימער אין שטעטל גופא. און צווייטנס — און דאָס איז דער עיקר — האָט דאָס אַ פּסיכאָלאָגישן עפעקט אויף דער שטעטלדיקער יידישער באַפעלקערונג: די געדריקטע שטימונג הייבט זיך, אויב זי פאַרשווינדט נישט אינגאַנצן.

ס׳הייסט:

— עפּעס ווערט דאָך געטון פאַרט פאַר אונז... די „וועלט״ האָט אָן אונז פאַרט נישט פאַרגעסן.

אַגראָנאָם לעוויטין איז דער אָפיציעלער יידישער אַגראָנאָם בא דער קרייזישער ערד-פאַרוואַלטונג פון מאָזירער קרייז. צוליב זיינע טיכטיקע אַגראָנאָמישע פעיקייטן, האָט מען אים שוין עטלעכע מאָל געפּרוווט אַריבערפירן אויף אַלגעמיינער אַגראָנאָמישער טעטיקייט אינעם קרייז, נאָר ער ווערט זיך מיט אַלע כוחות — ער וויל פאַרבלייבן אויף „יידישער״ אַרבעט.

ער טרוימט, אַז אָט די געגנט וועט נאָך אַמאָל זיין איינע פון די רייכסטע און אַגריקולטורעל-בליענדיקסטע אינעם ראַטן-פאַרבאַנד — און ער באַמיט זיך דעריבער, אַז אָט יענע טיילן פון דער אָרטיקער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע גייען אַריבער אויף ערד-אַרבעט, זאָלן פאַרבלייבן אין אָט דעם געבענטשטן ווינקל פון ווייס-רוסלאַנד — אין פּאָלעסיע.

און חוץ דעם: מיט דעם פאַרשפּאָרט ער דאָך זיי הוצאות הדרך: זיי פּעקלען אַהער אַליין אַריבער אויף אייגענע פערד און וועגעלעך זייערע בעביכעס פון די נאָענטע אַלטע היימען.

— די פראַגע איז נאָר, וואו נעמט מען אָט דאָ ערד... די מלוכה-ערד איז אין דער מהומה-צייט פאַרנומען געוואָרן דורך די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער. די מלוכה קריגט טאַקע דידאָזיקע ערד ביסלעכווייז צוריק אָפּ פון דידאָזיקע פּויערים, אָבער עס לוינט נישט, אַז יידן זאָלן זיך לכתחילה באַזעצן אויף „קריגעריישער" ערד.

באַזעצט ער זיי צוערשט אויף ערד פון געוועזענע „סאָווכאָזן" (סאָוויעטישע מלוכה-ווירטשאַפטן). ווי נאָר ער דערשמעקט אין דער קרייזישער ערד-פאַרוואַלטונג, אַז אַזאַ „סאָווכאָז" האָט זיך באַפרייט, האָט זיך אויפגעלייזט — צוליב עקאָנאָמיש-ווירטשאַפטלעכע טעמים — ווענדט ער שוין אָן אַלע זיינע כוחות, אַז די ערד זאָל באַשטימט ווערן פאַר די יידישע איבערוואַנדערער. אין איינצעלנע אַזעלכע יידישע קאָלווירטשאַפטן, וואָס זענען געגרינדעט געוואָרן אין געוויסע סאָווכאָזן, פאָרן מיר עס איצט אויף באַזוך.

אָ, ער לייגט שוין גאָר גרויסע האָפנונגען אויף דער צוקונפט פון יידן אַלס ערד-אַרבעטער — זיי וועלן פירן, נאָך זיין מיינונג, אַ סך אַ בעסערע ווירטשאַפט, ווי זייערע אַרומיקע פּויערישע שכנים. שוין דערפאַר אַליין, וואָס זיי האָבן גרעסערע לעבנס-פאָדערונגען, ווי די אַרומיקע שכנים.

— אָט נעמט, צום ביישפּיל, דעם „דריי-פעלדער"-סיסטעם...

די אַרומיקע פּויערים האָבן נאָך די אַגראַנאָמען פון דער ראַטנמאַכט עד היום נישט געקענט איבעררעדן, זיי זאָלן אַריבערגיין אויף דעם מאָדערנעם און געזונטערן פאַרזיי-סיסטעם. די פּויערים ווייסן נאָר איינס: זייערע טאַטעס און זיידעס האָבן פון אָט דעם סיסטעם נישט געוואוסט — ווילן זיי אויך פון אים נישט וויסן... זיי קראַצן זיך אומגלויביק און פאַרדעכטיק אין די פּאַטילניצעס: „נאַ טשאָרט צע נאָם טרעבאַ.." אָבער די יידן האָבן גלייך פון אָנהייב אָנגענומען די בייעסטע און וויסנשאַפטלעכסטע אַגריקולטור-מעטאָדן.

*

*   *

נ אָ ו ו י ק י. אַן אַלטער כוטאָר מיט נאָך אַן עלטערן פּוי־לישן קאָשטשאָל, וואָס איז געבויט, ווי אַ פעסטונג. און דערנאָך ציט זיך אַוועק אַ זאַמדיקער וועג, וואָס ווערט וואָס אַמאָל אַלץ טיפער און טיפער. אמת איז, וואָס דער רוימישער היסטאָריקער העראָדאָט האָט נאָך מיט אַ דריי טויזנט יאָר צוריק געשריבן, אַז אָט די גאַנצע געגנט איז אין די „אַמאָל אַמאָליקע" צייטן געווען באַדעקט מיט אַ ים: דאָס טיפע זאַמד, אין וועלכן אונזער וואָגן טרינקט זיך, איז דער בעסטער באַוויז דערפון.

באַ זייטן וועג — אוראַלטע, קידלעוואַטע, געהאָרבעוועטע און געהויקערטע ווערבעס. זייערע שטאַמען דערגרייכן צו אַזאַ אומגע־ווינלעכן אומפאַנג און גרעב, וואָס איך האָב נאָך אין מיין לעבן לאַנג נישט געזעען אין ווערבע־ביימער. דידאָזיקע זקנים מוזן אוודאי ציילן נישט איין צענליק יאָר. די גאַנצע לופט אַרום — דער פריפעט־טייך, די טיפע זאַמדן, די אומגעווינלעכע ישישים־ווער־בעס — ווייעט אָן אַ שטימונג פון עלטסטער אוראַלטקייט... און ווי מאָדנע, און ווי אומגעווינלעך, און ווי נײַ, און ווי יינג, און ווי בשורהדיק עס קלינגען אונזערע האָפערדיקע רייד אין דעם שטילן אויסמאָרגן אַרום.

די סעדער ווייַנען

אָפּגעקומען זענען מיר קיין סידעלניקי נאָך גאָר פרי.

אַרויפגעקלעטערט מיט דער בריטשקע אויפן באַגראָזטן בערגל, אַרייַנגעטונקט דערנאָך אין דער מחיהדיקער קיל פון אַן אַלעיע פון הויכע ליפּע־ביימער.

דורך די דורכלויכטן פון די ביימער־ווענט — לאַנגע שטחים פעלדער; ביזן סאַמע האָריזאָנט; אַ געוועב פון פיל־קאָלירנדיקע קעסטעלעך; אַ מין שאָטלענדיש מלבוש, אָדער פּלעד...

— אונזערע פעלדער — מאַכט דער אַגראָנאָם אַ ברייטן, שווינגעדיקן זשעסט אין דער לופט אַרום אים, צייכנט אַ מין האַלב־קרייז פון רעכטס אויף לינקס, אַזוי, אָבער גאָר נישט־שפּאָרעוודיק. ס'דאַכט זיך: ער נעמט אַריין, דערדאָזיקער נישט־שפּאָרעוודיקער זשעסט, לכל הפּחות, אַ האַלבע וועלט אַרום...

— אונזערע פעלדער...

אויף נאָענטערע קעסטעלעך פון אָט דעם היפּשן, פיל־קאָלירנדיקן שאָטלענדישן מלבוש — פּינטעלעך, פלעקן, פּאַסיקלעך, באַוועגלעכע און אומבאַוועגלעכע, און לעבן זיי — אַ ייד אין אַ ברייטן שטרויענעם קאַפּעליוש, מיט אַ לאַנגער באָרד, מיט אַ היפּשן דראָנג אין האַנט, וואָס איז אָן אַ שיעור העכער פון אים. ס'דאַכט זיך: ער פּרוּווט קלעטערן אויף אים, אויף אָט דעם דראָנג, צום הימל צו.

— אונזער פּאשע — טייטלט דער אַגראָנאָם דורך די דורכ־לויכטן פון די הויכע, קילע ווענט פון די ליפּע־ביימער. — אונ־זער פּאסטוך... ר' ירוחם.

מיטאַמאָל דערהערן מיר קולות פון לינקס — עטלעכע קולות פון מענטשן, וואָס האַלטן זיך אין דערנעענטערן צו אונז; מען הערט, ווי זיי שפּרינגען אַרויף און אַראָפּ:

— האָפּ־האָפּ... האָפּ־האָפּ...

עס לויפן אָן עטלעכע מיטל־יעריקע קאָלאָניסטן, מיט פאַר־קאַשערטע אַרבל, מיט פאַרשפּריצטע פּנימער אין קאַלך, מיט פאַר־גאָסענע און פאַרקאַלכטע הויזן.

— אָ, חבר לעוויטין... גוט מאָרגן!

— אָ, אונזער חברל איז דאָ!... גוטע בשורות געבראַכט?

זיי — עלטערע; ער — נאָך גאָר אַ יינגערמאַן, אַרום דריי־סיק; באַציִונג צו אים — ווי צו אַ געראָטענעם יינגאַטש, וועלכער פּירט די גרענדע און קערט אַ וועלט.

מיר שפּרינגען אַרונטער פון דער בריטשקע. מען רינגלט אונז אַרום. מיר טויכן אַרויס פון דער ביימער־אַליע און קומען אַריין אין דעם נאָענטן גאָר היפּשן און צעוואָרפענעם סאָד.

ווערימלעך האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אינם סאָד און פאַר־דאָרבן אים, עסן אויף דעם יינגן צוויט — די שפּעטערדיקע פּרוכטן, עפּל, באַרן און פלוימען. מען פירט מיט זיי אַן אמתע מלחמה. מען באַשמירט די שטאַמען פון די ביימער סאַמע אינמיטן מיט סמאָלע־רינגען — די ווערים זאָלן נישט קענען אַריבערקריכן איבער אָט דער פּעכיקער מחיצה. מען באַשפּריצט די צווייגן און דעם צוויט מיט אַזאַ ווייסלעכן כעמישן געמישעכץ — „פראַנצויזישער גרינס" — אַזאַ סם. איין ייד קייקלט די פּאָמפּע, וואָס איז אַרומ־געוויקלט, ווי אַ שלאַנג, צווישן צוויי הויכע רעדער, פון בוים צו בוים. אַ צווייטער שטייט לעבן אַ פּאַס מיט דעם געמישעכץ און פּאָמפּעט נאָכאַנאַנד, סאָפּעט און פּאָמפּעט; און אַ דריטער, אַ יינ־גערער, קלעטערט, ווי אַ פייערלעשער, אויף די ביימער־צווייגן, און טוט זיי זייער רעכטס.

אָט דער דריטער פּאַרשוין, באַ וועמען דאָס פּנים, דאָס היטל

און די בגדים זענען אינגאַנצן פאַרשפּריצט, ווי באַ אַ האָנטשער. האָט עס אונז דער ערשטער דערזען פון זיין הויך, און איז אונז אַנטקעגנגעלאָפן.

— האָט איר, הייסט עס, טאַקע פאָרט פּאָפּאַדיעט ערגעץ אַ פּאָמפּע — באַטראַכט זיי, די עלטערע יידן, דער יונגעטשקער אַגראָנאָם, מיט ליבשאַפט און הנאה, פונקט ווי ער וואָלט עס געווען דער עלטערער, וועלכער באַטראַכט וואַילע קונדייסים און ווייסע־חברה־ניקעס — וואו האָט איר זי געפּאַקט?

— ערגעץ אין אַ נאָענטן סאָווכאָז... האָט זיך געוואַלגערט דאָרט אָן נוצן, אין דער „פּאָזשאַרנער קאָמאַנדע"... האָט געזשאַווערט... מען האָט אונז אים תחילת נישט געוואָלט געבן — האָבן מיר אויפגעהויבן דעם אמתן געוואַלט... מיר האָבן זי צוגענומען ביד חזקה — קאָנפיסקירט... מיר זענען דאָך עפּעס אַ קאָלווירט, צי ניין?...

— אַז מיר האָבן זיך מיט איר אָפּגעטראָגן, האָבן מיר געהערט, ווי דער דאָרטיקער „זאַוו" (פאַרוואַלטער) בורטשעט: „די דאָזיקע יידעלעך פּטרן אונזער אייגנטום..." אָבער מיר ווייסן דאָך בעסער...

נאָר דאָס איז אַלץ ווייניק; כדי די מחבלים־ווערים, וואָס ווערן פאַרטריבן פון איין זייט סאָד, זאָלן נישט אַריבערקריכן אין די אַנדערע טיילן פונם סאָד, וואָס זענען נאָך נישט גערירט, האָט מען אויסגעגראָבן אינמיטן טיפע קאַנאַוועס — אמתע טראַנשייען. די ווערעם פּעטע און אָפּגעקאָרמעטע, קריכן אין די גריבלעך, וואָס אין די אויסגעגראָבענע קאַנאַוועס, און דאָ, באַ די ראַנדן פון די קאַנאַוועס, שטייט תמיד אַ וואַך פון עטלעכע מענטשן מיט גרויסע טויקאַטשן — זיי שטויסן זיי, די ווערעם, נאָכאַנאַנד, און הרגענען זיי אויס אין די טויזנטער און אין די צען־טויזנטער.

דאָס אַלץ האָט מען נאָך געדאַרפט אָפּטון פריער, פאַרכאַפּן צו דער צייט, צום סוף־ווינטער, נאָר דער קאָלעקטיוו ס י ד ע ל נ י ק י איז בסך־הכל אַלט איין חודש צייט, מען איז אָנגעקומען צו שפּעט; בשעת דער סאָד האָט געביטן באַלעבאַטים, האָט קיינער אויף אים נישט אַכטונג געגעבן.

שטייען אַזוי די אַרומגעצופּטע און אַרומגעגריזשעטע פּרוכט־ביימער און שמאַכטן. זייערע נאַקעטע צווייגן זענען געדיכט באַדעקט מיט פּיל־פאַרביקע, אומבאַוועגלעך־דרימלדיקע פּאַפּקעס, וואָס האָבן זיך שוין אויסגעפּיקט פון די ווערעמלעך — וואונדערשיינע אוזאָרן און געמעלן, פּאַסקעלעך און שפּרענקעלעך, ממש אַזעלכע שיינקייטן, נישט אויסצוטראַכטן! דרימלען זיי, אָט דידאָזיקע אומגעוויינלעך־שיינע „זאַכן" — אויף דער גרענעץ צווישן נישט־באַשאַף און באַשאַף — טראָגן אין זיך דעם סוד פון לעבן פון אומגעהייערע מחנות שמעטערלינגען, וואָס דאַרפן ערשט געבוירן ווערן, — און ברענגען דערווייל טויט צו די פּרוכט־ביימער אין סאָד.

דרייט זיך אַרום אַן עלטערער יידישער קאָלאָניסט, שאַרט זיך צו צו אונז אומבאַהאָלפן און רחמנותדיק, און קוקט אויף אונז מיט צער:

— חבר... חברל... איר זעט... איר זעט דאָך אַליין... די סעדער ווייַנען...

גישטאָ קיין רעגן

קאָלווירט סידעלניקי פאַרמאָגט 80 דעסיאַטין גוטע פּאַרזיי־ערד; איבער 70 דעסיאַטין פּאַשע און היי. מען פאַרזייעט דאָ האָ־בער, קאָרן, הרעטשקע; לופּין, סערעדעלע, קלעווער (אַזעלכע גע־וויקסן, וואָס זענען גוט פאַר פעלדער, ווי באַמיסטיקונג, ווי אַן אָפּפרישונג פון דערשעפּטע ערד־כּחות). עס זענען דאָ אַ סך בנינים פאַרטיקע — שייערן, שטאַלן, ביידעמער. אַ היפּשער סכום פון טויטן אינווענטאַר... מען האָט זיך דערווייל נישט געדאַרפט בויען, „סטראָיען זיך". עס איז דאָ אַ פראַכטפול פריציש הויז...

דאָס אַלץ האָט מען גענומען און אינגאַנצן איבערגעגעבן די יידישע איבערוואַנדערער פון די צרומיקע נאָענטע שטעט און שטעטלעך — פון מאָזיר און קאַלינקעוויטש, פון סקריהאַלאָוו און קאָפּיטקעוויטש א. אַז. וו. א. אַז. וו.

— קומט און באַאַרבעט די ערד...

געווען איז דאָ אַמאָל אַ גוט, אַ פרישער הויף... נאָר אַז „דער מלך איז אָפּגעשטאָרבן... די מלכה איז געוואָרן פאַר־דאָרבן..." איז אויך „דאָס פייגעלע פונם נעסט אַנטלאָפן"... און אין די גרויסע, גערוימע פריצישע הדרים, מיט די הויכע ווע־לבונגען און סופיטן, וואוהין אפילו די מאָשקע־סוחרימלעך פלעגן קיינמאָל נישט האָבן קיין דריסת־הרגל, וואוינען איצט די יידישע אי־

בערוואַנדערער מיט זייערע ווייבער און קינדער, מיט זייערע אָרע־מע פעק און בעבעכעס.

און דערוויל — נישט צו פאַרזינדיקן (אין געשפּרעך האָב איך אָפּטמאָל באַמערקט דאָס וואָרט „דערווייל"... מיינט עס: פון צייט צו צייט אָנפּלייצנדיקע שרעק, אומזיכערקייט, אַז טאָמער... טאָמער... מען לייגט אַריין אַזוי פיל כוחות אין איבערבויען זיך, אין איבערשאַפן זיך אינגאַנצן צום נייעם לעבן — און דערנאָך... ווער ווייסט... מיינט עס, אַז עפּעס איז שווער אָט די פיל־געפּרווו־טע מענטשן צו גלייבן דעם אייגענעם ליכטיק־אויפגעשיינטן מזל ?). ס'איז דאָך ערשט דער ערשטער חודש. די סעדער ווערט מען נאָך אָפּראַטעווען. מילך איז דאָ. די יאַראָווע פעלדער זענען שוין פאַר־זייעט. באַ די אַרומיקע פויערים האָט מען אָפּגעקויפט דאָס ווינטער־קאָרן, וועלכעס די לעצטע האָבן נאָך אין האַרבסט פאַרזייעט אויף די די ערדן פון קאָלעקטיוו, איידער די יידישע איבערוואַנדערער זע־נען נאָך אָנגעקומען אהער. מען שטאָלצירט מיט די אייגענע סע־דער, וועלכע זענען שוין באַרימט אין דער גאַנצער געגנט, און אין וועלכע די אַרומיקע פויערים קומען צו פאָרן איינהאַנדלען פלאַנצן און ביימעלעך יו גע: מען פאַרמאָגט אייגענע „פּיאַראַוויקעס"... אַלץ ווי עס באַדאַרף צו זיין — אַ באַלעבאַטישקייט אַ פיינע; אויף קיין בעסערס האָט זיך קיינער פון זיי נישט גערעכט. מער נישט —

— קיין רעגן איז נישטאָ...

עס ליגט די אַרומיקע ערד צעברענט, צעטרוקנט, צעלעכצט... דער גרונט איז „פונאַנדערגעבונדן", צעשטויבט. דער האָבער איז געל, נישט־געזונט. די קאָרן־זאַנגען זענען, צוליב די גרויסע היצן, צו פרי אויפגעגאַנגען, הויך און שלאַנק, אָבער זיי זענען דאַר, נישט אָנגעגאָסן... זיי קוקן אויס, ווי מחנות בלאָנדע, דאַרע און איבער־געוואַקסענע, שווינדזיכטיקע יינגלעך.

— קיין רעגן איז נישטאָ...

דער שטויב לייגט זיך איבער אַלץ. און די פּנימער פון די קאָלאָניסטן דריקן אויס אַזאַ צער — אַזוינס זעט מען נאָר

באַ עלטערן, באַ וועמען עס ליגן קינדער קראַנק אין היץ און אין פיבער.

— חבר, חברל... — שמייכלען זיי צערדיק צום אַגראַנאָם. — אַז איר, די יינגע, פירט דאָך אונז איצט... אייער צייט... אייער וועלט... אַלץ קענט איר... אַלץ ווייסט איר... אַלץ מאַכט איר... איז אפשר וואָלט איר דאָ געמאַכט אַ... אַ רעגן?

— מירן דאָס אפשר אַמאָל אויך קענען... — שמייכלט צוריק דער אַגראָנאָם מיט נישט ווייניקער צער. דערווייל האָב איך די זעלביקע מיטלען, וואָס איר...

— און אַלץ איז שולדיק ר' בעריש... — וויצלט זיך גוט-מוטיק איינער אַ הויכער און שוין עלטערער קאָלאָניסט, מיט אַ גרויסן בראָדעווקע-וואָרצל אויף אַ נידעריקער און סאָלידער קאַר-טאָפל-נאָז, אַ ייד אוודאי פון העכער זעכציק יאָר. ער טייטלט מיטן ערד-באַדעקטן פינגער אויף איינעם אַ נידעריקן יינגנמאַן, וואָס זינקט זיינע בליקן פאַרשעמטערהייט אין דער ערד. — אין אַלץ איז ער שולדיק, חבר לעוויטין, ער, דער ר' בעריש... יעדן אינדערפרי טוט ער אָן טלית און תפילין און דאַוונט. און בעט אויף רעגן... איר פאַרשטייט שוין אַליין, אַז ווײַבאַלד באַ אונז איז קיין אחדות נישט! דאָס רוב פון אונז דאַוונט נישט — קומט ער און דאַוונט דווקא יאָ... און ער — טייטלט דער הויכער און שוין עלטערער קאָלאָניסט צום שרפנדיקן הימל. — ער, דער אַלטער, זעט דאָרט, אַז ס'איז נישטאָ קיין אייניקייט אין אונזערע רייען, עקשנט ער זיך איין:

— אַ רעגן זאָגט איר, ווילט איר? נאַט אייך אַ פייג...

— ממה-נפשך, — טענהט ער ווידער, — אַהער אָדער אַהין... אָדער מיר צערייסן מיט אים גאָר אינגאַנצן, אָדער לגמרי נישט... אָדער כלו זכאי, אָדער — כלו חייב...

נאָר יענער יינגערער קאָלאַניסט, וועלכן דער עלטערער ייד מיט דער גרויער קאַרטאָפל-נאָז, — קענטיק, אַ ייד אַ למדן און אַ געוועזענער משכיל — רופן פונדעסטוועגן אָן — כאָטש מיט אַ שמץ איראָניע — „רב", אַז ער דערפילט אויף זיך אונזערע

אָנגעשטעלטע בליקן, נעמט ער זיך אָן סוף כּל סוף מיט מוט:

— נו, גוט, חבר גרונם... איך קאָן אייך פאַרשפּרעכן מאָרגן אינדערפרי נישט צו דאַוונען, אויב איר קאָווירט מיר, אַז מיט דעם וועט איר אַרונטערברענגען דעם רעגן... האַ?

אַזוי ווי ס'איז שוין באַלד סיי ווי מיטאָג-צייט, צעזעצן מיר זיך אַלע אויף דער ערד קעגן הויז אין אַ וואונדערלעך שאָטנדיק אָרט; אַן עיגול — כּמעט אַ געאָמעטריש-גענויער קרייז — פון הויכע הונדערט-יעריקע לינדן רינגלט געדיכט אַרום אַ קליין שטיק ערד. די אַמאָליקע פּריצים האָבן עס ספּעציעל פאַרפלאַנצט דעמדאָזיקן בוימער-רינג פאַר הנאה וועגן. אינמיטן שטייען הילצערנע בענק, טישלעך אויף טיי-טרינקען.

דער אַלטער, זעכציקיעריקער, אײַנגאַנצן שיווער חבר גרונם וויל נאָך אַ שטיקל צייט אונז און זיינע חברים קאָלאָניסטן איבעררעדן מיט זיינע שאַרפע רייד וועגן דעם, וועמען די אויערן זענען שוין דורות-לאַנג פאַרשטאָפּט מיט דער צעקראַכענער וואַטע פון תּפילות קעגן אַלע מענטשלעכע פאַרלאַנגען און וואונטשן... נאָר אַזוי ווי קיינער ווערט נישט נתפּעל פון זיינע אפּיקורסישע רייד און קיינעם גייט עס דאָ נישט אַזוי שטאַרק אין לעבן זיך אָנגעמען גאָטס קיוודע, הערט ער באַלד אויף. ווייזט אויס, אַז גאָט איז דאָ איצט באַם עולם אויפן לעצטן פּלאַן: „יאָ-יאָ, נישט-נישט". ס'זענען דאָ אַ סך וויכטיקערע פראַגן, וועלכע מען מוז באַהאַנדלען — טאַקע גלייך, שוין, תּיכּף — דער עיקר איצט, אַז דער חבר אַגראָנאָם איז דאָ.

— אַ שטייגער זיי ווילן דאָ אויסבויען אַ ציגעלניע... זאָמד און ליים — וויפיל מ'וויל... וואַסער — דער כּריפּעט איז ממש אונטער דער נאָז... אַרבעטן — מאַכט זיך דאָס ערשטע יאָר אָדער צוויי, וויפיל ס'איז נאָר דאָ כּוח... איז טאָמער זענען יאָרן

פון שלעכטער גערעטעניש — איז דאָס שטיקל ברויט דערווייל געזיכערט... איז וויפיל א שטייגער, חבר לעוויטין, קאָסט וואַכבע?

אָדער — וועגן דער אָרגאַניזאַציע פונם קאָלעקטיוו. דער קאָלעקטיוו אין סודעלניקי ציילט א 50 נפשות — מאַן ווייב און קינד. אַלע זענען ענערגיש, אַלע ווילן אַרבעטן, אַלע אַרבעטן. אָבער עס קומען דאָך פאָר רייבונגען — אומפאַרמיידלעכע: דער האָט מער קינדער, דער האָט וויניקער... דעמס ווייבס אַרבעט מער, יענעמס — וויניקער: זי קאָן זיך נישט פאַרגעסן, אַז זי איז אַ נגידיתטע, אַ באַלעבאָסטע פון דער היים אַרויס... וועט זי גיין שאַרן מיסט?

— איז אַ סברה אפשר מען זאָל אַריבערגיין אויף אינדיווידועלער ווירטשאַפט?

אַ קאָלעקטיוו איז אָבער פאָרט גלייכער; די מלוכה גיט אַ סך מער פריוויל]עגיעס, קרעדיטן אַ קאָלעקטיווער ווירטשאַפט; אַ קאָלעקטיוו איז אַ יחסן; אָט ווייסן זיי דאָך אַליין, די קאָלאָניסטן: ענערגיש און אַרבעטסלוסטיק זענען זיי. אַז ס'איז נאָר דאָ אַ טאָג אַ פרייער פון אַרבעט אויף אייגענער ערד, זוכן זיי אויף יענעם טאָג אין דער שכנותדיקער גרעסערער שטאָט עפּעס אַן אַרבעט, ביי וואָס נישט איז.. פירן שטיינער, זאמד, ציגל, געהילץ... איז קריגן קאָלעקטיוון תמיד דעם פאָרצוג ביי געזעלשאַפטלעכע און מלוכה־אונטערנעמונגען...

ס'בלייבט דעמאָלט איבער, אַז קאָלעקטיוו זאָל טאַקע פאַרבלייבן קאָלעקטיוו, נאָר ער זאָל זיך איינאָרדנען נישט לויטן פּרינציפּ: „וויפיל עסער", נאָר „וויפיל כוחות"... דאָס הייסט, אַז דער חלק, וואָס יעדע משפחה האָט אין דער אַלגעמיינער ווירטשאַפט, זאָל באַשטימט ווערן נישט לויט דער צאָל „עסערס", וואָס אַ משפחה פאַרמאָגט, נאָר לויט דער צאָל אַרבעטס־פעיקע און אַרבעטנדיקע נפשות..

ס'וואָלקנט. עס וועט גיין אַ רעגן... נאָר באַלד הייבט עס

און וויגלען און ס'טרייבט פונאנדער די וואָלקנס — און די רעגן־האָפענונגען...

מיר האָבן קיין צייט נישט. מיר דאַרפן פאָרן ווייטער, אין אַן אַנדערן קאָלווירט, אַ שעה רייזע פונדאַנען. מיר וועלן נאָך צוריקקומען אַהער נעכטיקן — און ווייטער שמועסן.

עס שרפעט ווידער, מיר באָדן זיך אויס אין דעם זאַמדיקן פריפּעט, אָפּגעגאַנגען אַ האַלבן טייך כמעט — דאָס וואַסער איז אונדז קוים ביזן פּופּיק. ליכטיק, פריידיק. די קינדער — געזונטע, פאַרברוינטע, צוקונפטיקע — שיפן זיך אויף לאָדקעס, כאַפּן פיש־לעך... מיטאַמאָל דערזעען מיר אויפן ברעג אַ יידענע, באַגלייט פון נאָך עטלעכע ייִנגערע און עלטערע פרויען, טראָגן הויך און בכבודיק גאַנצע פּוסנאָהע, וועלכע זי האָט אָקאָרשט אַרומגע־סמאַליעט אויפן גראָז. דער סמאַליעניש־ריח טראָגט זיך ווייט איבערן טייך אַרום — ערב־שבת איז ערב־שבת און דער רו־טאָג איז אין קאָלווירט פאָרט שבת.

דידאָזיקע פּראָצעסיע מיט דער פּוסנאָהע, וואָס איז אויפגע־הויבן אין דער הויך דורך אַ בלייכער, פאַרשמאַכטער ווייבערישער האַנט — אויפגעהויבן ווי אַן אָרעם־מענטשלעכע פאָן אויף אַ פלאַג־שטעקן — בייט עס איצט צו דער פרוי, וועלכע איז אויסגעקליבן, ווי די „עלטסטע" איבער דעם ווייבער־טייל פונם קאָלעקטיוו. — יענע, הייסט עס, זאָל עס פונאַנדערטיילן די חלקים אַלעמען גלייך.

אַ האָן האָט אויפגעקרייעט, אַצווייטער, אַ דריטער. דער פויער־קאָלאָניסט, וועלכער שפּאַנט אונדז איצט איין אַ וועגעלע אויף אָפּ־פירן אינם שכנותדיקן קאָלווירט, האָט אינמיטן איינשפּאַנען אָפּ־געלאָזט די פּאָסטראָמקעס, און האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר גלאַנציקע אויגן אין דער לופט אַריין. ער הייבט אָן באַשמעקן די לופט מיט גרויס מבינות, ציט זי גיריק אַריין אין די ברייט־פונאַנדערגענומע־

נע גאָזלעכער מיט קילן חיות און הנאה, — ער טרינקט זי ממש, די לופט, מיט גרויס דורשט:

— אום־הא. . . אום־הא. . . . איר זענט עפּעס אַ מבין, ברי־דערלעך, ווי די לופט שמעקט עס אַ ביסל. . . אַ, ס'וועט אוודאי אײַנגיכן ארונטערפאַלן אַ רעגן.

ק אָ ל ו י ר ט   מ י ט ש ק י

1.

היך, אויסטריקעניש. דאָס וועגל — קוים וואָס עס שלעפּט די רעדער אין זאַמד.

וועלדלעך פון נאָדל־ביימער. פאַרשמאַכטע. מיט זאַמד־נעפּלען פאַרדעקט.

אין האַלז טריקנס, עס רעדט זיך דעריבער שווערלעך. חוץ דעם: הייסלעך. שווייגן מיר.

נאָר אָט פאָרט אונזער וועגל דורך אַן איינגעדרימלט דערפל. שטיל. מען זעט נישט קיין מענטשן. בלויז אַ חזיר וויקט זיך ערגעץ אין בלאָטע און כרויקעט פון טיפער הנאה. אַ האָן קרייעט, אינזעקטן זשומען, קאָמאַרעס טאַנצן אַ פרילינג־טאַנץ אין דער דורכאויסיקער פוסטקייט פון דאָרף. הימל — בלענדט, גענעצט לייכט מיט הייסער פוסטקייט.

— אוודאי — טראַכט איך מיר — זענען איינוואוינער איצט פאַרנומען ערגעץ אויף זייערע פעלדער. פאַרנומען מיט שווערער, שוויצנדיקער אַרבעט פון מיטנטאָג. נאָר דאָ איז איצט אַזוי אומגעווייַנלעך שטיל, אַז ס'דאַכט זיך באַלד, אַז דאָס אָרט פוסטעוועט שוין אַזוי פון לאַנג און לאַנג — אוודאי פון הונדערט, אָדער צוויי־הונדערט יאָר, אַז דאָ איז שוין נישטאָ קיין מענטשלעך לעבן. פאַרוואָרפן איז עס דאָסדאָזיקע דערפל צווישן פאַרשמאַכטע וועלד־

לעך פון נאָדל־ביימער, וואו מען האָט עס איבערגעלאָזט אויף באַראָט פון פאַרוואָרפענעם עק וועלט און — פאַרגעסן זיך אָן דעם.

נאָר אַז אונזער וועגל פאַרקערעוועט באַלד אין אַ זייטיק ווינקל, דערהערן זיך מיטאַמאָל שטילע קלעפּ, און באַלד דערזעט מען איינע אַ היפּשע טאַזשעלקע — אַן אָפּן שטום־בעטנדיק אויג קעגן הימל, וואָס פליִיצט אָן אויפהער אויף פעלדער שמאַכטנדיקע מיט פּוסטער, מיט קאַלכאָויוונדיקער היץ, — אַ סאַזשעלקע, וואָס בעט אויף רעגנס און אויף וואַסער.

אַרום סאַזשעלקע — עטלעכע יונגע און יונגעטשקע שיקסעלעך, קליידלעך פאַרשטעקט גאָר הויך, איבער די קני — כמעט ביזן סאַמע יונגן און שטייפן בויך. קיין דורכפאָרער ווערט דאָ סיי ווי נישט דערוואַרט, דערהויפּט אין דער שעה.

זיי בראָדזשען אין סאַזשלקעלע, דידאָזיקע שטייפע און פאַרברוינטע שיקסעלעך, ווייקן דאָרט און צעשפּרייטן דערנאָך אויף צו טריקענען היפּשע בינטלעך בלאָנדן לײַן, וואָס זעען אוי־ס ווי אָן אַ שיעור בינטלעך בלאָנדע בערד און וואָנסעס. ביין, ער איז נאָך דערווייל נישט אינגאַנצן בלאָנד, דער לײַן: מען קלאַפּט אים ערשט גוט אויס, מען שפּרייט אים אויס אויף טריקענען, מען „ווייסלט" אים אין די גאָלדענע פלאַכטעס פון דער בראָטנדיקער זון.

— אַ גאַנצן ווינטער אַרבעטן זיי אויף דעם — רעדט ווי פאַר זיך דער יונגער אַגראָנאָם, מיין באַגלייטער — מען שפּינט און מען שפּינט דורך די לאַנגע ווינטער־נעכט. . . און די שטיקער לייוונט, פאַר אַ גאַנצן ווינטער, אַז מען פאַרקויפט זיי דערנאָך אין שטאָט — קריגט מען דערפאַר אַ רובל 10. . . די פאַרדינסטן פון אַ גאַנצן ווינטער אַרבעט! ס'קומט אויס, אַז פאַר אַ פולן אַרבעטסטאָג קריגן אָט די שיקסעס בסך־הכל צו פינף—צען קאָפּיקעס. . .

— און ס'נעמט זיך אַלץ דערפון, וואָס צייט אין אַזאַ פאַרוואָרפענעם עק איז פאַראַן איבערגענוג. . . וואָס צו טון מיט זיך דורך די לאַנגע נעכט ווייסט מען נישט — אַ פאַרגרעבט, פאַרוויל־

דעוועט אין אָפּגעשטאַנענע פאַלק... זעלטן וואָס מ׳טרעפט דאָ עמעצן וואָס קאָן לייענען... איז וואָס זאָל מען טון אין די ווינטער-נעכט סיידן גיין הוליען און הולטאַיען אויף די באַרימטע „דאָסוויטקעס...״

נו, און פינף—צען קאָפּיקעס אַ טאָג איז אויך אַן ענין! — זעצט פאָר דער אַגראָנאָם זיינע רייד, אַלץ מער פאַר זיך, ווי פאַר מיר. — נאָר דאָס שאַרפע אויג פון דער ראַטן-מאַכט הייבט שוין אָן אַריינ-דרינגען אויך אין אָט די דאָזיקע פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך: מען עפנט דאָ אויף לייען-שטיבלעך, מען האַלט אויפקלערונגס-פאָרטראַגן, ווי אַמבעסטן אויסצונוצן די פרייע צייט, ווי צו הייבן די ווירט-שאַפט, נאָר דער עיקר איז, פאַרשטייט זיך, געלט: אַז ס׳זאָל נאָר זיין אַ ביסל מער פריי געלט, אויף אויסצובויען אין געגנט די אמתע גרויסע וועב-פאַבריקן, ווי אין ענגלאַנד! וועט שוין אויך במילא פאַרשווינדן אָט אַזאַ מין אומגלויבלעכער „ארבעטס-לוין״, ווי אין אָט אַזעלכע עקן! און די גאַנצע געגנט וועט אויפ-בליען!

נאָר מיטאַמאָל, באַם סאַמע עק דאָרף, דערזעען מיר פּלוצ-לינג אַ מאָדנע סצענע:

אַ פויערטע לויפט אַרויס פון אַ טויער מיט אַן עמער וואַ-סער און פּליוכעט עס פון הינטן אַרויף אויף איינעם אַ פויער, וואָס האָט זיך געפּאָרעט לעבן די סטריכעס פון אַ דאַך — זי גיסט אים אינגאַנצן אָפּ, ווי ער איז גרויס, פון קאָפּ ביז די פיס. איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז אוודאי די פאָרזעצונג פון עפּעס אַ קריג, און איך האָב שוין געוואַרט אויף ווייטערדיקער אינטערעסאַנטער „אַנטוויקלונג״, נאָר ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן, ווען דער דורכגענעצטער פויער האָט זיך אומגעקערט צו דער קריגערישער פויערטע, און האָט אַנטקעגן געטראָגן אַ שטיפעריש-לאַכנדיק פּנים. ער האָט, קענטיק, דאָסדאָזיקע באָד אויפגענומען גאַנץ גוטמוטיק; אָפּטרייסלענדיק פון זיך דאָס וואַסער — ווי אַ הונט — ווען מען האָט אַריינגעוואָרפן אין טייך — האָט ער זי בלויז גוט-מוטיק געשאָלטן און צופרידן-אומצופרידן געהירזשעט עפּעס דערביי:

— פּאָדי טי, איש אַקאַ.

נאָר מיטאַמאָל דערזע איך, ווי אַ קליין באָרוועס פויערל, אין לאַנגע לייוונטענע הויזן און מיט אַ פליכאָוואַטער אונטער־קוטשמע אויפן קעפל, גנבעט זיך צו מיט אַ שעפל וואַסער און גיסט אויך אָפּ יענע פויערטע, וואָס האָט מיט אַ ווײַלע צוריק געמאַכט די זעלבע קונץ לגבי דעם גרויסן פויער... נאָר דאָס קליינע פויערל אַנטלויפט באַלד, און די צוויי דערוואַקסענע בלײַבן שטיין איינער קעגן אַנדערן, ווי צוויי אָפּגעגעצטע הענער. זיי הירזשען און לאַכן: זיי שטופּן און שטויסן זיך אין די ברוסטן, פּאַטשן זיך איבער די ליטקעס און זידלען זיך מיט אַזאַ גוואַלטיקער צופרידענער הנאה, מיט אַ מין ליבשאַפט כמעט, ווי אין עפּעס אַ מאָדנע שפּיל אַזאַ.

— איש סטאַרי זלאָדזשי...

— דאָס איז אַזאַ מין פויערישע זאַבאָבאָנע — דערקלערט מיר מיין קאָמפּאַניאָן, ווען ער באַמערקט די דערשטוינונג, מיט וועלכער איך באַטראַכט דעמדאָזיקן מאָדנעם שפּיל — איינע פון די פילע פויערישע זאַבאָבאָנעס — מכלומרשט סגולות צו אַ רעגן — וועלכע זענען נאָך אין אַ סך דערפער עד היום פאַרשפּרייט... בשעת עס הערשט אַ טריקעניש, גיסט מען זיך אָפּ איינס דאָס אַנדערע מיט וואַסער, כדי, הייסט עס, מיט דעם, מיט אָט דער סגולה, אַרונטערצוברענגען אַ רעגן אויף די פעלדער.

*

* *

קיין מיטשקי זענען מיר אָנגעקומען אין שפּעטן נאָכמיטאָג, ווען די שטאַרקייט און פלייסיקייט פון דער נאָכמיטאָג־זון האָט אָנגעהויבן שוין אָפּצולאָזן. דער טאָג, דער ערב שבת־טאָג, האָט זיך שוין אָנגעהויבן נייגן צו פאַרגיין.

נאָר פאַרוואָס שטייען דאָ עפּעס די מענטשן נאָך אַלץ אַרום אַזוי פאַרנומען און אַזוי פאַרהאָרעוועט? פאַרוואָס לויפן זיי אַלע אַזוי פאַרשמאַיעט אַרום איבערן פריצישן געוועזענעם הויף און באַמערקן אפילו נישט די אָנגעקומענע?

עפעס פּילט זיך דאָ גאָרנישט, אַז עס איז באַלד פּרייטיק־צו־נאַכטס; עפעס פילט זיך דאָ גאָרנישט, אַז ס'איז שוין באַלד דער טאָג־פאַרגאַנג. פריש און מונטערדיק און פיבערדיק ווערט דאָ איצט געאַרבעט, ווי אין אַ פרימאָרגן — ווי אין אַ פרישן, קילן פרימאָרגן.

הינטער די לאַנגע פריצישע הייזער ציט זיך אַ לאַנגער און ברייטער גאָרטן. פריש אויפגעבראָניעטע ברוינע בייטן צ׳ען זיך איינער נאָך דעם אַנדערן. און איבער זיי — אָן אַ שיעור איינגעבויגענע פיגורן, דאָס רוב — פרויען; עלטערע פרויען, קליין שטעטלדיקע ווייבער.

איינע אַן איינגעבויגענע פיגור מאַכט מיט אַזאַ מין דריי־עקעכדיקן גראָבאייזנדל גריבלעך אין די בייטן. זי באַוועגט זיך גיך־גיך, נאָר פונקט אַזוי גיך־גיך באַוועגט זיך נאָך אירע פיסטריט די צווייטע פרוי, מיט אַ קויש אין האַנט, פון וועלכן זי נעמט אַרויס שטיקלעך קאַרטאָפל, בינטלעך גרינסן, הויפנס אַלערליי זריעה, וואַרפט זיי אַריין אין די גריבלעך, מיט אַ געניטער האַנט באַדעקט זי זיי מיט ערד — און פליט ווייטער איבער די בייטן. איינגעבויגענערהייט און נידריק יאָגט זי זיך נאָך דער ערשטער פרוי מיטן גראָבאייזנדל, ווי אין אַ געוועט, ווער וועט גיכער מיד ווערן.

— כיענע — מאַכט זי אַ פאַרסאָפּעטע צו דער צווייטער יידענע, וואָס פאַר — איר — איר גראָבט אויס די גריבלעך נישט טיף גענוג... אַ גוטער שלאַקס־רעגן וועט קענען די זריעה אָוועקשווענקען.

נאָר דערווייל איז קיין רעגן נישטאָ. און דאָ דערזע איך די יינגעלייט פון קאָלווירט, זיי פליען אַרום הין און צוריק מיט פולע עמערס וואַסער, וועלכע זיי ליידיקן אויס אויף די בייטן. אַ סאַזשעלקע געפינט זיך דאָ נישט ווייט, באַם סוף גאָרטן; לויפן זיי הין און צוריק מיט ליידיקע און פולע עמערס, פלייסיק און פאַר־בוימען, ממש ווי מילבן. איר פאַרשטייט — אַזאַ גרויסער גרינס־גאָרטן, פון אַ היפּשע פאָר דעסיאַטין — דאַרף מען באַוואַסערן מיט די אייגענע הענט!

אָט די אָ זענען געקומען אַהער פריער, ווי די איבערוואַנ־
דערער פון קאָלעקטיוו נאַדעלניקי; זיי זענען געקומען נאָך אינמיטן
ווינטער: האָבן זיי דעם פרוכט־סאָד באַוויזן באַדייטנד אָפּצוראַטע־
ווען — און ווילן אויך פון דער טריקעניש ראַטעווען דעם היפשן
גרינס־גאָרטן פון קאָלעקטיוו; און זיי וועלן אים — און אויך מיט
אייגענער היץ — געוויס אָפּראַטעווען.

קאָלווירט מיטשקי

2.

כאָטש מען האָט אונז איצט, די אָנגעלייגטע געסט, שוין באַמערקט און באַגריסט, דאָך גייט מען נאָך צו אונז נישט צו: די אַרבעט איז אַוודאי וויכטיקער.

איצט, פאַרנאַכט, איז די בעסטע צייט אויף צו באַוואַסערן דעם גאָרטן. אַז מען באַוואַסערט דעם גאָרטן פאַרמיטאָג, טויג נישט: די באַטאָגיקע זון טריקנט באַלד אויס די בייטן, לעקט דורשטיק אויס דאָס וואַסער. און פאַרשרפּהט דערנאָך די געוויקסן.

און איצט — דאַרף מען זיך צואיילן מיטן באַוואַסערן: איידער עס ווערט נאָך פינצטער.

נאָר אָט איז די אַרבעט סוף כּל סוף פאַרענדיקט געוואָרן; מען רינגלט אונז אַרום — באָרוועסע, פאַרשמירטע, קרעפּטיקע, יינגע און ברוין-הויטיקע.

דאָ איז דאָ אַ סך יינגוואַרג, ווי אין סידעלניקי: כּמעט אַלע — יינגע בחורים, יינגע מיידן. בחורים — אינם עלטער פון צווישן 18 און 25 יאָר; עטלעכע יינגע, נישט לאַנג חתונה געהאַטע פּאָרלעך.

אָט אָ די אָ, די אַרבעטער פון קאָלעקטיוו מיטשקי, זענען גראָד נישט פון היגער געגנט, כאָטש אויך נישט זייער ווייט פון-דאַנען. זיי זענען דאָס רוב איבערוואַנדערער פון וואָלינער געגנט — פון אָט יענעם טייל וואָלין, וואָס איז נישט ווייט פון פּאָלעסיע.

און וואָס ליגט נאָך אייגנטלעך אין די פּאָלעסיער וועלדער: פון אָוורוטש און עטלעכע נאָענטע פּונקטן. יעדער פון זיי האָט צו דערציילן אַ באַזונדערע, אַ בלוטיק־אייגענע געשיכטע פון זיין לעבן, פון זיינע נסיונות און פּאַסירונגען אין משך פון די לעצטע עטלעכע יאָר: פּאָגראָמען... שחיטות... הריגות... חרובע היימען... חרובע היים־ערטער... סאָלדאַטן אין פאַרשידענע אַרמייען... רויט־אַרמייער...

ווען נאָר איך באַגעגן אָט דידאָזיקע יינגעלייט פונם נייעם רוסלאַנד — און איך באַגעגן זיי אָפט און אומעטום — פיל איך, אז זיי זענען מיט זייערע קאַליידאָסקאָפּישע דערפאַרונגען אַריבער־געוואַקסן די יידישע ליטעראַטור אין איר איצטיקן מצב; פאַרשטיי איך, אז די נייע יידישע ליטעראַטור דאַרף פאַר זיי זיין גאָר אַ מאָגערער ביסן: דאָס לעבן פון כמעט יעדן איינעם פון זיי איז אַליין אַ ראָמאַן, אַן עפּאָפּייע — ראָמאַנען גאַנצע!...

נאָר מען רעדט נישט פון אָט דעם אַלעם גאָר גערן; און אז מען רעדט שוין יאָ, ווערט דער קאָפּ דעמאָלט אַ ביסל אַרונ־טערגעבויגן; בליקן — אָן אַ זייט געווענדעט; אין דער נעפּל־דיקער ווייט: זכרונות... שוין לאַנג־לאַנג צוריק... וויסטע, שרע־קעדיקע חלומות...

ווייל אז מען קוקט זיך דעם אַלעם, וואָס רינגלט אונז דאָ איצט אַרום — היים, וואָס ווערט מיט אייגענע הענט אייננעפונדע־וועט, און רו, און זיכערקייט, און גרינס — איז עס טאַקע נישט אַלץ געווען אַ חלום בלויז, אַ פוסטער און וויסטער חלום?

איז אז מען האָט געדאַרפט נעמען און ווידער איינפלאַנצן זיך צו אַ ניי לעבן — איז צו וואָס האָט מען זיך דען געקאָנט נע־מען אין די חרובע און פאַרוויסטע דערפלעך פון וואָלין?

האָבן זיי זיך צונויפגענומען, אַ צאָל חברים־יינגעלייט, און האָבן איבערגעוואַנדערט אַהער, אין אַ געבענטשט ווינקל פון פּאָ־לעסיע, וואו די מלוכה האָט זיי אָוועקגעגעבן אַ פוסטעוועדיק פּרי־ציש גוט, מיט אַלע בנינים און „פאַסטראָיקעס“, און מיט האַק און פּאַק — און זיי זענען צופרידן.

— און די מיידלעך? — ווייז איך אָן אויף אַ פּאָר יונגע

פויערטעס, וואָס נישט געקוקט אויף זייערע באָרוועסע פיס, פאַר־שמירטע אין ערד און ליים, וואָס זעען זיך אַרויס פון די פאַרקאַ־שערטע קליידלעך, איז פון זייערע פנימער שטאַרק ניכּר זייער אָפּשטאַם — געוועזענע „היימישע, לייטישע, באַלעבאַטישע טעכ־טער"...

— אָ, איך פאַרשטיי, וואָס איר מיינט — שמייכלט צו מיר מיין מיטשפּרעכער — נאָר איר קאָנט זיך נישט פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַן אַרבעטזאַמע, האָרעפּאַשנע פּויערטעס זיי זענען עס געוואָרן בּאַ אונז... זיי האָבן זיך אַליין אָנגעשלאָגן און אָנגעבאָטן... זיי זענען שוין לאַנג־לאַנג מיד געוואָרן פון זייער קליינשטעטלדיקן אַרומגיין שלינג און שלאַנג... אדרבא — זיי כאַפּן אפילו אַ ביסל אַריבער די מאָס מיט זייער פלייס און אַרבעטס־לוסט!

אַלץ, דאָס קלענסטע שטיקל ערד, איז דאָ מיט עפּעס פאַר־זייעט, נישט נאָר די פעלדער און די גערטנער — איך זע, אַז אפילו דער גרויסער פריצישער הויף, וואָס איז אייגנטלעך באַשטימט פאַר שפּיל, איז אויך איצט דורך זיי פאַרזייעט געוואָרן מיט לאַנגע בייטן קאַרטאָפל, וועלכע האַלטן איצט אין בליען.

נאָר אינמיטן הויף שטייען פונדעסטוועגן נאָך אַלע ק־יך־לייטערס, שטאַנגען, שטאַבעס, טראַפּעצן, אויף וועלכע יונגוואַרג מאַכט גימנאַסטישע איבונגען נאָך דער אַרבעט.

מען פירט מיך אַרום, מען באַווייזט מיר די שטאַלן, די פּי, די הינער־שטייגן, דעם טויטן אינווענטאַר...

— אַך, ווען מיר האָבן נאָר אַ טראַקטאָר... כאָטש אַ קליין, קליין טראַקטאָרל...

און אויגן בּאַ יידיש־פּויערישן יונגוואַרג פאַרציען זיך מיט בענקשאַפט־נעפּל.

— ה׳ לעוויטין... וויפיל קאָסט אַ טראַקטאָר אויף אויס־צאָלן, האַ?

נאָר אויף זייערע פנימער ליגט אויסגעשפּרייט אַזאַ מינע, ווי זיי וואָלטן, אַ שטייגער, געפרעגט, וויפיל קאָסט איינקויפן, למשל,

אַן אַקרענט... און זיי האָבן אפילו שוין נישט געוואַרט אויף אַ תשובה פונם אַגראָנאָם

— ווייס איך וואָס... ווי וועלן זיי דען קענען אַפּשפּאָרן אַזוי פיל געלט...

מיטאַמאָל לאָזן זיך אַ פּאָר פונם רעדל אַרום מיר לויפן מיט אַ הוקען און אַ טיזקען צום פּלויט, וואו אַן איינגעבויגענע פּויערטע האָט שוין דאָרט אויפן פעלד אַ שטיקל צייט געהאַלטן אין שניידן עפּעס מיט אַ שנייד־מעסער, און שטופּן און פּאַקן אין אַ זאַק. דעם זאַק האָט דאָרט חברה באַלד אויסגעליידיקט, די פּויערטע האָט מען אונטער די הענט צוגעפירט צום טויער, און געבעטן במחילה ארויסגיין.

די צוריקגעקומענע האָבן דערציילט מיר, וועגן וואָס עס האָט זיך דאָ געהאַנדלט: די דאָזיקע פּויערטע, אַן אָרעמע גויע, האָט געקריגן פונם קאָלעקטיוו אַ דערלויבעניש אָפּצושניידן די קראָפּעווע באַם פּלויט, פּאַשע פּאַר אירע חזירים (דער קאָלעקטיוו נייטיקט זיך נישט אין אָט דער דאָזיקער פּאַשע, ווייל ער האָט נישט קיין חזירים אויף האָדעוואַניע). נו, איז ווען מען זעט נישט, פּאַרכאַפּט זי אין זאַק אַריין אַ היפּש ביסל שטשאַוו אויך...

— מען דאַרף אויף איר האַלטן אַן אויג... — רופט זיך אָן צו די איבעריקע מיין מיטשמועסער, אַ בלייך־פּנימדיקער יינגערמאַן מיט אַ צעקנייטשט פּנים; ער מאַכט אויף מיר דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט געווען אַ פּירער דאָ, און צו זיין וואָרט הערט מען זיך צו — מען דאַרף זיי, די שכנים אונזערע, צוגעוואוינען צום געדאַנק, אַז אונזער האָב און גוטס איז נישט הפקר... אין משך פון אָט די עטלעכע לעצטע טומל־יאָרן האָבן זיי זיך אפּנים, אַן דעם פאַרגעסן...

איך פאַרפיר דאָ אַ שמועס וועגן די באַציונגען פון די נייע יידישע ערד־איבערוואַנדערער מיט די שכנים, אַלטגעזעסענע פּויערים.

— בדרך־כלל — נישט שלעכט. שכנים — ווי געוויינלעך; ביז וואַנען מען געוואוינט זיך צו איינער צום אַנדערן. דער עיקר נאָך — אַזעלכע אומדערהערטע שכנים: יידן — אויף ערד־אַרבעט! יידן —

פויערים! קליינע מיספארשטענדענישן קומען, פארשטייט זיך, פאר — אויך ווי בא שכנים.

— מען דארף זיי נאך צוגעוויינען, די ארומיקע אלטגעזעסענע ווייס־רוסלענדישע פויערים, צום געדאנק, אז יידן קאנען זיין אזעלכע גוטע ערד־ארבעטער, פונקט ווי זיי. אויב נאך נישט קיין בעסערע... — שמייכלט צו מיר דער בלייך־פנימדיקער יינגערמאן מיטן צעקנייטשטן געזיכט. — און פונקט, ווי אנדערע מוזשיקעס, וועלן זיי, די יידישע ערד־ארבעטער, זיך אויך נישט לאזן שפייען אין קאשע...

נאר מיט די ארומיקע פויערים קומט מען שוין יאקאש דורך: א סך שווערער איז דעם קאלעקטיוו דורכצוקומען דווקא מיט אן אייגענעם — מיט איינעם א ייד, וועלכער האט נאך אמאליקע צייטן געהאלטן דאס ארומיקע לאנד אין ארענדע בא א פריץ, בא וועלכן די מלוכה האט דאס גוט קאנפיסקירט. איז מיט דער סאוויעטן־מאכט וועט ער זיך אוודאי נישט אנהייבן: ער האט שוין גראד שכל, דערדאזיקער יידישער ארענדאר... נאר די קאלעקטיוויסטן טוט ער ממש אין ביין: ער רייצט אן קעגן זיי די ארומיקע פויערים, ווען ער שרעקט אן, אז די יידן זענען עס געקומען צונעמען בא זיי זייער לאנד... ער סטראשעט אויך די יידן פונם קאלעקטיוו, אז ער וועט נאך אין א פינצטערער נאכט איינעם פון זיי זיכער דערשיסן.

— דערווייל האט טאקע עמעצער געשאסן אויף אונזער נאכט־שומר... כאטש מיר ווייסן נישט, ווער עס האט עס געטון.

א שיינער, האריקער, ברוינער און הינקענדיקער הונט רוקט זיך דא צו צו אונז, ווי א שטומער עדות; ער שטעלט אויף אונז אן א פאר וואונדערלעך־פייכטע רחמנות־אויגן; ער הייבט אויף דאס הינקענדיקע פיסל.

— ס'איז אמת — זאגט ער מיט זיינע פייכטע אויגן. — אט קוקט נאר אן אליין... איינמאל באנאכט...

ס'טונקלט. פון דער סאזשעלקע דערהערט זיך א זינגען פון

זשאַבעס. קינדער קומען צו אונז צו לויפן מיט קרענצלעך פיש אין די הענט — זיי האָבן זיי אָנגעכאַפּט אין סאַזשעלקע.

איך באַמערק שוין אַ שטיקל צייט, ווי עפּעס אַן אויסגעפּוצטער יינגערמאַן, מיט אַ געזונט רויט פּנים אין ברייטע, שווערע מאַזאָליעריקע הענט, דרייט זיך אַרום פאַר איינעם אַ הויז, אַביסל אָן אַ זייט פונם געזעמל. ער איז אָנגעטון, ווי אַ צוכט, און איז פאַרפּוצט אַט טאַקע ווי אַ קליינשטעטלדיקער פועל ערב־שבת, פאַר ליכט־בענטשן. די הענט האַלט ער פאַרשטעקט אין די קעשענעס — אַ זשעסט פון יום־טובדיקער לײַדיקגייעריי.

— און דער ווער איז? — פרעג איך מיט אַ ברעמען־וואונק.

— אונזער אייגענער שמיד; מיר האָבן אים מיט זיך מיטגעבראַכט אַהער פון אונזערע מקומות, פון וואָלין... ער איז אַ גלייכבאַרעכטיקטער מיטגליד פון דעם קאָלעקטיוו. נאָר אָנשטאָט צו פאַרנעמען זיך מיט ערד־אַרבעט, טוט ער פאַר אונז שמידעריי... ס'איז דאָ פאַר אים גענוג צו טון... און מיט זיין אַרבעטס־טאָג, ווי אַ שמיד, איז ער שוין איצט פאַרטיק.

— איך גיי אַריין אין אַ פּאָר וואוינונגען — ציכטיק, ריין, צוגעקליבן, פאַרבעט; אוממעגלעך צו טרעפן אַזאַ ריינקייט אין אַ פויערס הויז אין רוסלאַנד; נישט אפילו אין קיין טייל דערפון; סיידן אפשר אין די וואוינונגען פון די דייטשע קאָלאָניסטן אין דרום־רוסלאַנד.

אין איינעם אַ הויז, אַ יינגע פרוי פאַרשמירט די ראַנדן פון אַ נאַשלינקע מיט ליים, וועלכעס זי נעמט הויפנווייז פון אַ טאָפּ אויף ערד לעבן איר, פונקט ווי מיין מאַמע פלעגט עס טון, אין די אַמאָליקע קינדער־יאָרן. מען פאַררוקט דאָ טשאָלנט, פונקט ווי אויך אין אַ פּאָר אַנדערע הייזער.

— וואָס זאָל מען טון? ס'איז זיך עפּעס שווער אָפּצוגעוויינען... — פאַרענטפערט זיך פאַר מיר די באַלעבאָסטע פונם הויז. — איר זאָלט עס נאָר קיינעם נישט דערציילן — בעט מיך שפּאַסיק דאָס יינגע ווייבל — עס זאָל נאָך חס-ושלום נישט אַרויסגעלאָזט ווערן אויף מיר קיין שלעכטער נאָמען...

— ש־ש־ש... פאַרלייג איך אַ פינגער געהיימנישפול אויף

די ליפּן. — איך פאַרשפּרעך אייך הייליק... אָבער זאָגט נאָר: מאַכט איר כאָטש אויף מאָרגן עפּעס אַ געשמאַקן קוגל?... ש-ש-ש... — מאַך איך נאָך אַ געהיימנישפולערע מינע — האַלט ס'מויל... מיט מיר וועט איר שוין יאַקאָש דורכקומען... זעט נאָר, די יעוועסעקן זאָלן זיך עס נישט דערוויסן. זיי קאָנען נאָך קאָנפיסקירן דאָס גאַנצע טשאָלנט... אַ קשיא אויף זיי — זיי וועלן נאָך נאַציאָנאַליזירן אייער מאָרגנדיקן קוגל...

שבת-ווײַן

1.

אַז מיר קערן זיך אום צוריק פֿון דעם קאָלעקטיוו מיטשקי צום קאָלווירט סידעלניקי, אויף נאַכט-לעגער, איז שוין האַלב-טונקל; ביימער הייבן זיך שוין אָן צוזאַמענוואַקסן, צונויפקלעפּן מיט געדיכטן, בלויען קליי פֿון אָוונט.

ווידער זאַמדן, ווידער שמאָלע סטעזשקעס. צווישן וועלדער פֿון נאָדל-ביימער. מיטאַמאָל, אַז אונזער וועגל הייבט זיך אויף אויף עפּעס אַ בערגל, דערזע איך פֿאַר זיך אונטן, אין דעם אָוונטיקן טונקל פֿון אַ טאָל ווייט באַם האָריזאָנט, פֿייערן ברענען, גאַנץ היפּשע פֿייערן. זיי ברענען אַזוי שטיל און ווייט, און הייבן מיך באַלד אָן אַ ביסל שרעקן, סיי מיט דער שטילקייט, מיט וועלכער זיי ברענען, און סיי מיט זייער שטומער ווייטקייט.

נאָר כאָטש זיי ברענען אַזוי ווייט, דאַכט זיך מיר, אַז איך הער אפֿילו, ווי זיי קנאַקן דאָרט און טרעשטשען, די פֿייערן; דאָס מוזן אוודאי זײַן דערפֿער און כוטאָרן מיט זייערע שטרוי-דאַכיקע הײַזער און שייערן, וועלכע ברענען איצט אָפּ אין דער נאַכט שנעל און ליכטיק, — ווי ליכט, ריזיקע, סטעאַרינאָווע ליכט.

איך שרעק מיך וואָס אַ מינוט שטאַרקער, ווײַל אָט יענע פֿײַערן

געפינען זיך, דאַכט זיך מיר, אין דער זעלבער ריכטונג, אין וועל־בער מיר פאָרן — אינם קאָלווירט סידעלניקי...

נאָר ה׳ לעוויטין, מיין באַגלייטער, באַרויקט מיך באַלד:

— ס׳איז גאָרנישט — זאָגט ער — שרעקט זיך נישט...

אָט יענע פייערן געפינען זיך זייער ווייט פונדאַנען, אַזש אויף יע־נער זייט טייך, אויף יענער זייט פריפעט... דאָס האָבן איצט די פאַסטוכער, וועלכע זענען אַרויס אויף אַ גאַנצער נאַכט מיט זייערע טשערעדעס אויף פאַשע, אונטערגעצונדן דאָרט אַ ריי בערגלעך פון פאַרבליבענעם לעצט־יאָריקן גראָז, פון טרוקענעם טאָרף און צוויי־גלעך; זיי וואַרעמען זיך דאָרט איצט אַרום די פייערן, אין דער פייכטער קאַלטקייט פון די זומפיקע פעלדער און לאָנקעס, וואָס אויף יענער זייט טייך...

ס׳איז שטיל אַרום. שטיל און וויסט. די פייערן אויף יענער זייט טייך, וועלכער איז גאַנץ ווייטלעך פונדאַנען, זענען עטלעכע אין צאָל, פונקט ווי אויפן טייך וואָלטן איצט געפאָרן עטלעכע אי־לומינירטע אויסגעפוצטע גרויסשטאָטישע דאַמפערס... נאָר באַלד הייבט אויף מיר אָן וויען פונם אַרום אַ פאַרצייטיקע, אַן אוראַלטע שטימונג. די געגנט דאָ, פיל איך, איז דאָך געבוי דיזעלביקע, וואָס פאַר הונדערטער און הונדערטער יאָרן צוריק... אָט אַזוי־אָ, אַרום אַזעלכע היפשע פייערן באַנאַכט, זענען דאָ געווען אַרומגע־זאַמלט די אור־אַלטע, ווילדע סלאַווישע שבטים... אָט אַזוי־אָ, ווי היינט באַנאַכט, פלעגן אוודאי ברענען די פייערן אין די נעכט פונם יום-טוב פון איוואַן קופּאַלאַ, ווען מען פלעגט צינדן פעסער סמאָלע און זיי לאָזן שווימען ברענענדיקע אויפן וואַסער...

כדי צו פאַרטרייבן דעם אומעט פון דער אַרומיקער וויסט־קייט, פאַרפיר איך אַ שמועס מיטן באַלעגאָלע — דעם קאָלעקטי־וויסט פון סידעלניקי, וועלכער האָט אונז אין זיין פורל געפירט קיין מיטשקי, און איצט פירט ער אונז צוריק אַהיים.

איך וויל באַ אים אויסגעפינען, צי ער פילט די וויכטיקייט פון דער גרויסער אַרבעט פון יידישער ערד־איבערוואַנדערונג, וואָס גייט איצט אָן אַזוי פיבעריש אינם ראַטן־פאַרבאַנד — וואָס דענקט ער

װעגן דעם? נישט װעגן זיך און װעגן זײַן פּערזענלעכן גורל און דערפֿאָלגרײַכער אײַנאָרדנונג, נאָר װעגן דעם גאַנצן גרױסן באַדײַט פֿון אָט דער אַרבעט...

— נו, ס'איז קלאָר... — לאָזט זיך אונזער באַלעגאָלע, אַ היכער רויטער ייִד, מיט אַ פֿול פּנים מיט זומער־שפּרענקעלעך, לאַנג נישט בעטן, — ס'איז קלאָר, װי דער טאָג, נו... די „סאָ־װיעצקע גאָסודאַרסטװע" גיט ייִדן ערד, װײַל זי װיל באַקעמפֿן דעם ציוניזם...

ער װיל מיך, קענטיק, איבעררעאַשן מיט זײַן טיפֿער פֿאַר־שטענדניש פֿון היכע און װיכטיקע מלוכה־ענינים און מלוכה־פּאָליטיק. אוודאי איז אַזאַ מין דערקלערונג אַ סך „טיפֿער" און „װאַזשנער", איידער יענע רייד, װעלכע עס רעדט איצט צו אים דער אַגראָנאָם. דער לעצטער װיל אים דערװייזן, אַז ער, דער באַ־לעגאָלע, מאַכט אַ טעות: די סאָװיעטישע מלוכה װיל דאָ פּשוט העלפֿן אויפֿבויען אַ קלאַס, װעלכער איז אַממייסטן רויִנירט גע־װאָרן דורך דער רעװאָלוציע; אַ קלאַס, אין װעמענס עקאָנאָמישן חורבן די סאָװיעטישע מלוכה — כאָטש נישט במזיד — האָט אַ גאָר היפּשן חלק, — דעם רויִנירטן ייִדישן הענדלער־קלאַס...

נאָר מײַנער לאָזט זיך בשום אופֿן נישט איבעררעדן. ער קערט צו אונז אום זײַן קלײיען־פּנים, שטשירעט דאָס רעכטע אייגל, װאָס איז אויך, דאַכט זיך, אײַנגעטונקט אין קלײיען, און מיטן לינקן קוקט ער קלוגיטשקע אויפֿן אַגראָנאָם:

— אַזוי... אַזוי מיינט איר? נו, און פֿאַרװאָס־זשע העלפֿט נישט די מלוכה אַזוי פֿיל גוײישע הענדלער, האַ?

װיפֿיל דער אַגראָנאָם װיל אים נישט דערװײַזן, אַז די מאָ־טיװן פֿון דער סאָװיעטישער מלוכה זענען דאָ גאָרנישט אַזעלכע איבערגעשפּיצטע — זיי זענען פּשוטע, מענטשלעכע, „הומאַנישע", קאָן מען זאָגן — לאָזט זיך אָבער דער רויטער קלײיענדיקער באַלעגאָלע נישט דינען, אים דאַכט זיך אַלץ, אַז דער „כאַװער" — װעלכער איז גאָר קיין קאָמוניסט נישט, װי עס זענען עס נישט, אגב, כמעט אַלע ייִדישע אַגראָנאָמען אינם סאָװיעטן־פֿאַרבאַנד — אַז דער

„כאַווער״ וויל פון אים דאָ אויסבאַהאַלטן עפּעס „טיפּס״ און „געהיימס״ — ממש אַ וויכטיקן מלוכה־סוד...

עס פאָלגן נאָך אונזער פאר די גאַנצע צייט די טרעלן פון די באַכטיגאַלן. זיי זענען דאָ אַזוי פיל, און זייער טרילען און איבעררופן זיך טריפט אין דער פאַרנבער לופט אַזוי קיל און פריש און שמעקעדיק, ווי קיל און פריש און שמעקעדיק עס איז דאָס געזאַנג פון טראָפּנס וואַסער, וואָס טריפן אַרונטער פון אַ הענגענדיקן עמער אין אַ טיפן ברונעם אַריין.

אונטער אָט דעם געזאַנג פאָרן מיר אַריין צוריק קיין סידעלניקי.

דאָ טרעפן מיר דעם עולם שוין נאָך וועטשערע. עס איז נישט געווען אַ פרייטיקצונאַכטיקע וועטשערע, כאָטש די קאָלעקטיוויסטן האַלטן דאָ פון שבת, ווי פון אַ רו־טאָג. מען באַמערקט דאָ גלייך, — פונקט ווי איך האָב עס באַמערקט שפּעטער, אויף מיינע נסיעות איבער די יידישע קאָלאָניעס פון דרום־רוסלאַנד, — אַז דאָ איז שוין נישטאָ די „פּאָעזיע״ פון די אַמאָליקע פאַרגרעבטע ישובניקעס און באַיוועו אַרענדאַרס... ערגעץ אין אַ ווינקל פון גרויסן, געראַמען פריצישן סאַלאָן, וואו עס וואוינען איצט עטלעכע איבערוואַנדערער־משפחות, פינקלען אפילו אומעטיק אין פאַריתומט אַ פּאָר שבת־ליכטלעך, וואָס אַ קאָלעקטיוויסטס אַ ווייב האָט געבענטשט; נאָר אויפן טיש זענען נישטאָ קיין איבערבלייבעכצן פון חלה שמעקעדיקער, פון יויך־פלעקן, פון פיש־ביינדלעך און פון מערך־קנאָכן. מען האָט דאָ געגעסן וועטשערע פון גרינס, מילכיקס און פּשוט פּויעריש ברויט.

— מיט אַ ביסל שיטער מילכיקס אַליין טויג נישט... — רופט זיך פונדעסטוועגן אָן אייגער פון עולם אויף דער וועראַנדע — ס'איז נישט קיין עסן פאַר אַ פויער...

— אוודאי, — רופט זיך אָן אַ צווייטער — אַז מען עסט נישט קיין פעט שטיקל פלייש, איז נישטאָ קיין כוח...

— ווי זשע באַווייזט מען אָבער אויסצוגעבן געלט אויף פלייש... געלט איז בא אונז אַן איידעלער ענין!

— וועט מען דאַרפן אָנהייבן עסן חזיר־פלייש... דו וועסט גאָרנישט מאַכן: אַז מען וויל זיין אַ גוטער האַרעפּאַשנער פּויער, מוז מען זיך קאָרמענען גוט...

— וואַרט, ברודער... אַז עס וועט אָנקומען שניט־צייט, וועלן מיר יעדן איינדערפרי מוזן אויפעסן אַ פּאָרציע חזיר־גריוונס... און איר וועט עס אויך מוזן טון, ר׳ גרונם!... דאָס קאָסטן נעמט אַרויס די כוחות. ציט אַרויס דעם קליאַק פון די ביינער. וועסט נישט אויסקומען אָן אַ ביסל פעטס... און פּוטער וועסטו זיך אויך נישט אָנקויפן — ס׳איז נישט פאַר אונזערע קעשענעס!

עס הייבט אָן דונערן, בליצן. די לופט איז געדיכט און פּאַרנע, זי איז אָנגעלאָדן מיט עלעקטריציטעט. זי איז אָנגעלאָדן מיט רעגן. נאָר קיין רעגן איז אַלץ נישטאָ. דער אַלטער גרונם, וועלכן איך קען נאָך פון אַ פּאָר טעג פריער, וויצלט זיך:

— יידן... ווי איך בין אַ ייד — עס וועט גיין איינגיכן אַ רעגן... עפּעס ציט מיר שטאַרק מיין לינקער פוס...

אַן אַנדערער דערציילט, אַז ער האָט אונטערגעהערט, ווי איינער פון די אַרומיקע ווייס־רוסישע פּויערן, אַ פּאַסטוך, האָט זיך היינט איינדערפרי שטאַרק געזידלט:

— טראַסציע מאַטערי, זשידי... אַזוי גיך, ווי יידן האָבן זיך גענומען פאַר „כליעבאָראָבסטוואָ״, האָט אויפגעהערט רעגענען...

מיר זיצן איצט אַלע אויף אַ היפשער ברייטער וועראַנדע, וועלכע קוקט אַרויס אויפן טייך, אויפן פּריפּעט... זיי האָבן עס געוואוסט, ווי צו לעבן שיין און בהרחבהדיק, די אַמאָליקע פּריצים, דער טייוול זאָל זיי נעמען... אַז מען זיצט אַזוי אין אַ זומער־אָוונט אויף דער ברייטער פּריצישער וועראַנדע, וואָס דאָס איז ווי אַ גאַלעריע אין אַ טעאַטער, און מען קוקט אַרויס אויפן אָוונטיקן טייך, וואָס פליִיצט אַזוי שטיל און רויק — איז וואָס־זשע פעלט דעמאָלט אַ מענטש?

דער קאָלעקטיוו פלאַנעוועט פאַרוואַנדלען דידאַזיקע היפשע וועראַנדע אין אַ שוי־זאַל פון אַ קליין זומער־טעאַטערל, וואָס זיי וועלן דאָ איינאָרדנען, אַז מען וועט דורכברעכן אָט די הינטערשטע וואַנט פונם הויז, וועט דאָרטן זיין די בינע...

נאָר דערווייל איז אין אָוונט אַ ביסל אומעטיקלעך. נישטאָ וואָס צו לייענען. אין שטאָט, זאָגן זיי, איז בעסער: מען קאָן זיך אַריינכאַפּן אין דער ביבליאָטעק, אין לייען־זאַל פון קוסטאַרן-קלוב...

מען וואָלט שוין אייגנטלעך לאַנג געדאַרפט גיין שלאָפן. מאָרגן דאַרף מען אויפשטיין גאָר פרי, נאָר צוליב מיר זיצט מען אַ ביסל שפּעטער און מען שמועסט.

בשעת די שמועסן ווערט קלאָר, פאַרוואָס מען איז געגאַנגען אין קאָלעקטיוו אַריין און וואָס מען איז געווען „אַמאָל". אַזוי — רעדט מען דערפון נישט גערן. געווען — נישטאָ — פאַרפאַלן; אַלץ — פון דאָס ניי. אַנדערע האָבן אויך דאָס געפיל, אַז ס'איז אַ „חרפּה". דערציילן דאָס, וואָס מען איז געווען אַמאָל — אַז מען איז געווען „נישט קיין פּראָדוקטיווער עלעמענט"... נאָר אַז איינער פאַרטשעפּעט אַמאָל דעם צווייטן, פאַרגעסט מען זיך אָן דער „חרפּה" און מען גיט זיך כאָטש אַ באַרים פאַר יענעם מיט אַמאָליקער גרויסקייט:

— דו, יאָסל, קענסט דאָך מיך... געדענקסט דאָך אוודאי די גרויסע געשעפטן, וואָס איך האָב געפירט אַמאָל...

געוויינלעך קומען פאָר אַזעלכע שמועסן אָפטער צווישן די ווייבער. די ווייבער קאָנען לענגער נישט פאַרגעסן די וויכטיקע ראָלע, וואָס מען האָט געשפּילט אַמאָל. אַ סך פון זיי „שטייט ממש נישט אָן" צו טון „גראָבע" אַרבעט.

— אַ קלייניקייט, ווער זי איז עס געווען פון דער היים אַרויס?

צוליב זיי, צוליב די יחסנטעס־ווייבער קומען אַמאָל פאָר שטילע קריגערייען. קיין פרוי וויל אוודאי נישט טון דער צווייטערס

אַרבעט. צוליב זיי פּלאַנעווען עס דערדאָזיקער קאָלעקטיוו אַריבער־גיין אויף דעם סיסטעם „לויט אַרבעטס־קראַפט“.

אינם נאָענטן טייך האָבן אויפגעצאַפּלט א פּאָר פיש... און ווידער שטיל.

שבת-ווײַן

2.

דאָ, אין סידעלניקי, געפינט זיך אַ משפחה, וועלכע האָט אײַ-בערגעלעבט די שרעקלעכע שחיטות אין אַ נאָענט יידיש שטעטל — אין קאַפיטקעוויטש, וואו מען האָט אויסגעשאָכטן כמעט די גאַנצע אָרעמע באַפעלקערונג.

די מוטער דערציילט מיר, ווי זי האָט אַליין, מיט אירע אײַ-גענע אויגן, געזעהן פון איר באַהעלטעניש אויף אַ בוידעם, דווקא אין סאַמע מיטן מאַרק — אומישנע אויסגעקליבן דעמדאָזיקן גע-פערלעכן פלאַץ פאַר אַ באַהעלטעניש: סאָלדאַטן און אָפיצירן וועלן אוודאי זיין זיכער, אַז קיינער וועט נישט האָבן די העזה זיך אויס-צובאַהאַלטן אַזוי נאָענט — האָט זי אַליין צוגעזעהן דורך אַ שמאָל שפּעלטל פון בוידעם, ווי אַזוי מען האָט מענטשן לעבעדיקערהייט באַגראָבן אין אָקאָפּעס, וועלכע מען האָט זיי צוערשט געצוואונגען אַליין אויסצוגראָבן; ווי אַזוי מען האָט אַרויסגעטראָגן פון די נאָ-ענטע יידישע יאַטקעס די יאַטקע-קלעצער, ווי מען האָט זיי צע-שטעלט אין מיטן מאַרק, און מען האָט געהייסן מענטשן זיי זאָלן קניען פאַר דידאָזיקע יאַטקע-קלעצער און אַליין אַרויפלייגן די קעפּ, וועלכע פלעגן גלייך אָפּגעהאַקט ווערן א. אז. וו. — אַלץ אַזעל-כע מעשיות, צו וועלכע די געפילן פון איינעם, וועלכער האָט נאָכגעפאָלגט די געשיכטעס פון אַט די אַלע גרוילן ביז צו די קלענסטע דעטיילן (ווי איך האָב עס געהאַט די געלעגנהייט צו טון

פאַר די פּאָר יאָר, ווען איך בין געווען פאַרבונדן מיט דער אַמעריקאַנער ביוראָ פון „יידגעזקאָם"), זענען שוין לאַנג אָפּגע־טעמפּט געוואָרן.

אירע קינדערלעך זענען בשעת מעשה געווען ערגעץ אַנדערש באַהאַלטן; אַזוי, לכל הפּחות, האָט זי געדענקט; נאָר געווען איז עס אַנדערש, ווי זי האָט געדענקט. דאָס איז אויך אַ מעשהלע, אַ באַזונדערס — מיט דעם מעשהלע איז פאַרבונדן דער פאַקט, וואָס באַ אירע קינדער — צוויי קליינע מיידעלעך — איז עד היום פאַרבליבן הייליק דאָס וואָרט, „טאָוואַרישטש"...

— אַז דאָס שיסן אינדרויסן האָט זיך פאַרשטאַרקט — דער־ציילט מיר דאָס עלטערע טעכטערל אירס, אַ מיידל פון אַ יאָר 12, מיט אַ ברוין, פאַרמורזעט פּנימל, ווי זי וואָלט אָקאָרשט גע־האַט געגעסן אייגעמאַכטס — האָט יעוודאָקימאָוונאַ, די פויערטע, באַ וועמען די מאַמע האָט אונז באַהאַלטן, אונז געהייסן פאַרלאָזן די שטוב... אמת, מיר זענען טאַקע געווען איבערגעטון אין שאָפּנ־פּעלצלעך, אין לאַנגע שווערע שטיוואַלעס און אין געפלאָכטענע קאָלירטע טיכלעך אויף די קעפּ, פּונקט ווי שיקסעס... (די מאַמע האָט זיי אַזוי איבערגעטון) אָבער יעוודאָקימאָוונאַ האָט אַזוי גע־טענהט, אַז ווען זיי וועלן אַריינקומען אין שטוב, וועלן זיי שוין גלייך דערקענען די „זשידאָווקעס" — אָן די אויגן וועט מען שוין דערקענען... אַזוי ווי זיי האָבן פּאָרט מורא געהאַט אַרויסצוגיין אינדרויסן, האָט זיי די פויערטע באַלד אָנגענומען באַ די הענט־לעך און אַליין אַרויסגעפירט. זיי האָבן געהערט, די מיידלעך, ווי יעוודאָקימאָוונאַ האָט הינטער זיי אַפילו צוגעשלאָסן די טיר. און וואָס נאָך האָבן זיי געהערט? זיי האָבן אַ הויך דעם געהערט מער נישט ווי דאָס שיסן אויפן מאַרק האָט זיך איצט, פאַר די לעצטע מינוטן, מוראדיק געשטאַרקט. פון הינטער דעם שטעטל האָט זיך געהערט איצט אַזאַ מין קנאַלן און אַזאַ מיט טויבער בום־בום, פּונקט ווי מען וואָלט דאָרט געפּויקט איצט אין ריזיקע פּויקן, גרויס און ריזיק, ווי די וועלט אַליין.

אַ ווײַלע זענען אַזוי ביידע קינדערלעך געשטאַנען אינדרויסן, האָבן זיך ביידע געהאַלטן באַ די הענטלעך און נישט געוואוסט,

וואָס צו טון און וואוהין צו גיין. אפילו ווען זיי וואָלטן יאָ געוואוסט איצט וואוהין צו גיין, וואָלטן זיי אויך נישט געקענט: אינדרויסן איז געווען שטאָק־פינצטער און זיי האָבן מורא געהאַט אַ פוס צו שטעלן — הינטער זיי און פאָרנט פון זיי אין דער חשכות, האָט אוודאי געדאַרפט זיין איצט אַ מוראדיקער גרוב... נאָר מיטאַמאָל איז די חשכות אַרום זיי אויפגעריסן געוואָרן; אַ שראַפּנעל האָט געפּלאַצט נישט ווייט פון זיי, אויפן מאַרק... די קינדערלעך האָט זיך אויסגעדאַכט, ווי אַ גרויס פייערווערק האָט אויף אַ רגע באַלויכטן און באַשפריצט די פינצטערניש אַרום זיי. אין דער רגע האָבן זיי באַוויזן צו דערזען נישט ווייט פון זיי אַ קאַנאווע, זענען זיי אַ מינוט נישט טראַכטנדיק אַהין אַריינגעשפרונגען...

די קאַנאַווע אָבער איז געווען נישט קיין טיפע. זיי האָבן זיך געדאַרפט גוט איינבייגן, כדי זייערע קעפּלעך זאָלן זיך נישט אַרויסשטעקן פון איר. באַ די ברעגן קאַנאַווע, כמעט איבער זייערע קעפּ, האָבן איצט מענטשן געהאַלטן אין איין נאָכאַנאַנדיקן לויפן; שטיקלעך ערד פלעגן זיך נאָכאַנאַנד שיטן אויף די באַהאַלטענע מיידלעך. דאָס ווייטע בום־בום־בימען פון הינטערן שטעטל האָט שוין איצט אויפגעהערט. נאָר דערפאַר האָט זיך געשטאַרקט איצט דאָס דראָבנע אָפטע שיסן דאָ נישט ווייט פון זיי — ממש איבער זייערע קעפּלעך.

דאָס עלטערע מיידעלע האָט געוואוסט איצט בלויז איין זאַך: מענטשן לויפן אין דרויסן — דאַרף מען ליגן שאַ, שטיל, מיט פאַר־מאַכטן אָטעם. עס האָט זי דעריבער זייער שטאַרק באַאומרויקט דאָס, וואָס איר קלענער שוועסטערל האָט געהאַלטן אין איין וויינען, אין איין בעטן זיך — שרהלע, איך וויל פּיפּי... שפּילע מיר אָפּ די מייטקעלעך... איך וויל פּיפּי...

מיטאַמאָל איז איבער זייערע קעפּלעך געוואָרן שטיל. עס האָט זיך פּלוצלינג אָפּגעהאַקט, אָפּגעשטעלט דאָס שיסן, עס האָט זיך אויך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט דאָס לויפן פון מענטשן איבער זייערע קעפּ. דידאָזיקע שטילקייט איז געווען זייער אַ מאָדנע, אַן אומגלייבלעכע און איז טאַקע באַלד אין אַ 5־10 מינוט אַרום איי־בערגעריסן געוואָרן: ווידער האָט זיך אָנגעהויבן אַ טרעטן פון

פיל פיס איבער זייערע קעפּ און ווידער זענען אויף זיי געפאַלן שטיקלעך ערד, אָבער דאָס שיסן האָט זיך שוין נישט באַנייט.

דאָס עלטערע מיידעלע האָט זיך נאָכאַנאַנד וואָך און אָנגעשטרענגט צוגעהערט צום טריט פון מענטשן, באַם זוים פון דער קאַנאַווע. ער איז געווען גאָר אַן אַנדערער, דערדאָזיקער טריט — נישט ווי דאָס שנעלע גיכע לויפן פון מענטשן מיט אַ 10-5 מינוט פריער, ער איז געווען אַ לאַנגזאַמער און זיכערער, ס'איז געווען אין אים נאָך אַ נייעס: די מענטשן זענען איצט געטרעטן אין דער הויך, האָבן הויך און זיכער גערעדט צווישן זיך, אָן מורא, ווי בײַ זיך אין דער היים. מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט, ווי איינער רופט זיך דאָרט אָפּ אין דער הויך צום צווייטן:

— טאָוואַרישטש!...

זי האָט אפילו נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָסדאָזיקע וואָרט באַדייט, נאָר דאָסדאָזיקע וואָרט איז אַרויסגערעדט געוואָרן אויף אַזאַ אופן, אַז זי האָט מיטאַמאָל געקריגן צוטרוי צו אים, ווי צו אַ וואָרט אַן אייגנס, צו אַ וואָרט אַ היימישס — צו אַ וואָרט, אין וועלכן מען קען האָבן גלויבן. און מיטן דאָזיקן אָקאָרשט געבוירענעם צוטרוי האָט זי הויך צו אָט יענע מענטשן, וועלכע זענען איבער דער קאַנאַווע געטרעטן, אַרויסגערופן:

— טאָוואַרישטש!!...

און וואָס נאָכדעם איז געווען, געדענקט זי נישט. זי געדענקט בלויז, אַז ווען זי האָט ווידער געעפנט די אויגן, איז זי געלעגן אין אַ שפּיטאָל אַ פאַרבאַנדאַזשירטע — בשעת דעם שפּרונג אין קאַנאַווע אַריין האָט זי זיך צעבראָכן אַ הענטל, נאָר זי האָט עס בשעת מעשה נישט געפילט — לעבן איר איז געזעסן איר מוטער און אַרום איר האָבן זיך אַרומגעדרייט אַ סך מענטשן אין הויכע, שפּיציקע, גרויסע היטלען, זיי אַלע האָבן זיך גערופן „טאָוואַרישטשעס".

און פון דעמאָלט אָן איז בײַ איר דאָס וואָרט „טאָוואַרישטש" הייליק — עס איז בײַ איר אַזאַ וואָרט, ווי עס איז, למשל, דאָס וואָרט „יעזוס" בײַ קריסטלעכע קינדער, אָדער דאָס וואָרט „אליהו הנביא" בײַ יידישע קינדער.

*

*　　　*

אויף מאָרגן האָט אונז אויפגעוועקט דאָס קלינגען פון אַ גלאָק, אַזאַ מין קלינגען ווי, למשל, באַ אונז אין אַמעריקע אין אַ זומער־האָטעל, ווען מען רופט די „לאָקאַטאָרן“ צו מאָלצייט.

אַז מיר זענען אַרויס אין דרויסן, האָבן מיר געזען, ווי די קאָלעקטיוויסטקעס קערן זיך שוין אום פון די שטאַלן מיט עמערס מילך. געקלונגען אין גלאָק, דערוויסן מיר זיך, האָט עס די „עלטסטע“ איבער די פרויען: זי האָט גערופן די ווייבער מעלקן די בהמות.

אָפּגעפרישטיקט, זיך אָנגעטרונקען מיט פריש, קיל וואַסער פון דער קרעניצע, וועלכע קוואַלט נישט ווייט. אין באַשאָטנטן טאָלכל, און איז אַרומגערינגלט מיט אַ קליינער קופקע ווערבע־ביימער אויף די אַרומיקע גלאַטע און פלאַכע פעלדער. פונדאַנען נעמען עס די איבערוואַנדערער זייער טרינק־וואַסער. מען וואָלט גע־דאַרפט אויסבויען אַ ברונעם נענטער צו די פעלדער, כדי מען זאָל זיי קענען באַשפריצן און באַוואַסערן אין אַ טריקעניש, נאָר ס'איז נישטאָ קיין געלט.

פון הינטערן בערגל, פון טייך, דערטראָגט זיך שוין אַהער אַ ליכטיק און הויך לאַכן, און ס'דאַכט זיך, ווי די גאַנצע לופט, דער גאַנצער פרימאָרגן, וואָלט איצט הויך געלאַכט און געזונגען. דאָס באָדן זיך שוין די קינדער אין פריפעט. דורך די דורכלויכטן פון קליינעם ווערבע־וועלדל — וואָס זעט אויס, ווי אַ „טשוב“ אויף די אַרומיקע פעלדער, — זעט זיך, ווי עס שיפן איצט נאַקעטע, ברוינע און שטייפע קינדער־לייבער דאָרט אונטן אין וואַסער אַריין און אַרויס.

*

*　　　*

אַז מיר זעצן זיך צוריק אַריין אין אונזער אייגן פורל און

„ריכטן אונזערע טריט" צוריק אין שטאָט אַריין, איז נאָך גאָר פרי. די זון איז נאָך דערוויילע ערשט בלויז אויף די שפּיצן ביימער, נאָר דער גאַנצער עולם איז שוין לאַנג אויף די פעלדער. מען איז אויפגעשטאַנען נאָך גאָר פרי, נאָך איידער אפילו די זון איז אויפגעגאַנגען, — „כלחוך השור" — באַ די פּויערים פון ווייסרוסלאַנד איז דאָ אַזאַ זאַבאַבאָנע, אַז כדי די קאַרטאָפלעס זאָלן באַ אַ פּויער געראָטן מער ווי באַ אַלעמען, מוז ער זיך דער ערשטער פעדערן פאַרטאָג און זיי פאַרזייען, נאָך איידער די אַנדערע פּויערים קומען אַרויס אין פעלד. איז אַז עס קומט די צייט פון פאַרזייען קאַרטאָפלעס, פּרוּווט יעדער פּויער אַריבערשטייגן דעם צווייטן אין „פעדערן זיך" פאַרטאָג. עס קומט דעריבער אויס, אַז אַ סך פּויערים זענען שוין דאָ אין פעלד מיט די קערב צעשניטענע קאַרטאָפּליעס, ווען עס איז נאָך שטאָק פינצטער. יעדער באַהאַלט זיך אויס ערגעץ אין אַ ווינקל אויף זיין פעלד, כדי דער צווייטער זאָל אים חס ושלום נישט דערזעען. ער וויל זיין דער ערשטער אויף אַריינלייגן די ערשטע שטיקלעך קאַרטאָפּל־זריעה אין פעלד...

די יידישע פּויערים — צי ווייל זיי האָבן אויך איבערגענומען באַ די שכנים דידאָזיקע זאַבאַבאָנע, אָדער פּשוט מחמת פּלייס — האָבן זיי זיך היינט אויך „געפעדערט" אויף צו פאַרזייען קאַרטאָפּלעס. זיי באַגעגענען אונז אַלע באַ אונזער דורכפאָרן, גיבן איבער דעם אַגראָנאָם זייערע לעצטע בקשות — וועגן הלוואות, קרעדיטן, געהילף אויף בויען זיך, בייע שטיקער אינווענטאַר, א. אַז. וו. זיי געזעגענען זיך מיט מיר — דעם ווייטן, ווייטן „אַמעריקאַניעץ", וועלקאָן אפשר זאָגן אַ גוט וואָרט פאַר זיי און פאַר זייער אַרבעט אין דעם ווייטן, ווייטן לאַנד — און דעם „כאַווערל" אַגראָנאָם.

נאָר איידער מיר זענען אָפּגעפאָרן אַ שטיקל וועג, דערהערן מיר הינטער אונז אַ געשריי. אַז מיר שטעלן אָפּ אונזערע פערד און קערן אום אונזערע קעפּ, דערזעען מיר פונדערווייטנס אַ געלויף פון די קאָלאָניסטן אַרויף די פעלדער. זיי פאַרשווינדן אַלע ווײַלע אויף יענער זייט פון העכסטן פעלד, לעבן האָריזאָנט — דאָרט, וואו עס הייבט זיך אָן די פּאַשע. אַז מיר וואַרטן אויס אַ ווײַלע אין

נישט פאַרשטייענדיקן װאונדערן־זיך, קומט צו אונז באַלד צו לויפן אַ פּאַרסאַפּעטער קאַלאַניסט און גיט אונז איבער אַ „ראַ־פּאָרט״:

— די פּאַסטושקעס פון די אַרומיקע פויערישע כוטאָרן אין דער פלאַך האָבן אַרויסגעטריבן זייערע פי אויף דעם קאָלעק־טיווס פּאַשע...

שוין עטלעכע מאָל, ווי זיי האָבן עס געטון. און יעדעס מאָל האָט מען זיי, פאַרשטייט זיך, אַרונטערגעטריבן. קלינגן זיי זיך אָבער און טרייבן אַרויף זייערע סטאַדעס אויף דער יידישער פּאַ־שע נאָך פאַרטאָג — זיי שטעלן זיך נישט פאָר, אַז די יידן וועלן אַזוי פרי אויפשטיין... נו, איז מען טאַקע יאָ פרי אויפגעשטאַנען און זיי געפּאַקט.

— אונז וואָלט עס אפשר אַזוי פיל נישט אויפגעבראַכט — באַקלאָגט זיך דער אונטערגעקומענער קאָלאָניסט — מילא, האָט מען דאָ אויפגעגעסן אַ ביסל היי... אָבער די בהמות פון די שכנות־דיקע דערפער זענען „זאַראַזנע בהמות״, אַזוי זאָגט דער וועטערי־נאַר — זיי קאָנען נאָך אָנשטעקן אונזערע פי אויך...

— נו, איז וואָס־זשע שווייגט איר? — פאָדערט בײַ אים שטרענג דער אַגראָנאָם.

— וואָס הייסט מיר שווייגן! — באַליידיקט זיך כמעט אונ־זער קאָלאָניסט — נאָכדעם ווי מיר זעען באַשיינפּערלעך, אַז מען טוט אונז צולהכעיס, האָבן מיר פאַרנומען אַלע בהמות און זיי געטריבן צו אונז... און אויף די פויערים וועלן מיר אַרויפ־לייגן אַ שטראָף; אויסקויף־געלט פאַר די פאַרנומענע בהמות...

— נו, זע איך דאָך, אַז מען דאַרף אייך קיין פינגער אין מויל נישט אַריינלייגן! איר קענט שוין אייער שטעטל אַליין באַ־שטיין... — רופט זיך אָן דער אַגראָנאָם מיט אַ באַהאַלטן צופרידענער מינע, ווי אַ טאַטע, וועלכער איז שטאָלץ אויף דער גרעסטנקייט פון זיינע קינדער, נאָר וויל פונדעסטוועגן נישט באַווייזן זיי זיין צו־פרידנקייט, ער וויל נישט, אַז זיי זאָלן זיך אָנהייבן איבערגעמען: ער דערוואַרט פון זיי נאָכמער, אַ סך מער...

*

* *

אויפן וועג צוריק שווייגן מירביידע. אונז איז שווער צו רעדן, מיר זענען ביידע, הפנים, זאַט און פול מיט איינדרוקן, און אפשר פילן מיר איצט ביידע מער, וויפיל מיר האָבן געזען מיט אונזערע אויגן — מעגלעך, אַז אונז ביידע פעלט איצט אָן דאָס גרויסע וואונדער, וואָס ליגט הינטער אָט דעם צלעמען: מעגלעך, אַז מיר זענען איצט ביידע פאַרטון אין פאַרביקע זעונגען פון דעם, וואָס קען און וועט נאָך זיין...

אריינגעפאָרן אין שטאָט זענען מיר דעמאָלט, ווען די עלטערע יידן זענען נאָך געווען אין שול. באַם שבתדיקן מוסף, אין שטאָט, איז פאָרט געווען שבתדיק שטיל. — און מיטאַמאָל האָט אָנגעהויבן טונקל ווערן, פלוצלינג האָט אָנגעהויבן דונערן און בליצן, און עס האָט גלייך אַ פלוכע געטון אַ שלאַקס-רעגן — און מיין הארץ איז פול געוואָרן מיט גרויסער פרייד און טיפן דאַנק.

אוקראַינע

I

באַ די טויערן

אַז דער צוג, וואָס פירט מיך פון כאַרקאָוו קיין אָדעס, האָט זיך אין איינעם אַ זומערדיקן פרימאָרגן אַ ריר געטון פונם טונקעלן געפלאָנטערטן כאַרקאָווער וואָקזאַל — האָט מיר גלייך אַ ציטער געטון דאָס האַרץ:

— אין די קאָלאָניעס... דאָס פאָר איך ענדלעך אין די יידישע קאָלאָניעס פון דרום-רוסלאַנד.

עס קאָן דאָך זיין: עס איז דעריבער מיר מעגלעך געווען בייצוקומען די פיין און צווייפל פון פאַרשידענע יסורימדיקע מינוטן, וועלכע איך האָב געהאַט אויסצושטיין — צוזאַמען אויך מיט אַנדערע, מיט פריידיקע מינוטן, — פאַר די אַכט חדשים, וואָס איך פאַרברענג שוין אינם ראַטן-פאַרבאַנד, — ווייל די גאַנצע צייט האָט פאַר די אויגן געלויכטן, ווי דער בעסטער און שאַרפסטער „ביסן" פון דער גאַנצער רייזע מיינער: — די נסיעה, וואָס איך וועל מאַכן אין די יידישע קאָלאָניעס פון דרום-רוסלאַנד...

אַזוי צו אַזוי:

— מיין האַרץ איז איצט אינגאַנצן פול מיט אַזאַ פריידיקן, מיט אַזאַ ציטערדיקן טומל... דורך דער גאַנצער נסיעה פון כאַרקאָוו קיין אָדעס לאָזט מיך זעלטן אָפּ דער געדאַנק, אַז דאָס דער-

נענטער איך מיך ענדלעך, מיט יעדער מינוט אַלץ נענטער, צו די טויערן פון די יידישע קאָלאָניעס.

דורך וואַגאָן-שויבן, ווי דורך שפּאַקטיוון: זאַטע און פּרוכט-באַרע אוקראַינע.

צוערשט:

געוועבטער טעפּיך פון פילפאַרביקע, געקעסטלטע, צעאַקער-טע און שוין-אויפגעגאַנגענע פעלדער...

דערנאָך:

פּאַסן לאַנגע פון שמיטה-פעלדער, — קורץ-געוואַקסענע צו-דיקן; באַבלימטע געל און בלוי און גרין.

און שפּעטער:

כוואַליע נאָך כוואַליע פון גרינעם זיידענעם האָבער, כוואַליע נאָך כוואַליע פון געלן גאָלדענעם קאָרן...

און נאָך שפּעטער — סטעפּעס שוין...

זעלטן-זעלטן: לאַנגע פּאַסן פון סמאָלע-שוואַרצער ערד...

נאָך זעלטענער: אַ וועלדל... דער עיקרשט טרעפט מען זיי איצט אָן, די וועלדלעך, אַרום די וואָקזאַלן מיט די עכט-אוי-קראַינישע נעמען („קאָטשוביעווקאַ“...). אַרום יעדער קליינער סטאַ-ציע איז דאָ אַ קליין וועלדל פון הויכע שלאַנקע און ווייסע טאָ-פּאָלן, וואָס קוקן אויס ווי זילבערנע בעריאָזעס — אַ וועלדל, וואָס קוקט אויס אין אַרומיקן סטעפּ ווי אַ וואויל-יונגערישער קאָזאַקישער „טשוב“... און איבער אַלעמען — געזאַנג פון פייגל, און פון אַלערליי גראָזן, און ווינט.

פּאָלטאַווע

אויפן וואָקזאַל זעט זיך אַ מין טורעם פון אָריענטאַלישן סטיל; מען וואָלט געקענט מיינען — אַ מעטשעט... און דער-לעבן — אַ לאָקאָמאָטיוו-פאַבריק...

ס'איז שוין אין רעכטן מיטן פון דער „אוקראַיניזאַציע": די אויפשריפטן אויף דער לאַקאַמאָטיוו־פאַבריק זענען אַלע — אוק־ראַיניש...

כ'אייל אַרונטער צום בופעט עפּעס איבערבייסן, אַ מיטאָג — זופּ און פלייש — אַכציק קאָפּיקעס. פאַר באַן־אַנגעשטעלטע — בלויז 35 קאָפּיקעס!...

ס'איז אומעטום אַזוי, אין ראַטן־פאַרבאַנד. און דאָ האָט איר דעם „סוד". ווי אַזוי אַרבעטער קענען אויסקומען אינם ראַטן־פאַר־באַנד מיט קליינע שכירות.

ווידער דורך די שפּאַקטיוון פון די וואַגאָן־שויבן:

באַ הייזלעך, הינטער הייזלעך — און די זעלטענע דערפער אין סטעפּ, וואָס אונזער צוג פליט פאַרביי — הויפנס, קופּעס, פּיראַ־מידן אַזעלכע פון...

— וואָס זענען עס? — וואונדער איך מיך.

— קיזיקעס — דערקלערט מען מיר.

באַטירלעכער הייץ־מאַטעריאַל — וואַלד — איז דאָ אויף הונדערטער און הונדערטער מיילן אַרום נישט בנמצא. קוילן ברענגען צו פירן — דאַרף מען האָבן געלט, און ערד איז סיי־ווי פּרוכטבאַרע און אין באַמיסטיקונג נייטיקט זי זיך ווייניק... אַלנ־פאַלס: מען נעמט בהמיש מיסט, מען קנעט עס און מען טריקנט עס אויס אויף דער זון אין אַזעלכע גרויסע פּלעצלעך — אין „קיזיקעס", וואָס זענען הארט ווי ציגל. מען באַנוצט זיי די „קיזי־קעס", סיי אויף באַהייצונג און סיי אויף קאָכן.

מען זאָגט: זיי גיבן פון זיך אַרויס אַ סך וואַרעמקייט. נאָר באַם הייצן, אַ חוץ דער וואַרעמקייט, גיבן זיי פון זיך אַרויס נאָך עפּעס, — אַ ריח... אַ ריח וועלכער איז בשום אופן נישט דער־וועלביקער, וואָס פון בשמים.

סטעפּן ווערן ברייטער, ימיקער.

לעבן מיר, אויף האַרטער באַנק פון דריטן קלאַס, זיצט אַן אַלטינק פויערל, מיט אַ טאַרביטשקע, וואָס ער האָט אויסגעשפּרייט

לעבן זיך אויף דער באַנק. זי איז ברייט פונאַנדערגעעפנט און פונאַנדערגעגנומען — ער מיטאָגט.

ער שלעפּט פון איר כּל־טוב: שוואַרץ זויער ברויט, ברעקלעך פייכטן קעז, גרינע ציבעלקעס...

— אך, בירגערל, ס'איז אַזוי גוט צו פאָרן זומער... — קרעכצט ער אָפּ מיט גרויסער הנאה — ס'איז גוט אַזוי צו פאָרן זומער...

ער קוקט אַלע ווײַלע אין פענצטער אַרויס. ער באַטראַכט מיט אַ מבינישן אויג דעם צושטאַנד פון דער תבואה אויף די פעלדער אינדרויסן, קענטיק: דאָס איז אַ פּויער פון די אַרומיקע געגנטן.

כ'פּאַרפיר מיט אים אַ שמועס וועגן דעם הײַ־יאָריקן געראַטעניש.

בכלל: אַלע אין ראַטן־פאַרבאַנד אינטערעסירן זיך געוואַלטיק מיט געראַטעניש, רעדן צווישן זיך תמיד וועגן געראַטעניש... באַזירן אַלע פּלענער אויפן אויסגאַנג פון געראַטעניש... מער ווי ווען עס איז פריער איז נײַ־רוסלאַנד הײַנט־צו־טאָג דער עיקרשט אַן אַגריקולטורעלע מדינה, אַ פּויער־לאַנד. דער גאַנצער מלוכה־ביוראָקראַטישער דרייט זיך אַרום און ווענדט זיך אָנם דערפאַלג פונם געראַטעניש.

איר רעדט, צום בײַשפּיל, מיט אַ שרײַבער, מיט אַ פאַרלעגער.

— ווען וועט איר — פרעגט איר — שוין אַרויסגעבן דעם נײַעם ראָמאַן, דאָס נײַע זאַמלבוך?

— ס'ווענדט זיך... — ענטפערט מען אײַך גלײַך און פּשוט — ס'ווענדט זיך אָן דעם, וואָס פאַראַ „אוראָזשאַי" מיר וועלן האָבן הײַנטיקס יאָר...

— פּעטערל — ווענד איך מיך שטאַרק צופרידן צום פּויערל, צום ערדיש־שמעקעדיקן שכן מײַנעם אויף דער האַרטער באַנק — פּעטערל... — ווינק איך צו אים מיט הנאה אויפן זוניקן דרויסן — מיר האָבן אַ וואויל געראַטעניש הײַנטיקס יאָר... נישט אמת?

נאָר מיין „פעטערל“ איז זייער פּראַקטיש.

— מען קאָן נאָך נישט וויסן... — ענטפערט ער מיר זייער ערנסט — דערווייל ווייסן מיר בלויז וועגן קאָרן... וועגן ווייץ ווייסט מען נאָך נישט...

— סטייטש — וואונדער איך מיך שוין מעשה גרויסער מבין, — ס'איז דאָך דאָ אַזוי פיל זון...

— זאָל זי נאָר טאַקע נישט פאַרברענען די תבואה... — ווערט דאָס פּיערל נאָך ערנסטער, ווישט אַרונטער אַ פּאָר קעז־ברעקלעך פון דער געלער באָרד זיינער און הייבט אָן געשמאַק כראַמטשען אַ ציבעלקעלע — אַזוי אויף פאַרבייסן — ס'איז שוין דאָ צופיל זון...

ווער איך אַנטשוויגן, כ'האָב מיך שוין מורא ווייטער צו שטופּן מיט מיינע אַגריקולטורעלע קענטעניש. דאָס פּויערל, מיין ליב פעטערל, ווערט באַלד אינגאַנצן פאַרטיק מיט זיין אָנבייסן, ער לאָזט אַרויס אַ גרינג זיפצל און בייגט זיך צו נעענטער צום וואַגאָן־פענצטער.

— זע נאָר, זעמליאַק — כאַפּט ער מיך אויף אָן פאַר דער האַנט פון גרויס שמחה; און ער רעדט מיט אַזאַ זיסן, מיט אַזאַ מין לייטזעליק־בענטשנדיק קול — קוק נאָר אָן, זעמליאַק... וואָלקנדלעך גייען... קוקט אויס, ווי אַ גיכער רעגן...

— אָך — קריג איך שוין ווידער אַ ביסל מער זיכערקייט; כ'חזר איבער זיין אייגענע פריערדיקע באַמערקונג וועגן „צופיל זון“... — אָך, ס'זאָל נאָר נישט זיין צופיל רעגן...

— ניין, — באַרויקט מיך גוטמוטיק דאָס פּויערל, — ס'מאַכט נישט... אַז עס זאָל נאָר נישט זיין קיין ווינט, שאַדט נישט; ס'איז אַ וואַרעמער רעגן... מיר האָבן שוין צו לאַנג אין אונזערע געגנטן אַ טריקעניש... און באַ אייך — ווענדט ער זיך ווידער צו מיר — ווי איז עפּעס באַ אייך דער „אוראָזשאַי“?

דערציילט איך, וואָס עס הערט זיך באַ „אונז“ — אין ווייס־רוסלאַנד און אין קיעוושטשינע, וואו איך האָב פאַרבראַכט לעצטן פרילינג.

ער:

— אָ, קאַרטאָפל... באַ אונז איז אויך דאָ זייער אַ סך קאַר־טאָפל... בכלל, אַ סך גרינס... נאָך מיט אַ חודש צוריק געווען אין כערסאָן — דאָרט שוין פון לאַנג דאָ אַ סך גרינס... נאָר וואָס דען — דאָרטן ווערט עס פאַרפאַלן... צעפוילט... עך, אַז מען וואָלט שוין סוף כל סוף דערבויט אָט יענע נישט פאַרענדיק־טע באַן ליניע צווישן כערסאָן און אָדעס!...

מיטאַמאָל און אומדערוואַרט הייבן זיך אויף, לינקס פון אונז, בערגלעך און אויף די בערגלעך — אַ גרויס און לאַנג דאָרף. דאָס איז דאָס רייכע דאָרף — ק א ז ע ל ש ט ש י נ ע.

עס ציט און שפרייט זיך לאַנג, לאַנג אויף די בערגלעך און נידעריקער אַרונטער, אין די טאָלן. דער צוג גייט, דאַכט זיך, שוין אַ היפשע צייט גאַנץ שנעל, און צום דאָרף נעמט נאָך אַלץ קיין עק נישט. קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געזעען אַזאַ מין גרויס און לאַנג דאָרף.

אויף איינעם אַ בערגל דערזע איך רייכע מאָנאַסטיר־בנינים, וואָס האָבן נאָך נישט באַוויזן חרוב צו ווערן. מען דער־ציילט מיר, אַז די גאַנצע ערד אַרום האָט ביז נישט לאַנג צוריק געהערט די מאָנאַכן טאַקע פונם זעלביקן מאָנאַסטיר. ווען מען האָט צוגענומען די ערד באַ די פּריצים, האָט מען די מאָנאַכן — מענטשן סוף־כל־סוף פונם פאָלק און פונם פייערן־שטאַנד — פאַרגעשלאָגן: זאָלן זיי פון איצט אָן אַליין באַאַרבעטן די ערד, — וועט זי דע־מאָלט בלייבן באַ זיי.

האָבן זיי אַזוי געטון: די געוועזענע מאָנאַכן און „אַטשעל־ביקעס" (נזירים) האָבן געגרינדעט צוזאַמען אַ „קאָלווירט" (קאָלעק־טיווע ווירטשאַפט) און די ערד איז ווידער געבליבן באַ זיי. ענד־לעך געקריגן אויף איר אַן אמתדיק רעכט — אַ רעכט דורך אַרבעט.

— דיזעלביקע ערד — אָבער אַ באַנייטע...

באַנאַכט פּאַסירט עפּעס:

אַ טראַך אין וואַגאָן-שויב. וואַגאָן-פענצטער אַרויסגעזעצט. ברעקלעך גלאָז — צעזייעט אויף די שלאָפנדיקע פּאַסאַזשירן, אויף די נאָענטע בענק. היפּשער שטיין פאַלט גלייך אין מיין געלעגער, נאָר פאַלט צופוסנס און שעדיקט מיך נישט.

פּאַסאַזשירן כאַפּן זיך אויף אין שרעק. מיליציאָנערן — פון דער וואַגאָן-שמירה — לויפן אַרום איבער די וואַגאָנען מיט אַנטבלויזטע רעוואָלווערן אין די הענט.

— וואָס איז געשען?

גאָרנישט. אַ כוליגאַניש שפּיצל. יינגע כוליגאַנעס פון ערגעץ אַ דאָרף האָבן אַריינגעשליידערט דורכן פענצטער אַ ריזיקן שטיין. האָבן זיי עמעצן באַזונדערס געמיינט צו טרעפן? ס'איז שווער צו זאָגן. אַזעלכע כוליגאַנישע שטיקלעך פּאַסירן נאָך נישט זעלטן אויף דערדאָזיקער ליניע. דעריבער טאַקע פאָרט די באַן-וואַך מיט אונז.

אָבער — ס'איז שוין שפּעט — נאַכט. די כוליגאַנעס האָבן, הייסט עס, ביז שפּעט אין דער נאַכט געדאַרפט ליגן ערגעץ דאָרט באַם וועג, אָפּשטאַטעווען דעם צוג און זיך גוט צילעווען אין אַ פענצטער אַריין. האָבן זיי געמיינט עמעצן? אָדער גלאַט אַזוי — לאָזן פון זיך הערן: „מיר לעבן נאָך, הייסט עס?“

די מיליציאָנערן באַרויקן אַלעמען, ס'איז גאָרנישט... ס'איז אַ כוליגאַניש שפּיצל. אויף אַלע וואַגאָן-פּלאַטפאָרמעס זעענען שוין, אין אַ פּאָר מינוט נאָכן פאָרפאַל, געשטאַנען מיליציאָנערן מיט רע-וואָלווערן גרייט אין די הענט...

נאָר די פּנימער בא די פּאַסאַזשירן זעען פונדעסטוועגן אויס בלייך, קרענקלעך, אומרויק-אויסגעצויגן:

— צוליב דער פּלוצלינגער פּאַסירונג אין אָט דער שפּעטער שעה? צוליב דער שוואַכער באַליכטונג פון די סטעאַרינאָווע „עקלעך“ אין די וואַגאָן-לאַמטערנעס? אָדער גאָר — צוליב אַ בערוועזער דערינערונג אָן אַנדערע פּאַסירונגען פון גאָר נישט לאַנג צוריק?

סאַמע פאַרטאָג איז זייער קאַלט. מען דרייט זיך פאַרשלאָפענע פון איין זייט אויף דער צווייטער אויף דער האַרטער באַנק. מען ציט אויף זיך נאָכאַנאַנד אַרויף די קאָלדרעס, די מאַנטלען, די פעלצלעך, וועלכע ווילן זיך בשום-אופן נישט איינהאַלטן אויף זייער אָרט.

סאַמע פאַרטאָג, אין ז י נ אָ ו י ע װ ס ק (די געוועזענע שטאָט יעליסאַוועטגראַד), ווערט אין וואַגאָן אַ מוראַדיק געפילדער. קינדער פון אַ זינאָוויעווסקער שול האָבן זיך אַריינגעזעצט אין וואַגאָן. די שלאָפנדיקע פּאַסאַזשירן דאַכט זיך, אַז אַמווייניקסטן אַ פאָר טויזנט קינדער האָבן זיך אַריינגעזעצט אַהער אויף דער סטאַנציע זינאָוויעווסק... טומל, געפילדער, ליאַרם הייבט זיך אָן אַרום דריי אַ זייגער פאַרטאָג און שטילט זיך שוין מער נישט איין, אַ פריילעכער יריד.

אַ פּאַסאַזשיר, אין בעסטן פאַרטאָגיקן שלאָף, וואַרפט זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער און קען בשום אופן נישט איינשלאָפן און נישט זיך אויפכאַפּן... ער בורטשעט און זידלט זיך און רעדט אויס דאָס האַרץ פאַר עפעס אַן אַנדער פּאַסאַזשירס, אַ מעגלעך-וואַכנדיק אויער:

— אָט האָט איר אייך היינטיקע קינדער... סאָוויעטישע דערציונג... איז דאָס מעגלעך אין אַ וועלכן ס'נישט איז אַנדער לאַנד? דריי אַ זייגער פאַרטאָג... פיר אַ זייגער פאַרטאָג... פינף אַ זייגער כאַרטאָג...

דאָס וואַכעדיקע אויער — ס'איז טאַקע מיינס. עס הערט אויך: יידישע קולעכלעך... יידישע טומלער... מען וויצלט זיך, מען ליאַרמט, מען זינגט מונטער און לוסטיק — וואָלט זיי פאָרט איינפאַלן אויף אַ מינוט כאָטש איינשלאָפן!

אַז ס'ווערט מיר באַלד קלאָר, אַז אַלע מיינע אָנשטרענגונגען איינצושלאָפן זענען אַרויסגעוואָרפן, זעץ איך מיך אויף און דערזע:

יאָ, יידישע פּנימלעך... יידישע יינגלעך און מיידלעך... כ'דערוויס מיך באַלד: שילער און שילערינס פון אַ שול, וועלכע פאָרן קיין אָדעס אויף אַן עקסקורסיע... דאָס איז פאַר זיי אַזאַ

וויכטיקע און פריידיקע איבערלעבונג, אַז זייער האַרץ און מויל קאָן זיך אויף קיין איין מינוט אפילו נישט באַרויקן. און באַלד, אַז איך דערמאָן מיך, אַז דאָס זענען דיזעלביקע קינדער פון דער זעלביקער שטאָט, וואו מיט סך-הכל אַ פּאָר יאָר צוריק זענען פּאָרגעקומען אַזעלכע מוראַדיקע און סאַדיסטישע שחיטות אויף יידן — עס זענען נאָך רויט אין מיין זכרון די בלוטיקע דאָקומענטן פון די דאָרטיקע שחיטות, מיט וועלכע עס פלעגט מיר אויסקומען זיך צו באַקענען אין דער ביוראָ פונם „יידגעזקאָם"; — און אַז איך הער איצט נאָכאַנאַנד דאָס פריידיקע און זאָרגלאָזע געזאַנג און געלעכטער, וואָס טראָגט זיך אין דער נאַכט אַריין — אין דער נאַכט איבער די סטעפּעס, וואו עס וועבט זיך איצט, ווייט אַרום אין דער פינצטער, אַ מאָדנע-ניי יידיש לעבן, — הייבט שוין אויך אָן מיין האַרץ, הייבן שוין אויך מיינע ליפּן אָן צו זינגען פאַר זיך אין דער שטיל, זינגען אין גרויס וואונדער:

— סאַראַ נס... סאַראַ נס... סאַראַ נס...

אַז ס'ווערט ליכטיק, דערזע איך די ריזיקע פליינען פון געוועזענער כערסאָנער גובערניע, וועלכע וויקלען זיך איצט אַרויס פון דער נאַכט.

— סטעפּן — ימען גאַנצע מיט בלויע און געלע בלימלעך... (געפּלאָגן זאָגן טאַקע, אַז אויף דעם אָרט איז אַמאָל געווען אַ גרויסער ים.) הייזלעך — שטיינערנע, ניין - פונוואַנען קומען דען אַהער שטיינער? מסתמא — פון עפּעס אַנדערש. פאַר די הייזער-פּיראַמידן גאַנצע מיט קיזיקעס. די זון גייט אויף און באַשיינט מאָדנע אַזעלכע שניי-ווייסע ליכטיקע ישובים אויף די סטעפּעס, — זיי זעען אויס, ווי גרויסע, ווייסע און ליכטיקע פייגל, וועלכע האָבן זיך אינמיטן פליען איבערן סטעפּ אויף אַ ווײַלע צוגעזעצט.

— אפשר — טראַכט איך — אפשר זענען עס שוין דאָרט — די יידישע קאָלאָניעס? אַזעלכע פרידלעכע און ווייסע...

און דער צוג גייט אַלץ נידעריקער און נידעריקער, צום שוואַרצן ים צו... נאָך דער שטאָט וואָזנעסענסק האָט מען ממש די גאַנצע צייט דאָס פּיזישע געפיל פון אַרונטער־לאָזן זיך באַרג־אַראָפּ — צום ים־צו! צו אָדעס, צו די טויערן פון די נייע יידישע קאָלאָניעס, פון ניי־יידישן לעבן.

II

דורכן וועג פון חורבן

מיט אַ צוויי טעג שפּעטער נאָך מיין אָנקומען אין אָדעס בין איך מיטן אַגראָנאָם פון „אָרט“, ה׳ פייגין, אַרויסגעפאָרן אין אַן אויטאָמאָביל צו באַזוכן די נייע יידישע קאָלאָניעס.

אונזער אויטאָ — אַן אַלטע, האַלב־צעבראָכענע מאַשין, וואָס אין אַמעריקע וואָלט זי שוין לאַנג געווען אין אַ מושב־זקנים — ערגעץ אין אַ דזשאנק־יארד. זי איז פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אַהער אַ דאַנק איינעם אַ „דזשוינט“־פאָרשטייער און איז דערנאָך אָוועקגעשענקט געוואָרן דעם אָדעסער „אָרט“.

זי סקריפּעט דורכאַנאַנד, אונזער מאַשין. זי קרעכצט און פייפט — אונזער בראַווער שאָפער מוז אַלע ווייַלע אַרויסקריכן און אַרויסשלעפן פון קאַסטן דאָס געצייג — אַלע ווייַלע פאַסירט עפּעס מיט אונזער מאַשין... דער שאָפער ציט זיך אויס אויף זיין בויך אונטער איר און פאָרקעט זיך דאָרט אין אירע געדערים; אַגראָנאָם פייגין, וועלכער פאַרשטייט אויך אַ קרענק, העלפט אים אַרויס מיט אַן עצה; איך העלף זיי ביידן אַרויס מיט אַ קרעכץ...

נאָר אונזער ברוינער אויטאָ איז פונדעסטוועגן דאָך אַ זעלטענע און אַ פייערלעכע באַשעפעניש און רופט אַרויס מיט איר

ראַשיקן דורכפאָרן גרויס אויפזועצן באַ אַלעמען אַרום — באַ מענטש, באַ חיה, באַ בוים און באַ סטעפּ אַליין.

— היט זיך, סטעפּ און וועלט... מיר, אויטאָמאָבילן, פאָרן איצט איבער אייך.

אונזער מאַשין טראָגט זיך גאַנץ שנעל. הויכע גראָזן פייפן אונז פאַרביי. היגער, פערד, פייגל אויף אונזער וועג לאָזן זיך לויפן מיט אַ שרעק און פּאַניק: עפּעס אַן אויסערגעוויינלעך, אַ ריזיק מעטאַליש באַשעפעניש, אַ מוראַדיק-זשומענדיקער זשוק, האָט זיך אין סטעפּ אַריינגעריסן...

כוואַליעס היץ טראָגן זיך אונז אַנטקעגן.

הינטעם אָדעס, אויף בײדע זייטן פון אַ ברייטן שאָסיי, האָבן זיך לאַנג און ווייט געצויגן איינדרוקספולע און הויכע בנינים — אַן פענצטער, אָן דעכער, מיט זיך פונאַנדערשיטנדיקע און פונאַנדערברעקלענדיקע ווענט... דידאָזיקע בנינים האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון זייער בכבודיקע און חשובע זקנים — נאָר בלינדע שוין, פון לאַנג אַן שוין יורדים. אָדער גאָר — פון חשובע קריגס-העלדן, סאַמע גענעראַלן, נאָך אַ שלאַכט: באַ וועמען אַרונטער-געהאַקט אַן אָרעם, באַ וועמען — אַ פוס. און באַ וועמען — דער גאַנצער קאָפּ אפילו.

דאָס זענען געווען די חרוב-געוואָרענע ריזיקע אַרטילעריע-זאַוואָדן, וואָס הינטער אָדעס. אייניקע פון זיי זענען צעשאָסן גע-וואָרן אין די שלאַכטן אַרום אָדעס, און אַנדערע — זיי ווערן נאָך איצט אויך — פון זיך אַליין, פון פאַרלאָזנקייט און פוסטעוועדי-קייט, וואָס נאָך אַ גרויסן בירגער-קריג — ביסלעכווייז, ביסלעכווייז צעברעקלט און צעשאָטן.

און ווייטער: חרובע ווייסע בנינים אַזעלכע... געוועזענע הייזלעך פון אייזנבאַן-שומרים, וועלכע היטן שוין איצט נישט — זיי האָבן אפילו זיך אַליין פון אַ מיתה-משונה-טויט נישט פאַר-היטן... און אַרום און אַרום דער פּרעכטיקער שטאָט אָדעס — דער פּערל פונעם שוואַרצן ים — וואו עס זענען אַמאָל געווען די פאַר-שידענע רייכע זומער-פּלעצער און קורערטער, — אַן אַ שיעור חרובע פּאַלאַצן און צעפּאַלנדיקע רייכע רעזידענצן. אַן אַרויסשטעקנ-

דיקע קאלאנאדע פון גריכישע זײַלן, אויפן הינטערגרונט פון אַ צעפּאַלענעם הויז; מירמלנע סטאַטועס מיט אָפּגעבראָכענע איברים, בליענדיקע סעדער צווישן רייכע רוינעס: פאַרבליבענע קוימענס, וואָס שפּראָצן אַרויס פון חורבות פון אַמאָליקער רייכער פּראַכט, וואָס געווען דאָ אַרום... ס'שראַכט זיך — גישט אַנדערש: דאָ איז פאָרגעקומען אַן ערד־ציטערניש. — אַזוי מוזן זיכער אויסקוקן, טראַכט זיך, די חורבות פון הערקולאַנום און פּאָמפּיי.

אויף מײַנע ביז־איצטיקע רייזעס איבער ראַטן־פאַרבאַנד האָב איך נאָך אין ערגעץ נישט באַמערקט אַזעלכע, אַזוי צו זאָגן, אימפּאָזאַנטע סימנים פון חורבן, ווי דאָ. איז דען דאָ דער בירגער־קריג געווען שאַרפער און אומברחמ ותדיקער? אָדער — די היגע אַרומיקע פּראַכט איז שוין געווען זייער אַ רייכע און זייער אַ לוקסוסדיקע, — איז דעריבער דער חורבן דאָ קענטיקער?

נאָר באַלד דערקלערט מען מיר, אַז דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דער פאַרלאָזנקייט און פּוסטעװענדיקייט, וואָס האָט געהערשט אַ שטיק צייט דאָ אַרום, — ערשט איצט הייבט דאָך אָן די געגנט קומען צו זיך — אין אָט די אַמאָליקע רייכע קורערטער, בעת די ערשטע יאָרן נאָכן בירגער־קריג. די אויף־טויט דערשראָקענע, אָפּגעפּרעסטע און אויסגעכאַליעטע פריערדיקע באַוואוינער פון די קורערטער זענען זיך דעמאָלט צעלאָפן, ווי מייז: קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל... קיין רומעניע... קיין טערקיי... און אין די שווערע יאָרן, בשעת און באַלד נאָך דער בירגער־קריג, איז קיינעם אוודאי נישט געלעגן אין קאָפּ אַכטונג צו געבן אויף אָט די לוקסוס־ערטער.

דאָס געהילץ פון טיר־און־פענצטער האָט מען בשעת גרויסע פרעסט, צוליב מאַנגל אין באַהייצונגס־מאַטעריאַל, פון אַרום און אַרום צעשלעפּט; זאַוויסעס, קלאַמקעס, פּרענטן, שטאַנגען און אַלערליי אייזנוואַרג — איבער די נעכט האָבן עס אַרומיקע פויערן־שכנים פונאַנדערגעשלעפּט... שטיין־געביי ברעקלט זיך שוין דעמאָלט פון זיך אַליין פונאַנדער — אונטערן איינפלוס פון די מכלומרשט

אייביק־פרידלעכע און, אין דער שטיל, אייביק־צעשטערנדיקע נאַטור־עלעמענטן: לופט, רעגן, קעלט און היץ...

און אַ סך פּאַלאַצן האָבן די געוועזענע אייגנטימער, פאַרן אַנטלויפן פונדאַנען, נאָך אַליין צעשטערט, אויפגעריסן און חרוב געמאַכט — אַבי זיי זאָלן נישט אַריינפאַלן אין „פרעמדע הענט", אין די הענט פונעם אַרבעטער־קלאַס.

האַרט לעבן דעם וועג, אויף וועלכן אונזער אויטאָמאָביל פאָרט איצט, ציען זיך רעלסן פון פוסטעוועדיקע אייזנבאַן־ליניעס — זיי גלאַנצן אין דער זון עפּעס אַזוי אומעטיק און אַזוי מדבּרדיק... און פונקט אַזעלכע טויטע און פּוסטע אייזנבאַן־סטאַציעס שפּרינגען אונדז אָן אַנטקעגן.

אויף איינער אַזאַ סטאַציע שטעלן מיר זיך אָפּ. האַרט בּאַם כאַמע וואָקזאַל וואַקסן צווישן די רעלסן הויכע גראָזן און פעלד־בלומען... עס פּוסטעוועט די זאַלן אויף דער סטאַציע „ראַזדעלניע" — אַמאָל אַ מוראַדיק־טומלדיקער, מיט פּאַסאַזשירן תּמיד ווימלענדיקער וואָקזאַל: אַ גרויסע קנופּ־סטאַציע געווען פאַר אַלע אייזנבאַן ליניעס, וואָס האָבן דורך דאַנען געפירט קיין בעסאַראַביע... נאָר איצט איז בעסאַראַביע — אַ לעבעדיקער אָדער פונעם גאַנצן אַרומיקן לאַנד — אָפּגעשניטן געוואָרן; אַ צוג גייט דאָ דורך דורך דערדאָזיקער סטאַציע בלויז איינמאָל אַ מעת לעת — דער קיעוו־אָדעסער־צוג.

פּוסטעוועט די וואָקזאַל־זאַלן, פּוסטעוועט די שפּייכלערס אַרום — ווייניק פראַכט אין זיי דאָ... פּוסטעוועט אויך די אייזנבאַן־וואַרשטאַטן אַרום.

און עס רופט אַרויס אַ ווייטיקדיקן שמייכל דאָס ווייס־געפאַרבטע שילדל: „אַכטונג! געפאַר!" וואָס איז אָנגעקלאַפּט אויף אַ סלופּ צווישן די רעלסן: אַרום און אַרום איז אַזוי שטיל, אַזוי זוניק און אַזוי פּוסט... מען הערט דאָ קוים אַ העכער מענטשלעך קול. אַ מענטש שפּאַנט דאָ דורך איבער די רעלסן זייער זעלטן, און אַז ער באַווייזט זיך שוין יאָ דאָ, שפּאַנט ער עפּעס האַלב־פאַר־

שלאָפן אַזוי, פאַמעלעך, פויל... הערטלעך קאַטשקעס.ג ענדז הוידען זיך דערפאַר דאָ געמיטלעך צווישן די רעלסן; עס לויפן אַרום איבער זיי הירזשענדיקע גלאַנצנדיקע לאָשאַקלעך, קוויטשענדיקע ראָזעווע חזירימלעך, מיט ווידעלעך, וואָס זענען פאַרדרייט אין דער לופט, ווי פראַגע-צייכנס.

נאָר בלויז מיט אַ פּאָר וויאָרסט ווייטער געפינט זיך שוין דער גרויסער מלוכה-סקלאַד פון געהילץ. דאָרט קריגן עס די יידישע קאָלאָניסטן, אגב, דאָס געהילץ פאַר זייערע נייע הייזלעך — פענצטער, דעכער — קריגן עס אויף לאַנג-דויערנדיקן קרעדיט.

און דאָרט שטעלן מיר זיך אויף אַ פּאָר שעה אָפּ.

דער אַגראָנאָם — וועלכער איז, זע איך שוין באַלד אַרויס, גיכער אַ פּראַקטישער דורכפירער און אָנפירער פון אַלע סאָרטן אַרבעטן אין די קאָלאָניעס, איידער בלויז אַן אַגריקולטורעלער ספּעציאַליסט — דער אַגראָנאָם האָט דאָ צו רעווידירן געוויסע ברעטער, וועלכע דאַרפן גיין פאַר די נאָענטע קאָלאָניעס.

דער איצטיקער סעזאָן אין די קאָלאָניעס — איז דער בוי-סעזאָן. מען האַלט אומעטום אין איין אויפשטעלן זיך הייזלעך. די, וואָס זענען שוין פאַרטיק געוואָרן מיטן צונויפקלעפן די ווענט פון די הייזלעך, פון ליים, פון לאַמפּאַטש — דאַרפן איצט האָבן האָלצ-וואַרג פאַר טירן און פענצטער, פאַר דעכער...

בשעת דער אַגראָנאָם איז דאָרט אַ היפּשע ווײַלע פאַרטון אַזוי מיט די אויפזעער פונם געהילץ-סקלאַד, מעסט, באַשטעלט, דינגט זיך — ליג איך דאָ אָן אַ זייט צווישן די הויכע סטעפּ-גראָזן. עס דערטראָגן זיך צו מיר קולות: מען זעגט, מען שניידט, מען האַקט, מען ציילט הויך אויף אַ קול פאַרשידענע סאָרטן ברעטער... און מיין מוח ווערט באַלד פאַרשכּורט פונם סמאָלע-ריח, פון די גרויסע סאָסנע-קלעצער, וועלכע זענען זיך אַרום אָנגעהויפט אין געדיכטע קופּעס; פונם שאַרפן אַלקאָהאָלישן גערוך פון פריש-צעזעגטע ביימער... עס שפּירן זיך שאַרף אַרום און אַרום — איך אַליין שפּיר דאַך זיי אַזוי-

דייטלעך — די נייע פרישע זאַפטן, מיט וועלכע עס גיסט זיך איצט אָן דאָס לייב פונם קראַנקן — ער גייט, ער שפּרייזט מיט גיכע און איילנדיקע טריט צו אַ ניי — צו אַ געזונט לעבן.

III

„ניי־וועלט

1.

אַ ברייטער שליאַך — זייער אַ ברייטער שליאַך: צוויי ברייטע ניו־יאָרקער אוועניוס צונויפגעלייגט אין דער ברייט. ס'איז זיכער נישט קיין גאַס: שוין עפּעס גאָר, גאָר צו ברייט... ס'איז אָבער אויך נישט קיין שליאַך: אפילו פאַר אַ שליאַך איז דאָס שוין אויך צו ברייט... חוץ דעם: פון ביידע זייטן, כאָטש נישט אַזוי רעגלמעסיק, שפּראָצן אַרויס הייזער. — איז אפשר — טראַכט איך — אפשר קוקט עס אַזוי אויס אַ גאַס אין אַ יידישער קאָלאָניע פון דרום־רוסלאַנד?

ווייל „ניי־וועלט" — דאָס איז די ערשטע קאָלאָניע, וואָס מיר באַזוכן, און פון אַלע זייטן — סטעפּ, סטעפּ, סטעפּ... גראָזן זענען אין אייניקע ערטער אַזוי הויך, אַז זיי פאַרשטעלן מיט זיך אַזש דעם האָריזאָנט; זיי מאַכן אים דעריבער נענטער אַ סך צו אונז — דאָס אָרט אַרום אונז ווערט דעמאָלט איינגעשלאָסענער, ענ־גער, היימישער.

חוץ דעם: ממש פאַר מיינע אייגענע אויגן וואַקסן דאָך איצט הייזלעך אַרויס פון דער נייער ערד — פון דער ערד פון ניי־רוסלאַנד. („ניי־רוסלאַנד" — אַזוי האָט די ערד, די אַרומיקע געהייסן נאָך פון גאָר צמאָל, פון דער קייזערין קאַטערינעס צייטן אָן; איצט

איז זי אוקראַינע: שוואַרץ־ימיקע אוקראַינע). דידאָזיקע ערד אַרום האָט נאָך ביז איצט כמעט נישט געוואוסט פון קיין מענטשלעכן ישוב. אפשר צום ערשטן מאָל, זינט דידאָזיקע ערד איז דאָ אויף דער וועלט, קומט אַ מענטש אַהער, אין דער סטעפּישער וויסטעניש זיך איינפלאַנצן. פון איר הייבן ערשט איצט צום ערשטן מאָל אָן אַרויסשפּראָצן הייזער, וואוינונגען פאַר מענטשן... יאָ, זיי שפּראָצן אַרויס איצט ממש פאַר מיינע אייגענע אויגן.

ס'איז פּונקט ווי אין אַ גאָרטן, וואו געוויקסן אַלערליי זענען פאַרפלאַנצט געוואָרן צו פאַרשידענע צייטן: אייניקע געוויקסן זענען העכער — אַנדערע דערווייל נאָך קלענער; אייניקע שוין צייטיקע — אַנדערע האַלטן ערשט אין רייף ווערן. — אַזוי איז אויך מיט די הייזער, וואָס איך זע איצט פאַר זיך אויף ביידע זייטן פון ברייטן שליאַך פון דער קאָלאָניע ניי־וועלט („נאָוואָמיראָק").

איצט איז אין די אַרומיקע קאָלאָניעס פון אָדעסער געגנט בלויז דאָ איין סעזאָן — בוי־סעזאָן. אַלע קאָלאָניסטן „בויען זיך". און הייזער געפינען זיך אין פאַרשידענער מדרגה פון פאַרטיק ווערן: הייזער — אָן מויל און אויגן — נאָך אָן טיר און פענצטער; הייזער פאַרטיק בלויז ביז די אַקסלען — העכער איף די אַקסלען, נישטאָ נאָך קיין קאָפּ, — קיין דאַך; קיין אינגאַנצן — פאַרטיק הויז זעט מען נאָך כמעט נישט.

דאָס בויען־זיך, דאָס אויפשטעלן די ווענט איז נאָך אינמיטן ברען. בכלל, ווערט די גאַנצע אַרבעט אָפּגעטון כמעט אַליין, פון די קאָלאָניסטן גופא, בלויז טיר און פענצטער דאַרף מען קויפן פאַרטיקע, בלויז אויף אַרויפשטעלן דעם דאַך דאַרף מען אָנקומען צו אַ ספּעציאַליסטס הילף. —

די כאַטקעס ווערן דאָ געבויט פון בלאָטע. געהילץ איז אין דער געגנט טייער: קיין וועלדער נישטאָ אויף הונדערטער מיילן אַרום. ציגל — דאַרף מען דאָך קויפן; ס'קאָסט געלט; געלט איז אָן איידעלע זאַך...

דעם „לאַמפּאַטש" — אָט די גרויסע אומגעלומפּערטע רוי־אויסגעקנעטענע „ציגל", פון וועלכע קאָלאָניסטן בויען זייערע הייזער — דאָס לערנט מען זיך אויס מאַכן אַליין. אמת, ס'איז

זייער אַ שווערע אַרבעט, דאָסדאָזיקע לאַמפּאַטש־מאַכן: מען לייגט אויף איר אַוועק אָן אַ שיעור כּוחות... נאָר אַהערצו איז מען דאָך נישט געקומען זשאַלעווען קיין כּוחות.

דעמדאָזיקן לאַמפּאַטש קנעט מען אין „גראַסעס" — אַזעלכע אויסגעגראָבענע היפּשע גריבער אין דער ערד. וואוהין מען גיסט נאָכאַנאַנד צו וואַסער. ס'איז אַ קאַטאָרזשנע אַרבעט. גוט איז נאָך, אַז מען פאַרמאָגט אַן אייגן פערד; שפּאַנט מען עס איין און מען לאָזט עס גיין נאָכאַנאַנד אין אַ קרייז, רונד־אַרום דער „גראַסע" — אָט ווי עס דרייט נאָכאַנאַנד אַ בלינד פערד דאָס ראָד פון אַ מיל. נישט אַלע אָבער פאַרמאָגן אַ פערד. אפילו דינגען אַ פערד קאָן מען אויך נישט אַזוי גרינג דערלויבן: אויף דעם דאַרף מען דאָך האָבן געלט — און געלט איז, ווידער אַמאָל, אַן איידעלע זאַך...

אָבער אפילו די יעניקע, וועלכע פאַרמאָגן יאָ אַ פערד — זשאַלעווען עס צו באַנוצן פאַר דידאָזיקע קנעט־אַרבעט: ס'איז קאַטאָרזשנע אַרבעט, און ס'מאַטערט אויס אַ פערד... שפּאַנט מען בעסער זיך איין אַליין; מען „טרעט נאָכאַנאַנד דאָס ראָד" — מען גוואַדזשעט און גוואַדזשעט טיף אין דער בלאָטע, וועלכע דערגרייכט דעם מענטש ביז די קני און העכער; מען קנעט און מען קנעט דאָס ברוינע בלאָטיקע טייג, וואָס גלאַנצט קעגן דער זון — ס'איז נישט קיין פּשוטע בלאָטע: ס'איז אַ בלאָטע, וועלכע אַנטהאַלט אין זיך פאַר די קאָלאָניסטן איידל־שטיינער און בריליאַנטן.

(דאָס — באַמערק איך צו זיך — איז טאַקע דער בעסטער באַווייז פון דער עכטער פויערשער פּסיכאָלאָגיע, וואָס האָט זיך שוין אַנטוויקלט באַ די קאָלאָניסטן. אַן אמתער פויער וועט טאַקע אַלעמאָל זשאַלעווען זיין פערד מער, איידער זיך אַליין, זיין ווייב זיין קינד.

אַנומלט האָב איך — אין פּוילן, דאַכט זיך, — אָנגעטראָפן אַ פויער, וועלכער איז געזעסן באַ די „קאָזלעס" אויף אַ פול אָנגעלאָדענעם וואָגן. ער איז געזעסן אין וואָגן — ער האָט דאָך געדאַרפט פירן די פערד איבער אַ שווערן וועג. זיין ווייב אָבער, די פויערטע, האָט ער געלאָזט גיין באַ דער זייט פון וואָגן — זי האָט

אויסגעטון די שיך און. זיי געטראָגן אויף אַ שטעקן, — זי האָט זיי געזשאַלעוועט, די שיך, — אויף די שפּיציקע שטיינער פון שאָסיי קענען זיי זיך נאָך צערייסן.

— פאַרוואָס נעמסטו זי נישט אַריין אין וואָגן — האָב איך אָנגעהויבן איינטענהן מיטן גוי — דיין ווייב וועט נאָך צעקאַליעטשען אַזוי די פיס אויף די שפּיציקע שטיינער... זי וועט דאָך באַ דיר אָוועקשטאַרבן...

— עט — האָט מיר דער פויער גוטמוטיק און שמייכלענדיק געענטפערט — ס'מאַכט נישט... אַ פערד דאַרף מען זשאַלעווען — עס קאָסט געלט... אָבער אַז אַ ווייב, אַ קינד פאַלט אַוועק — איז וואָס — דאָס קען מען קריגן נייע — אָן אַ גראָשן געלט.)

נאָכדעם ערשט, ווען מען האָט שוין מיט נאַקעטע פיס גוט אויסגעקנעטן די בלאָטע ביז דער געהעריקער געדיכטקייט, הייבט מען ערשט אָן אויסמייסטרעווען די „ציגל".

ווי גרויסע מיירעס טייג, פּאַטשט מען און מען קנעט די ציגל מיט די שוין פאַרהאַרטעוועטע, מאָזאָליעדיקע הענט. צוליב שטאַרקייט און דויערהאַפטיקייט איז בעסער, אַז מען מישט צו צו דער בלאָטע אַ ביסל מערוועאָדער טריכעס — צעהאַקטע שטיקלעך שטרוי.

נאָר שטרוי איז אָבער אַ לוקסוס, — באַלעבאַטישקייטן זענען נאָך נייע, און פון לעצטן יאָר איז דעריבער קיין שטרוי נישטאָ, דאַרף מען קויפן — קאָסט עס דאָך געלט; און געלט איז דאָך, ווייטער אַמאָל, זייער אַן איידעלע זאַך... זייער.

אין, מילא, באַגייט מען זיך אָן שטרוי... אָבער אָן וואַסער קען מען זיך דאָך זיכער נישט באַגיין באַם אויסקנעטן דעם לאַמפּאַטש. און וואַסער איז דאָ אויך דערווייל נישט אַזאַ וואָלוועלער ביסן.

קען מען עס נישט לאָזן גיסן גלאַט אין דער וועליאַריין... מען דאַרף עס ברענגען אַהער פון ערגעץ צופירן אי דייזשעס און אין צעבערס. ביזוואַנען מען וועט דאָ, אין ניי־וועלט

אויסגראָבן אייגענע קרעניצעס — אָדער „קערניצעס״, ווי דער עולם זאָגט דאָ.

דאָס רוב איבערוואַנדערער איז דאָ פון פאָדאָליער גו־בערניע.

שפּעטער וועל איך עס נאָך מער אויסגעפינען: געוויינטלעך נעמען זיך צוזאַמען פּאָר אָן איבערוואַנדערער־קאָלעקטיוו אַ צאָל לאַנדסלייט — איינוואוינער לאַנגאַניקע, תושבים פון איין שטעטל, אָדער פון אַ פּאָר גאָר־נאָענטע שטעטלעך. אייגענע מענטשן — ס׳איז היימישער אַזוי באַם בויען פון דעם נייעם לעבן. ברענגט מען שוין מיט זיך אין דער פרעמד נאָך אַ ביסל באַלעבאַטישקייט — צום אַרעמען מיטגעבראַכטן מטלטלין־סקאַרב — אַ ביסל היים און היימיש־קייט ברענגט מען מיט זיך אין דער פרעמד...

אין איינער אַ „גראַסע״ אַרבעט אַ גאַנצע משפּחה — טאַטע און מאַמע, און דערוואַקסענע זין און טעכטער, — אַלע העלפן זיי אויסבויען די כאַטקע. זין — טוען די שווערסטע אַרבעט: שטייען האַלב־נאַקעטע אין דער גראַסע, קנעטן און טאָפּטשען און גוואַדזשען אַ גאַנצן טאָג די בלאָטע; טעכטער — שיינע, דערוואַקסענע מיידן מיט פאַרפלאַמטע באַקן, פאַרקאַשערטע אַרבל און סבאָדניצעס, פּויערי־שע און געקעסטלטע אויפגעהויבן איבער די קני — שלעפּן אַרויס דאָס שוין געדיכט־געוואָרענע און פאַרטיקע טייג, מישן עס צונויף מיט „טרינעס״, קנעטן און פּאַטשן מיט די הענט די גרויסע מיירעס און לייגן זיי דערנאָך אויס אין פּיראַמידעס, טריקענען אויף דער זון; און טאַטע־מאַמע זענען דאָס ערשט די ריכטיקע בויערס...

דער טאַטע, אַ באַלעבאַטישער ייד אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע און מיט אַ באָרד, וואָס איז אַ העלפט די לענג פון דער זעלבי־קער קאַפּאָטע — אַ געוועזענער נגיד, מסתמא, אָדער אַ סוחר, — גייט אַרום און אַרום דעם הויז, וואָס איז שוין אויף דער העלפט אויפגעשטעלט געוואָרן איבער דער ערד. ער מויערט עס: צעלייגט דעם לאַמפּאַטש, שמירט אים אַרום מיט נאַסער בלאָטע; מעשה גע־ניטער אַרכיטעקטאָר — האַלט ער אַ שניידערשן „ווערשאָק״ אין

האַנט און מעסט מיט אים די ווענט — צי דער לאמפּאטש ווערט אויסגעלייגט גלייך און פּערפּענדיקולער.

און דאָס ווייב — אַ יידענע מיט אַ ווייס טיכל אויפן קאָפּ, פאַרבונדן אין צוויי פליגל-שפּיצן אונטער דער גאָמבע — טראָגט אים אַלע ווײַלע אונטער שוין אויסגעטריקנטע שטיקער לאמפּאטש פון דער קלײנער פּיראַמידע, וואָס הייבט זיך דאָ נישט ווייט. אַרום און אַרום שטייט אַן עולם ליידיקגייער — באַ אייניקע איבערוואַנדערער טריקנט זיך נאָך דער לאמפּאטש: ס׳נעמט צייט, ביזוואַנען דער לאמפּאטש טריקנט זיך אויס און ווערט האַרט ווי אַ שטיין. און אַנדערע — צוליב אונז, צוליב די געסט און צוליב דעם מיטינג, וואָס דאַרף באַלד פאָרקומען מיטן חבר „פויגל״, אַזוי רופן אָן די עלטערע יידן דעם אַגראָנאָם, ה׳ פייגין, וועלכער איז באַ אַלעמען שטאַרק באַליבט, און אַלע קאָלאָניעס, ווי איך זע שפּעטער, וואַרטן אַלע אַרויס אויף זיין אָנקומען, ווי אויפן אָנקומען פון — טאַקע נאָר: פון משיחן.

נאָר אַז די מאַמע דערזעט דאָס היפּשע געזעמל אַרום זיך — און טאַקע אפשר לכבוד אונז אַליין, די וויכטיקע חברים-באַאמטע, — (מיך האָט מען, איין גאָט ווייסט פאַרוואָס, אין אַלע קאָלאָניעס באַטראַכט, ווי אַ יידישן „נאַצמין״*)... איז דאָס געווען דערפאַר, וואָס איך האָב די גאַנצע צייט אַזוי „וויכטיק און אויספאָרשמעסיק״ געשוויגן?) — האָט זי שטאַרק פאַרקלעמט באַם האַרץ איבער איר געפאַלענעם מעמד. און זי איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין אַ גרויס געוויין:

— אַך, טייערינקע מיינע... אָט אַזוי איז עס, אָט... דערלעבט זיך צייטן... אָט שטייען אַרום אַלץ לאַנדסלייט, פון איין שטאָט זענען מיר, — אדרבא, זאָלן זיי אייך זאָגן, ווער מיר זענען געווען פון דער היים... סאַראַ גרויסע געשעפטן מיר האָבן אַמאָל געפירט... און איצט — קוקט נאָר אָן מיינע טעכטער — געענדיקטביידע גימנאַזיעס — טאַקע „פּראַוויטעלסטווענע״ גימנאַזיעס...

*) פארוואַלטער פון נאַציאָנאַלער מינדערהייט אין אַ באַשטימטן ראַיאָן.

אַזעלכע שיינע אָנגעזעענע „באַרישניעס“ געווען — דאַרפן זיי איצט קנעטן ליים, — נאָך ערגער, ווי שיקסעס... אָט צו וואָס מען דערלעבט זיך...

די „באַרישניעס“ — נאָך איצט אויך גאַנץ יונגע און גאַנץ היפּשע מיידלעך — וועלכע זענען געשטאַנען מיט פאַרקאַטשעטע קליידלעך און געקנעטן דעם לאַמפּאַטש, האָבן די גאַנצע צייט אויף קיינעם נישט אויפגעהויבן זייער בליק. נאָך באַגייסטערטער און ענערגישער האָבן זיי אָנגעהויבן איצט פּאַטשן די שטיקער בלאָטע אין זייערע הענט — ווי גרויסע מיירעס ברוינעם טייג. זייערע פּנימער האָבן זיך אַ מינוט בלויז באַגאָסן מיט אַ צונטער־רויטקייט; נאָר באַלד זענען זיי פאַרכמורעט געוואָרן:

— וואָס רעדט זי עס דאָרט אַזוי פיל, די מאַמע זייערע... וואָס מאַכט זי זיי עפּעס פאַר אַזעלכע מאַרטירערינס, די טעכטער אירע... מען צווינגט זיי דען, וואָס?

און דער פאָטער, דער הויכער ייד מיט דער ברייטער באַלעבאַטישער באָרד און מיט דער ליסטרינענער קאַפּאָטע, וואָס דערגרייכט אים ביז די קני (האָט נאָך נישט פאַרדינט קיין געלט אויף קויפן זיך אַ וואָכעדיקן און קירצערן ראָק...) ווען דאָס ווייב דערלאַנגט אים נישט צו דער צייט די ציגל, קומט ער באַלד אויך צום געזעמל, אין איין האַנט האַלט ער דעם שניידערישן אַרשין, מיט וועלכן ער מייסטרעוועט די ווענט, מיט דער צווייטער — פּליקט ער שטיקלעך פאַרטריקנטע בלאָטע פון זיין באַלעבאַטישער באָרד אַרויס. ער באַרויקט זיין ווייב:

— נישקשה — קלאַפּט ער איר מעשה געטרייער עלטערער ברודער איבער איר שוואַכער איינגעבויגענער מוטערלעכער פּלייצע. — נישקשה... — איז זיין קלאָר געזיכט פול מיט האָפנונג, — ס'איז טאַקע, ווייב מיינס, אַ שווערע אַרבעט, אָבער דערפאַר אַ רויקע.

און נישט נאָר ער, דערדאָזיקער הויכער ייד מיט דער ברײ-

טער באַלעבאַטישער באַרד, וואָס איז נאָך אַלץ אַזוי בהרחבהדיק און רויק־זיכער צעשפּרייט איבער זיין שטאַרקער ברוסט — נישט נאָר ער איז אַזוי האָפנונגספול.

אַלע, אַלע, שיינט מיר, זענען האָפנונגספול: זיי זענען פול מיט גלויבן אין דעם נייעם לעבן, וואָס זיי הייבן איצט אָן; זיי האָבן אויך אָן אַ שיעור צוטרוי אין זייערע אייגענע כוחות אויף אָנצופירן אָט דאָס נייע לעבן — זיי גייען עס אַנטקעגן מיט גרויסער און ליכטיקער דערוואַרטונג...

— דאָ איז פאַראַן אַן אָרט פאַר וויינגערטנער אויך... — לויבט אונז און רעקאָמענדירט אונז דעם ישוב „ניי־וועלט" אַ ייד פון געזעמל אַרום. און אַ צווייטער קען שוין אונז דעמאָלט דערציילן, אַז אים האָט זיך שוין אפילו סך־הכל אַ פּאָר נעכט צוריק געחלומט, — ער ליגט שוין אַזוי באַ זיך אין שטוב, באַם ערשטן פּאַס וויין... יאָ, ער ליגט: דער נייער וויין איז זייער אַ שטאַרקער און האָט אים דורכגענומען אַלע איברים... ערשט מען האָט פּלוצלינג אָנגעקלאַפּט אין טיר און מען האָט אים אויפגעוועקט...

— אָך, סאַראַ גזלנים יידן זענען עס און נאָך אייגענע לאַנדסלייט...

מען וויצלט זיך. מען גיט גריינדלעכע „שטעך" איינער דעם אַנדערן — מען איז שפּילעוודיק. — דאָ אין סטעפּ איז מען געוואָרן קינדעריש... און חוץ דעם: לאַנדסלייט; פילט מען זיך היימיש. האָבן זיי שוין אפילו אַ מנין אַן אייגענעם, אפילו אַ „ספר" פון אייגענעם שטעטל מיטגעבראַכט (רו־טאָג איז דאָ, ווי אומעטום אין די יידישע קאָלאָניעס, וועלכע איך האָב באַזוכט — שבת). אויף דער נייער ערד, אויף דער מיידל־ערד פון דער אַמאָליקער „נאָוואָראָסיע", אינם קרייז פון די ווינטן, וואָס ווייען איבערן סטעפּ פונם נישט־ווייטן אור־אור־אַלטן שוואַרצן ים — האָבן זיי אַ גוטן אָנהייב געמאַכט אין זייער ניי לעבן:

— ערד זיכערע אונטער זיך; היימישקייט, קרעפטיקייט — אַרום זיך.

מער נישט: אָרעמקייט.

זי איז דאָ אַזוי שטאַרק, אַז מיר, אין אַמעריקע, קאָנען זיך עס קוים פאָרשטעלן.

עס נעמט אַ פּאָר יאָר, ביזוואַנען מען קען אָנהייבן ציען רעגלמעסיק די חיונה פון דער ערד — דערהויפּט, אַז גראָד די ערשטע יאָר־צוויי איז אַ טריקעניש, אַן אומגערעטעניש — אין אַ שוין איינגעפונדעוועטער פויערישער באַלעבאַטישקייט קומט מען עס ווי־עס־איז ביי; אָבער פאַר אַ נייער שפּראָצנדיקער פויערישער ווירטשאַפט איז עס אָן אַ שיעור שווערער... איז עס זייער און זייער אַ גרויסער נסיון.

נאָר — בריקן הינטער זיך האָבן די מערסטע שוין פאַר־ברענט. דאָס גאַנצע לעבן איז — אין פאָרויס, אויף די סטעפּעס, אינם קרייז פון די ווינטן פונם אור־אור־אַלטן שוואַרצן ים, וואָס ווייען אויף די נייע סטעפּעס מיט באַנייטן לעבן און מאָדנעם אַמאָל־אַמאָליקן וואונדער. — עס זענען ווינטן, וואָס ווייען איבער אַ רי־זיקן, ריזיקן טאָל מיט „וויסגעטריקנטע ביינער" — און פולן זיי אָן מיט נייעם לעבנס־זאַפט, מיט שאַרפן ווייניקן ערד־זאַפט, וואָס מאַכט שטייף און פריש אַלטע, דורך דורות אָפּגעלאָזטע און פאַר־לעגענע ביינער.

— ווייעט, ווייעט שטאַרקער, ווינטן נייע און רויע פון אור־אַלטן שוואַרצן ים... ווייעט, ווייעט שטאַרקער און מעכטיקער: ווייעט אַריין לופט געזאַלצענע, שאַרפע און מונטערע לופט אינם לעבן, וואָס וועבט זיך איצט פון דאָסניי אויף אַלט־נייע סטעפּעס...

יעדער איז צופרידן צו טון דערוויל — ביז ערד וועט זיי אָנהייבן שפּייזן מיט ניי־אָנגעפולטע ברוסטן אירע — עפּעס אַנ־דערש, — אַן אַנדערע, אַ זייטיקע מלאכה — וואָס נישט איז.

עס זענען, צום ביישפּיל, דאָ צווישן היגע קאָלאָניסטן באַנ־דאַרעס — זיי קענען בוי אַרומיקע פויערן און אין אַרומיקע דער־

פער פאַרדינען אַ סך געלט מיט אָט דער אַרבעט זייערער, נאָר עס פעלט זיי „קאַפּיטאַל“ אויף אָנצוגיין מיט דער אַרבעט — אויף קויפן מעסערס, פּלעקענער, — זייערע „מאַטעריאַלן און אינסטרו־מענטן“, מ'שטיינס געזאָגט...

— אַך, ווען מען זאָל אונז נאָר אַ ביסל אַרויסהעלפן...

ע־הע־הע!

דער עיקר איז אָבער אַלץ דערווייל — די הייזלעך, די כאַט־קעס, וואָס מען האַלט איצט אין בויען — די אייגענע וואָרצלען, וואָס מען פאַרפלאַנצט אין דער נייער ערד.

— זאָל זיין כאָטש כאַטקעס! אמת, מען וואָלט געקאָנט, און עס וואָלט געווען אַ סך בעסער, צו בויען די קאָלאָניסטישע הייזער פון געטעסעטן שטיין -- ער איז דאָ אַרום, דערדאָזיקער שטיין, גענוג און ביליק...

— נו? — וואונדער איך מיך, — איך, דער תם.

— נו? — קוקן זיי מיך אָן קלוג און שפּאָטיש, — נו, און געלט?

2.

אַרום איין, כמעט־פאַרענדיקט שוין הייזל קלייבט זיך אַרום דער גאַנצער קאָלאָניסט־ישער עולם. פון הייזל שמעקט נאָך מיט קאַלטקייט און מיט פרישקייט, פון די נאָך נישט איינגאַנצן אויסגעטרוקנטע ווענט; פון פרישן ערדענעם און רויען דיל.

דאָ וועט באַלד פאָרקומען די „אסיפה“ — צווישן אַגראָנאָם און די קאָלעקטיוויסטן — וועגן די לויפנדע נויטן פון „ניי־וועלט“ און פון יעדן איינעם באַזונדער. צוליב דעם, אייגנטלעך, מאַכט דער אַגראָנאָם זיינע באַזוכן. ווען ער קומט צו פאָרן, טיילט ער אויס אויך דאָס געלט — לויט יעדן איינעמס קרע־דיטן.

דער עולם אַרום שטיבל ווערט געדיכטער, טומלדיקער. אי־נעווייניק, אין שטוב, וואו עס זיצן בײַ אַ טיש דער אַגראָנאָם פיי־

גין און איך, דער „נאצמין”, לאָזט מען אַריין בלויז איינציק־ווייז. עטלעכע עלטערע קאָלאָניסטן שטייען בײַ טירן, האַלטן אָרד־נונג.

עמעצער איז אַוועקגעלאָפן איבער דער קאָלאָניע זוכן אַ טינטער — עס גייען אַרום אומגלויבלעכע קלאַנגען, אַז ערגעץ אין אַ הויז געפינט זיך נאָך טאַקע בײַ איינעם אַ טינטער.

מען וואַרט מיט אומגעדולד.

עס לאָזן זיך הערן אויסגעשרייען, אויסרופן פון מענטשן, וואָס קאָנען זיך מער נישט איינהאַלטן — זיי ברענען ממש פון אומגעדולד.

— נו, וואו איז ער שוין? דער פלינקער קוריער?

— ער מאַכט דאָרט, אפנים, ערשט די טינט...

— אָ, אָט גייט ער שוין...

— ניין מען טראָגט אים...

מיט פריילעכע בוכטשעס, מיט היימישע און חברישע סטו־סאַקעס באַגלייט, געליגנט ענדלעך דעם גליקלעכן קוריער — דער טינטער איז אויפגעהויבן אין זיין רעכטער האַנט הויך אין דער לופט, ווי אַ בשורה, ווי אַ נצחונדיקער פאָן — זיך דורכשטופן דורכן געדיכטן און לעבעדיקן עולם.

פון אינעווייניק, פון שטוב אַרויס, הערן זיך באַלד פייער־לעכע, באַפעלערישע, אַמטלעכע אויסגעשרייען:

— גראַזשדאַנקעס, אַוועק פון די פענצטער... וואָס האָט איר זיך אַזוי דאָ אַלע אָנגעלייגט... נו, לאָזט אַריין אַ ביסל לופט...

— חברים, טומלט נישט אַזוי... — רופט זיך שוין אָן אין דרויסן דאָס יונגוואַרג: אָהאָ, זיי ווייסן שוין, ווי מען דאַרף זיך האַלטן אויף פאַרזאַמלונגען... — חברים! בײַ אַזאַ אָרדנונג קען מען דאָך גאָרנישט נישט אויפטון... פּאָליטיש־אויפגעקלערטע מענטשן האַלטן זיך נישט אַזוי...

— נו, — שטעכן זיך שוין דעמאָלט די עלטערע יידן פון קאָלעקטיוו. — איז אפשר וואָלט מען טאַקע אויסגעקליבן, ווי

זאָגט איר, אַ „פּאַרזיצנדיקן"... געמאַכט אַן אמתע אפּיפה...

— אוודאי, אוודאי... — טשעפּעט מען זיך שוין דעמאָלט אַריין אינם יונגוואַרג, וואָס האָט געוואָלט לערנען די עלטערע לייט דרך־ארץ. — אוודאי. מאַלאַדיעזש! זעט אַקאַרשט — גיט דאָרט גוט אַכטונג אויף די עלטערע...

נאָר אין אַ ווײַלע אַרום האָט דאָס ווײַצלען זיך אויפגעהערט. מען איז געוואָרן בלוטיק־ערנסט — אומעטום: אי אינעווייניק אין שטיבל, אי אינדרויסן אויפן הויף. — עס האָבן זיך געלאָזט הערן שטימען — בעטנדיקע, מאָנענדיקע, אומצופרידענע, נויטבאַדערפטיקע... די שטימען האָבן זיך אויסגעצויגן אין דער אַרומיקער זוניקער סטעפּ־לופט, ווי אַ מחנה הענט, — ווי אַ מחנה הענט פון אומגעזעענע, האַרעוועדיקע און שטײַפע קערפּערס, וועלכע מאָנען; — מאָנען שטײַף, מיט אַ טאָן פון אַבסאָלוטער גערעכטיקייט... ווײַל זיי דאַרפן... ווײַל קיין אַנדערע ברירה האָבן זיי נישט...

— גיט אונז געלט אויף שטיין...

— גיט אונז געלט אויף קו און פערד...

— גיט אונז געלט אויף אַ דאַך...

— גיט אונז געלט אויף טירן און פענצטער..

און „חבר פויגל" גיסט אַלע ווײַלע צו אַ ביסל וואַסער אינם טינטער, וואו עס ליגן דאָרט אויפן דנאָ שטיקלעך פאַרטריקנטע שוואַרצקייט; מיט ברוינלעך־מוטנער צעפירעכץ שרײַבט ער, מעקט קלעקט. ער מוז זיך זען מיטלען, צופרידנשטעלן אַלעמען, לויט דער פאַראַנענקייט פון געלט־מיטלען בײַ אים.

אָ, ער ווייסט גוט, אַז דאַרפן, דאַרפן זיי אַלע! עס איז שוין צוויי יאָר — און גראָד די ערשטע, די קריטישסטע צוויי יאָר, ווען סטעפּ־ערד און סטעפּ־לופט פּייניקן דעם קאָלאָניסטישן פּיאָנער: קיין רעגן גייט נישט און די קאָלאָניעס ליידן פון אַן אומגערעטעניש... אַנדערע — נאָר גרויסע קבצנים — האָבן אפילו נישט אויף צום עסן: מען פאַרט דאָך אַרויס „אויף ערד" אפילו סך־הכּל מיט אַ דרייסיק—פופציק רובל אין קעשענע.. נאָר אויף עסן גיט

נישט דער „דזשוינט" — דאָס איז זיין פּרינציפּ, און מסתמא אויך א גערעכטער: ער וויל בשום אופן נישט דערלאָזן אפילו קיין סימן פון א צדקה־עלעמענט אין דער גאַנצער קאָלאָניזאַטאָרישער אַר־בעט. — ער גיט דערעיקרשט הילף אויף איינאָרדענען זיך, אויף איינפונדעווען זיך פעסטער אויף דער ערד. און דערביי — ס'איז אפשר גרויזאַם, אָבער מסתמא אומפאַרמיידלעך — וואָס מער דער קאָלאָניסט באַווייזט אַליין, מיט זיינע אייגענע כוחות אויפצוטון, אַלץ מער און גערנער העלפט אים דער „דזשוינט".

— האָסטו אויפגעשטעלט די ווענט פון דיין כאטקע, גיב איך דיר געלט אויף טירן־פענצטער, אויף א דאַך...

— האָסטו אויפגעבויט א שטאַל — האָסטו בא מיר קרעדיט אויף א פערד, אויף א בהמה...

— האָט איר, גאַנצער קאָלעקטיוו, גוט און טיכטיק און פליי־סיק צעאַקערט און פאַרזייעט אייערע פעלדער — וועלן מיר אייך זען העלפן קריגן א טראַקטאָר, א דרעש־מאַשין...

אַנדערש, אפנים, קען עס נישט זיין, אויב מען וויל לייגן פונדאַמענטן פאַר א ראַציאָנעלער און פעסטער אַגריקולטורעל־באַ־לעבאַטישקייט. נאָר דער עולם האָט דאָך זיינע בויטן — ער וויל פון גאָרנישט וויסן:

— אז ער וויל פאָרט עסן, איז צו וועמען זאָל ער קומען, אויב נישט צום אַגראָנאָם?

ס'מאַכט נישט, וואָס דער עולם אַליין מעג זיך וויסן, אז ער טרייבט אָפט איבער מיט זיינע פאָדערונגען צום „פאָרשטייער", אז ער שטייט צו אים צו פיל צו... אָט האָב איך דאָך אַליין פאַרנומען, ווי צווישן אויפגערעגטן, זיך טומלענדיקן קאָלאָניסטן־עולם האָט זיך באַלד דערהערט א שטים, וואָס ווינצלט זיך איבער זיך אַליין:

— וואָס מיינט איר... כ'וואָלט טאַקע אוודאי תּשובה געהאַט אויך, ווען „אָרט" זאָל מיר נאָר געבן נדן...

אַז אינם שטיבל ווערט סוף כּל סוף, נישט געקוקט אויף די פרישע און קילע ערדענע ווענט, צו־געדיכטלעך די לופט און צו־שטאַרק דאָס אַמפּערנדיקע מאָגעניש — כאַפּט זיך מיינער, — דער „נאַצמין" אַליין, בכבודו ובעצמו — אויף אַ ווײַלע אַרויס.

איך בלאָנדזשע אַ ווײַלע אַרום איבער דער ליידיקער קאָלאָניע, איבערן ריזיקן שליאַך צווישן די צוויי שורות הײַזער — אַ גאַס — נישט — קיין גאַס, אַ שליאַך, — נישט קיין שליאַך... מיין בליק שטעכט זיך אַריין אינם גאַנצן אַרום: אינם זייער ווייטן הימל, מיט אַן אַ שיעור זילבערנע און מירמלנע אָדערלעך און שטרייפן אויף אים, אָבער אָן אַ שום סימן פון געבענטשטע וואָלקנס; אינם הונדערט־מייליקן סטעפּ אַרום — אַ פּאַר־צייטיק־אַלטן און אַ שפּאָגל-נײַעם, אַן אומהיימלעך־פרעמדן און אַן אייגן־היימישן.

איך פּרוּוו צו לייענען דאָס כּתב פון די צעאַקערטע אויזאָרן אויף די פעלדער אַרום, דאָס כּתב פון די שוואַרצע אותיות, וואָס אַ פליענדיקער סטעפּ־פויגל צייכנט אָן אויפן בלויען ליילעך פון דער סטעפּ לופט... אין דעם אַלעמען, ווי אויך אין דעם שאָרך און נאָכאַנאַנדיקן גערויש פון די הויכע סטעפּ־גראָזן ווילט זיך געפינען אַ באַשייד און אַן ענטפער אויף זאַכן און פראַגן און וואונדערונגען פונם נאָענטן „אַמאָל" און פונם „שפּעטער", דעם נישט גאָר־נאָענטן.

— אַך, מיין פאַרשאָלטענער, מיין „היסטאָרישער" זכּרון, וואָס טרייפט אַריין טראָפּנס סם אינם לויטערסטן בעכער פון מיין ליכטיקסטן געטראַנק...

3.

אין אַ זייטיק, נאָך נישט דערבויט הויז — אָן טירן און אָן פענצטער נאָך, און דער דאַך איז נאָך נישט באַשינדלט — דערזע איך מיטאַמאָל אַ קופּקע פּויערים, נישט קיין יידן.

איך וואונדער מיך, וואָס איך האָב זיי ביז איצט גאָר נישט באַמערקט אין דער קאָלאָניע. איך לאָז מיך גיין צו זיי.

— אוודאי שכנים — טראַכט איך — פון די גאָענטע עלטערע דערפער...

גוט טאַקע, מען דאַרף אויסגעפינען באַ זיי, וואָס זיי טראַכטן, אַ שטייגער, פון די נייע אומגעוויינלעכע שכנים זייערע, — די מאָדנע ברואים — די יידישע פּויערים...

נאָר דאָס איז מיר גאָרנישט אַזוי גרינג אָנגעקומען — ווי כ'האָב מיך דערנענטערט צו זיי, זענען זיי גלייך אַנטשוויגן געוואָרן. און כ'מוז מודה זיין: אָט דאָסדאָזיקע פּלוצלינגדיקע אַנטשוויגן ווערן זייערס איז מיר גאָרנישט געפעלן געוואָרן... און וויפיל איך האָב מיך דערנאָך נישט באַמיט מיט זיי צו פאַרפירן אַ געשפּרעך וועגן די נייע שכנים זייערע — אומישנע גערעדט אין אַ בטול-טאָן וועגן זייערע אויפטואונגען, — ס'איז מיר אַלץ נישט געלונגען:

— ע — בע — מע...

האַלבע ווערטער. אַ קוועטש מיט די אַקסלען, אַ שאָקל מיטן קאָפּ...

— אַהאָ — טראַכט איך מיר — אַ כיטרע פאָלק, דידאָזיקע פּויערים!...

און באַלד, כדי פּטור צו ווערן פון מיינע דערעסנדיקע פראַגן

און פון מיין צושטייעניש, האָבן זיי אָנגעווענדט קעגן מיר דאָס אויסגעפּרוּווטע מיטל אין אַזעלכע פאַלן: זיי האָבן, פאַרקערט, מיך אָנגעהויבן צום באַשיטן מיט פראַגן —

— פונוואַנען, אַ שטייגער, קומט דאָס געלט פאַר די דאָזיקע יידישע פויערים, — פון דער רעגירונג? ניין? פון אַזעלכע רייכע מענטשן? אַהאַ... אַהאַ... איצט פאַרשטייען זיי...

— איז קענען זיי, אפשר, די נישט-יידישע פויערים, הייסט עס, זיך אויך פאַרשרייבן אין דער זעלביקער געזעלשאַפט, — רעגיסטרירן זיך, הייסט עס? ניין? פאַרוואָס ניין? אַהאַ... אַהאַ. . איצט, אַז כ'האָב זיי דערקלערט דעם שכל דערפון, הייבן זיי עס טאַקע אָן צו באַנעמען..

— אָבער פונדעסטוועגן... האַלט איך נישט, אַז ס'וואָלט געווען גוט, ווען דידאָזיקע „יידישע געזעלשאַפט" וואָלט אַ שטייגער באַזעצט לעבן דער קאָלאָניע „ניי-וועלט" כאָטשבי אַ פינף שטיק זייערע... דאָס הייסט, אַ פינף „אמתע" פויערים, וועלכע וואָלטן די גרינגע קאָלאָניסטן אַרויסגעהאָלפן מיט זייער פּראַקטיקע... האַ? וואָס, אַ שטייגער, דענק איך, דער „נאַצמין", פון דעמדאָזיקן פלאַן?

איך דענק גאָרנישט; איך שווייג. איך באַטראַכט בלויז מיינע ליבע און ווילע מיטשפּרעכער. זיי זעען אַליין, קענטיק, אַז זיי האָבן מיך נישט שטאַרק איבערצייגט אין דער נוצלעכקייט פון זייער פאָרגעבראַכטן פלאַן. פונדעסטוועגן זעצן זיי פאָר — אפשר וועלן זיי מיך פאָרט איבערצייגן...

— אָט, אַ שטייגער, זאָל איך מיך אַליין צוקוקן... — ווייזן זיי מיר אָן אויף די ווענט פונעם נישט-דערבויטן הויז, אין וועלכן מיר שטייען איצט אַלע. — איר זעט דען נישט? די ווענט האָבן דאָך שוין איצט שפּאַלטן... און סך-הכל ערשט אַ פּאָר וואָכן אַלט!...

און דאָס איז אַלץ, הייסט עס, דערפאַר, וואָס די נייע פויערים פרעגן זיך קיינמאָל נישט אָן בײַ זיי, בײַ די אַלט-געזעסענע און געניטע! נעמען בײַ זיי נישט קיין עצות!

— און זע איך נישט אַליין אַז יענע כאַטקע אַנטקעגן? — ווייזן זיי מיר אָן, איינער נאָכן אַנדערן, אַט יענץ הייזל, וואָס דער ייד מיט דער ברייטער באַלעבאַטישער באָרד, צוזאַמען מיט זיין גאַנצער משפחה, האַלטן איצט אין אויפשטעלן, — דאָס גאַנצע רעכטע ווינקל איז דאָך קרום אַוועקגעשטעלט... אַ קאַטשערע... צי דען אַזוי, מיט אַזאַ מין קענטשאַפט, בויט מען עס אַ הויז? אויף אַלץ דאַרף מען האָבן פּראַקטיקע...

— זיי וואָלטן געדאַרפט באַ אונז פרעגן אַן עצה, אַ ראַט...

און אַז איך שווייג אַלץ —

— אָך — קרעכצן זיי דעמאָלט אַרויס פול מיט בטחון און האָפנונג, — נישקשה... גאָט וועט נאָך געבן און דאָס פּראָלעטאַרישע רוסלאַנד וועט סוף-כל-סוף ווערן אַ פויערים-לאַנד... אַט וואָס... אַ... און די יידן, וואָס זיצן אין די סאָוויעטישע אַנשטאַלטן, וועלן ענדלעך אויך אָנהייבן צו פאַרשטיין, וואָס עס הייסט אַ פויער, — ווי באַלד אַז יידן ווערן דאָך איצט אויך באַ אונז פויערים... גלייך אויף גלייך... גלייך מיט אַלעמען...

צום סוף פונם דאָזיקן שמועס קומען אויך צו עטלעכע יידן. דאָס געשפּרעך ווערט דעמאָלט לעבעדיקער, וואַרעמער. יידן ענטפערן אָפּ צוריק אויף די „גויישע” טענות. זיי פאַרדריסט שטאַרק, ווען זיי דערפילן, ווי ס'דאַכט זיך זיי, אַ מין באַהאַלטענעם בטול צו זיי אין די פויערימס רייד. זיי פאַרדריסט נאָך שטאַרקער, פאַרוואָס יענע דענקען, דאַכט זיך, אַז מען דאַרף ווייניק פאַרטרויען זייערע, די יידנס, לאַנדווירטשאַפטלעכע קענטשאַפט... זייער פעיקייט צו ווערן גוטע ערד-אַרבעטער.

— נישקשה, — רעדן די יידן אַ ביסל מיט פאַרוואונדעטן שטאָלץ און אַ ביסל מיט אומצופרידן וועגן אַט דערדאָזיקער אָנגעבאָטענער הילף פון די שכנים. — נישקשה... מען וועט זיך שוין יאַקאָש באַגיין אָן זייער הילף... מען וועט נאָך זען, ווער עס וועט וועמען אַריבעריאָגן...

— עך... אַ רעגן — זאָגט אַ צווייטער — עס זאָל נאָר וואָס גיכער אַ גאָס טון אויף די פעלדער אַ רעגן... אָט דאָס איז דער עיקר.

און באַלד פאַרגעסן זיי שוין אָן דעם פּאַראַיבל־שמועס זייערן מיט די שכנים. עס פאַרפלעכט זיך צווישן זיי, צווישן די יידישע קאָלאָניסטן גופא, אַ שמועס אַ היציקער וועגן דער אַרבעט אויף די פעלדער. און צו מיר דערטראָגן זיך ווערטער בייע — ווערטער, אין וועמענס מיין איך קלויב מיך נאָך שלעכט פונאַנדער, אָבער דער־פאַר געפעלט מיר שוין גאָר, גאָר זייער שטאַרק דער ריח זייע־רער, דער געשמאַקער ריח פון אָט די ווערטער:

— שוואַרצער פּאַר... גרינער פּאַר...

אַך, וויפיל געדולד מען דאַרף עס האָבן, וויפיל געדולד. ערד — און געדולד.

גייט נישט קיין רעגן — איז דאָך דאָס נישט אַלץ. עס איז צאָך דערווייל קיין וואַסער פון גרונט אויך נישטאָ.

נישטאָ נאָך קיין ברונעמס; נישט־געניטע פּיאָנערן ווייסן נישט, אין וועלכן אָרט אין סטעפּ אָנהייבן צו גראָבן. מען גראָבט דאָ, מען גראָבט דאָרט, מען אַרבעט אָפּ טעג און טעג, און קיין וואַסער געפינט מען ערשט נישט.

— דערמאַנט עס נישט אָן די אַמאָליקע, אָן די אוראַלטע צייטן, אָן די צייטן פון דער ביבל, אָן די צייטן פון אברהם אבינו, פון לוטן און פון גרר?

— און זיי האָבן געגראָבן אַ ברונעם, און זיי האָבן קיין וואַ־סער נישט געפונען...

ווייל סטעפּ איז אַזוי ריזיק, אַזוי גרויס, און ווי קען מען עס וויסן: אין וועלכן אָרט באַהאַלט זיך אויס דער אוצר: וואַסער?

דינגט מען אַ געניטן גוי, אַ פויער פון ערגעץ אַ שכנישן

דאָרף, וועלכער ווייסט גוט די גאַנצע געגנט אַרום — ער זאָל אויסזוכן דאָס אָרט, וואו מען קען אויסגראָבן אַ „קערניצע". און דערדאָזיקער גוי רינגלט אַרום דעם גאַנצן ענין מיט עפּעס אַ מין כּשוף:

ער שטייט אויף גאָר פרי פאַרטאָג, סאַמע קאַיאָר, ווען די פולע און שטאַרק־שטילע פאַרטאָגיקע לבנה הייבט ערשט אָן צו פאַרגיין, נאָר די זון איז נאָך נישט אויפגעגאַנגען. ער שפּאַנט דע־מאָלט אַזוי אַרום איבערן פאַרטאָגיקן סטעפּ און קלאַפּט מיטן שטעקן אָן דער ערד, און הערט זיך צו אין דער פאַרטאָגיקער, לבנה־ליכט־באַלויכטענער שטילקייט — ער הערט זיך צו, וואו עס ריזלט וואַסער אונטער דער ערד...

די קאָלאָניסטן קוקן אַ ביסל סקעפּטיש און מיט אומצוטרוי אויף דערדאָזיקער פּראָצעדורע, וואָס שמעקט עפּעס ווי מיט כּשוף — זיי האַלטן, אַז דער פויער מאַכט אומישנע דידאָזיקע מאָדנע אָנ־שטעלן, כּדי אַרויסצורופן בײַ זיי גרויס דרך־ארץ און אָפּשיי פאַר די געהיימע כּוחות, וואָס ער טראָגט אין זיך פאַרבאָרגן... אָבער דער פויער טענהט זײַנס:

— בלויז אָט אַזוי אָ... — בלויז אין אָט דערדאָזיקער שעה — אײדער די לבנה פאַרגייט און אײדער די זון גייט אויף — איז ער אימשטאַנד עפּעס אויפצוטון...

און חוץ אַלעמען — ער ווייסט, זאָגט ער, פון אַזאַ מין גראָז, אַן אויסטערליש גראָז... איז אויב דאָסדאָזיקע גראָז „נעצט" אין דער פאַרטאָגיקער בין־השמשות־שעה — איז אַ סימן, אַז ס'איז דאָרט פאַראַן אינם גרונט באַהאַלטן וואַסער; אויב, פאַרקערט, עס בלײַבט טרוקן, אָט דאָס גראָז, אין דערדאָזי־קער שעה — איז אַ סימן, אַז קיין וואַסער איז אין גרונט דאָרט נישטאָ...

אָדער איז עס אפשר גאָר פאַרקערט?

נאָר וואָס איז דער חילוק, אַזוי צי אַזוי — די יידן זענען סוף כּל סוף צופרידן. דער וואַסער־זוכער האָט זײַן שליחות גוט אויסגעפירט, הײַנט אינדערפרי איז ער געקומען צו זיי, אַ הויכער

און אַ שווייגנדיקער, מיטן שטעקן אין האַנט און מיט אַ גוטער בשורה:

— ער האָט ענדלעך געפונען אַ קרעניצע... ער האָט אַריינגעשטעקט אַהין אַ טרויב — וואַסער מעסט דאָרט גאַנצע זעקס קלאַפטער אין דער טיף...

IV

אין „העטמאַנצי״

אַז מיר זענען אָנגעקומען אין העטמאַנצי, איז געווען אַ זייער ליכטיקער נאָכ־יטאָג — אַרום פיר אַ זייגער; און אַ גרויסע און אַ קײַלעכדיקע זון איז געהאָנגען אין מיטן הימל. דער גאַנצער אַרום איז געווען באַגאָסן מיט צעבערס גאַנצע, מיט טונען לופּטיקן גאָלד.

דער ישוב געפינט זיך אויף אַ בערגל — אויף אַ קלײנעם הויכלאַנד. דאָסדאָזיקע הויכלאַנד האַקט זיך באַלד אָפּ אין אַ טאָל — און ווידער אַ לאַנגזאַמער און אַ היפּשער באַרג־אַרויף, וואָס ציט מיט זיך פּאַמעלעך דאָס אויג ביז צום סאַמע האָריזאָנט.

און אינם טאָל, און אויפן היפּשן באַרג־אַרויף, — פּאַסן צעאַקערטע פעלדער, לאַנגע רייען פון פּאַרזייעטע בייטן; געוויקסן קירצערע און העכערע — פונדערווייטנס זעט מען נישט וואָסערע.

— דאָס איז אַלץ — העטמאַנצי... קאָלאָניסטישע ערד...

— ניין, נישט העטמאַנצי, — „נייע ערא״, „נייע עפּאָכע״ — צוויי אַרטעלן געפינען זיך דאָ. נאָר נישט ווי, צום בײַשפּיל, די קאָלאָניע „ביי־וועלט״, וועלכע ווערט געבויט שפּאָגל־ניי, אויף נייער ערד און אויף אַ ניי אָרט — דידאָזיקע קאָלאָניע ווערט געבויט

אויף אַן אַלטן פּלאַץ; אויף אַן אָרט, וואָס האָט שוין אַ לאַנדווירט־שאַפטלעך „פּאָנים" פון פריער — העטמאַנצי האָט געהייסן אַמאָל דאַסדאָזיקע פּנים. „נייע ערא" און „נייע עפּאָכע" דאַרפן ערשט אַרויפלייגן זייער בייעם שטעמפּל אויפן דאָזיקן פּנים.

באַגעגענען אונז טאַקע אויפן הויכלאַנד אַ ריי היפּשע און רייכע הייזער, שייערן, שפּייכלערס און אַלערליי גרויסע בנינים. נישטאָ דאָ אפילו קיין סימן פון אַן ערדענער כאַטקע. פאַרשטייט איר באַלד, אַז דאָ איז געווען אַמאָל אַן „אימעניע" — אַ גוט פון אַ רייכן פּאַמעשטשיק.

עס דערקלערט אייך טאַקע באַלד דער אַגראַנאָם:

— מיר פּלאַנעווען צו מאַכן דאָ אַ היפּשן ישוב... אונז העלפט אַרויס דער פאַקט, וואָס דערווייל דאַרף מען זיך דאָ נישט בויען — אָט די אַלע פיינע בנינים אַרום האָבן מיר גענומען בײַ דער מלוכה אין אַרענדע אויף צוועלף יאָר... שפּעטער אַ ביסל, אַז דערדאָזיקער ישוב וועט שוין שטיין פעסט אויף זיינע אייגענע פיס און מען וועט זיך אויסבויען נייע אייגענע הייזלעך — ווערד אויך צו בויען זיך איז שוין לאַנג אַסיגנירט און שטייט שוין גרייט, — וועלן אָט די אַלע פּאַרצייטיקע גרויסע בנינים פאַרוואַנדלט ווערן אין אַלגעמיינע קאָלאָניע־געביידעס, אין שולן, ביבליאָטעקן, מלוכה־אַנשטאַלטן...

ווייל עס ווערט געפּלאַנעוועט: דאָ זאָל זיין דער זיץ פון יידישן דאָרפסראַט פאַר די עטלעכע אַרומיקע יידישע ישובים!

אפשר איז עס מחמת דער גרויסער צאָל פון פּריצישע איינדרוקספולע בנינים אַרום — נאָר דער היגער ישוב מאַכט שוין פונם ערשטן בליק אַן דעם איינדרוק פון זאַטקייט און איינגעפּונדעוועטקייט. אפילו אַ טראַקטאָר אַן אייגענער איז דאָ און אַ מאַשיניסט אַ ספּעציעלער צום טראַקטאָר... נאָר וואָס מיר מאַשיניסט — אַלע, דאָ רייסן זיך צום טראַקטאָר — אַלע ווילן זיך וואָס גיכער אַליין אויסלערנען, ווי אים צו „פּראַווען". נאָך דער אַרבעט ווערט באַלד אַ געיעג און אַ גלויף צו דער „שטאַל", וואו די דאָזיקע גרויסע און חשובע מעטאַלענע חיה שטייט — און אַלע לערנען זיך באַם מאַשיניסט, ווי צו באַגיין זיך מיט איר. און אַלע

האָבן פאַרן טראַקטאָר אַפּשיי אָזן ליבע, ווי פאַר אַ גרויסן און מאַכטפולן מעטאַלענעם חבר און ארויסהעלפער.

יידן — רויט-קאַרקיקע, געזונטע, מיט צעפלאַמטע פּנימער, אוקראַאינער יידן — פון א ו מ אַ ן, פון מ אָ נ אַ ס ט ר י ש ט ש ע, פון אַרומיקע דערפער.

— א ו מ אַ ן ? — גייט מיר דורך אַ סקרוך איבערן לייב, — א ו מ אַ ן — און דערדאָזיקער זאַטער און רייכער, זון-באַגאָסענער ישוב ?

איך קוק מיך אַריין אין אַ פּנים, אין אַן אויג, — מען זעט גאַרנישט, לחלוטין גאַרנישט... אַזוי טיף שוין באַגראָבן ? אָדער גאָר — אינגאַנצן אָפּגעמעקט געוואָרן... גלייכער אפשר אַזוי ? אוודאי, גלייכער אַזוי.

איבעריקנס, — כ'האָב דאָך שוין לאַנג באַ זיך באַשלאָסן: קיינעם וועגן „דעם" גאַרנישט פרעגן... מיט קיינעם וועגן „דעם" קיין שמועס נישט פאַרפירן.

אין דעם באַשטייט דאָך דער נס, דער גרויסער: אַלץ — פ ו נ ד אַ ס נ י י.

שטאַפּעטן אויף פערד האָבן אַרויסגעיאָגט אין די פעלדער צו לאָזן וויסן איניקע פון דעם עולם, אַז מיר זענען דאָ.

און אין אַ ווײַלע אַרום, בשעת עלטערער עולם רינגלט אַרום דעם אַגראָנאָם און מאָנען באַ אים פאַרשידענע זאַכן און אויסבעסערונגען און ווילן אויסגעפינען, ווען וועט מען שוין זיי פאַרדיגען די „וואָלאָוויצע" — דעם לאַנגן און פעסטן שטיינערנעם בנין, געבויט פון מעכטיקע אַרומגעטעסעטע שטיינער, וואו מען פלעגט אַמאָל האַלטן מחנות ריין-בלוטיקע אָקסן פאַר דער געגנט אַרום — זיי ווילן דאָסזעלביקע עסק איצט באַנייען: זיי האָבן צופיל ענערגיע אין זייערע אָדערן און צופיל דראַנג נאָך טעטיקייט אין זייער האַסטיק-פלייצנדיק בלוט; —

דעמאָלט רינגלט מיך אַרום דאָס יונגוואַרג פונם ישוב, — דערהויפּט נאָכדעם ווי זיי דערוויסן זיך — אַגראָנאָם פייגין האָט מיך פאַרראַטן — אַז איך בין אַ „יידישער שריי־בער".

זיי פירן מיך אַוועק אין אַ זייטיקן, אַ היפּשן בנין, וואו זיי האָבן איינגעאָרדנט אַ קליין טעאַטערל; זיי גיבן דאָרט פון צייט צו צייט, אין אַ יום־טוב־טאָג, אַמאַטאָרישע פאָרשטעלונגען פאַרן קאָלאָניסטן־עולם. דאָס קליינע בימהלע — אַ מין וועראַנדע פון אַן אַלט פּריציש הויז — איז פונקט אַנטקעגן אַ פּרעכטיקן אויסזיכט פון טאָלן און בערגלעך, וואָס ציען זיך ביזן סאַמע האָריזאָנט. אַ קליין וועלדל פון הויכע ליפּעס גלייך דערלעבן — דאָ געפינט זיך עס דער עולם בשעת דער פאָרשטעלונג

און אַ קלוב האָבן זיי אַן אייגענעם, די ווענט זענען באַהאָנ־גען מיט פּלאַקאַטן און וואַנט־צייטונגען — זיי וואָלטן אוודאי געוואָלט האָבן אמתע צייטונגען און, דערעיקרשט, ביכער, נאָר, —

— וואו זאָלן זיי נעמען געלט...

נאָר אויב קיין געלט האָבן זיי נישט, האָבן זיי דערפאַר זיי־ער אַ סך אַמביציע. זיי דערקלערן מיר מיט שטאָלץ, אַז זיי — די פאַרייניקטע אַרטעלן „נייע ערא" און „נייע עפּאָכע" — גייען אָנ־טייל נעמען אינם קאָנקורס, וואָס די ערד־פאַרוואַלטונג פונם ראַיאָן האָט דערקלערט פאַר אַלע אַרומיקע ישובים, — וועלכער ישוב וועט פאַרן קומענדיקן יאָר אָנגרייטן מער „שוואַרצן פּאַר"...

— אָ, זיי זענען זיכער — זיי וועלן געוויס געווינען אינם דאָזיקן קאָנקורס...

דידאָזיקע ביידע אַרטעלן ציילן צוזאַמען, דאַכט זיך, אַ פינפ־ציק משפחות. נאָר צווישן זיי איז אויך דאָ אַ גרופּע „אינדיווידו־אַליסטן" — אַזוי ווערן אָנגערופן אַט יענע איבערוואַנדערער, וועל־

כּע זענען געקומען אַהער „אַליין", האָבן זיך אַ פריער אינדערהיים, אין דער אָרטיקער אָפּטיילונג פון „קאָמזעט", נישט פאַררעגיסטרירט, און געקומען אַהער, הייסט עס, נישט־לעגאַל... גיט מען זיי אַ נאָמען דערפאַר: „אינדיווידואַליסטן".

פאַרשטייט זיך: אָט־די־אָ, אויף וויפיל פאַר זיי זענען קיין שום פאַרבּרייטונגען און צוגרייטונגען נישט געמאַכט געוואָרן, האָבן אַ היפּש ביסל אויסצושטיין — קיין וואוינונגס־אָרט פאַר זיי נישטאָ — וואוינען זיי אין שטאַלן, ווערן אַ פּאָר קינדער קראַנק... פאַלן אייניקע אַוועק...

— נאָר — פונדעסטוועגן — קיינער פון זיי טראַכט אפילו נישט צוריקפאָרן. געפינען זיך צווישן זיי אויך צוויי פרויען — אַליין, — אָן קיינעם. באַווייזן זיי אַ סך צו דערציילן מיר, מיט אַ שמייכל — ווען איך זיץ שוין ווידער אין מאַשין, וואָס קרעכצט און סאָפּעט אונטער אונז, — אַז זיי פּלאַנעווען צו פאַרפלאַנצן דאָ אויף זייער ערד גרויסע ווייַנגערטנער...

דאָ, ווי כמעט אין אַלע קאָלאָניעס פון אָדעסער געגנט, ליידט מען איצט, שוין דאָס צווייטע יאָר, פון טריקעניש און אומגערעטעניש. דעריבער דאַרף מען אַ סך אַרבּעטן: וואו ס'לאָזט זיך — אַליין באַגיסן, באַוואַסערן. מיט די אייגענע הענט ברענגען דאָס וואַסער. קיין קינסטלעכע אוריגאַציע איז נאָך דערוויייל נישטאָ.

און אָט זעען מיר, אַז אונזער אויטאָמאָביל הייבּט זיך אויף זיין ווייטערדיקן וועג איבּער אַ ברייטן שאָסיי אַרויף אַ באַרג, — אַ רייע פעלדער, באַגאָסענע מיטן רויטלעכן ליכט פון אַ זון, וואָס האַלט זיך שוין באַלד אין זעצן. און פון די היפּשע פעלדער אויף ביידע זייטן שליאַך וואַקסן אַרויס, אויף שטעקנס, היפּשע גאָלדענע רעדלעך: די גרויסע בלומען פון די רויזן־קערלעך (פּאָדסאָלנעשניק). און צווישן אָט דעם נידעריקן וועלדל פון גאָלדענע רעדלעך איילן איצט אַרום צוויי מענטשן, אַן עלטערער מאַן און אַ ייִנגל: אַ טאַ־

טע מיט זיין זון. זיין איילן אַרום און שעפּן אָן עמערס וואַסער — פֿון אַ פאַס וואָס שטייט אינמיטן פעלד — זיי באַגיסן די לאַנגע בייטן אויפן באַרג־שפּוע, וואָס ליגן איצט איבער פאַרנאַכט, — רייך באַגאָסן מיט רויטן ליכט.

V

אַרטעל „טרוד“

דאָס פּנים פון סטעפּ האַלט זיך אין בייטן, וואָס מער מײַלן אונזער אויטאָמאָביל זופּט אַריין אין זיך.

מיר דערווייטערן זיך אַלץ מער פון די ברעגן פונם שוואַרצן ים, טיפער אין לאַנד אַריין.

דאָס פּנים פונם סטעפּ איז שוין נישט מער פלאַטשיק און איינטאָניק, ווי פריער — עס קריגט מער אויסדרוק, מער לעבן, אַ קליינע באַרג־קייט, ווי אַן אויפגעשוואָלענער אָדער פונם סטעפּ, הייבט זיך דאָ אויף. פון אירע הויכן אַנטפּלעקן זיך אַלע ווײַלע נײַע בילדער, נײַע אויסזיכטן; ס'איז אַ געגנט, וואָס דערמאָנט אַ ביסל — אַ ביסל בלויז — אין אוקראַינע, אין דער אמתער אוקראַינע, אין פּאָדאָליער גובערניע, ערגעץ אַרום דעם טײַך בוג.

עס שמעקט שוין שטאַרק מיט פּאַרנאַכט און מיט פײַכטקייט, ווען מיר דערנענטערן זיך צום אַרטעל „טרוד“.

מיר שנײַדן דורך עפּעס אַ דאָרף — אַן אַלטגעזעסן פויעריש דאָרף מיט ווײַסע הײַזלעך, מיט ליפּע־ביימער, געפלאַנצטע בײַ די זײַטן גאַס, מיט קלאָרע שײַבלעך, וואָס שפּיגלען נאָך אָפּ לעצטע צעפלאַמטע פּאַסן פון פאַרגייענדיקער זון. קענטיק, אַז דאָ געפינט זיך נישט דער אַרטעל...

נאָר אָט שפּרינגט אַריבער אונזער מאַשין איבער אַ בריקל, און מיר פאָרן באַלד איבער אַ ברייטן וועג, וואָס פון איין זייט זיינעם ציט אַ היפּשע פּריש פּייכטע לעוואַדע; פון דער צווייטער זייט — אַ נאָכאַנאַנדיקער באַרג-שפּוע פון אַ נייעם באַרג-קייטל, וואָס ציט זיך ערגעץ אַוועק ווייט-ווייט. אויפן דאָזיקן באַרג-שפּוע פּאַשען זיך איצט היפּשע סטאַדעס שעפּסן. פונדערווייטנס — אַז זיי רוען שטיל, און איידער דאָס גערויש פונם אויטאָמאָביל דערשרעקט זיי און שיט זיי פונאַנדער — קוקן זיי אויס, די סטאַדעס שעפּסן, ווי קליינע וועלדלעך פון גרויע קוסטעס, וואָס זענען צעשיט איבערן באַרג-שפּוע. און מיטאַמאָל — מאָדנע: דיביימעלעך פון וועלדל הייבן אָן לויפן, שיטן זיך פונאַנדער...

אָט דאָ, אין אַרטעל „טרוד“, דערשמעק איך ערשט דאָס „נייע“ — די נייע ערד, דאָס נייע לעבן... ווידער דערזע איך די „גאַראַסעס“ מיט אַ ביסל פאַרטריקנטער בלאָטע, מיט בינטלעך שטרוי צעשפּרייט אַרום, מיט קליינע קופּקעס אָנגעהויפטן געטריקנטן לאַמפּאַטש. — ווידער — נישט קיין פאַרענדיקטע הייזלעך, וואָס וואַרטן נאָך אויף דעכער, אויף טירן, אויף ווענט.

צוויי אַרטעלן געפינען זיך דאָ — אַרטעל „טרוד“ און אַרטעל „צוקונפט“. אָבער דער מענטשן-מאַטעריאַל פון ביידע אַרטעלן קומט פון דערזעלביקער געגנט אין אוקראַינע, פונוואַנען עס שטאַמט אויך אַרויס דער עולם פון העטמאַנצי. און פּונקט ווי יענער עולם, זענען זיי אויך דאָ געזונטע, רויט-פּנימדיקע און רויט-קאַרקיקע. דאָס נייע יידישע דאָרף בויען ביידע אַרטעלן צוזאַמען, נאָר ביזוואַנען די כאַטקעס וועלן פאַרטיק ווערן, וואוינען זיי דערווייל אין שכנות בא די פויערים פונם אַלטן דאָרף, אויף יענער זייט פון דער לעוואַדע, וועלכע מיר זענען אַקאָרשט דורכגעפאָרן.

אָט די-אָ איבערוואַנדערער דאָ זענען, אפנים, באַדייטנדיק אַ רייכערער עלעמענט, ווי אין דער קאָלאָניע „ניי-וועלט“: זיי אַרבעטן נישט דורכויס אַליין, מיט אייגענע כוחות, באַם בויען פון זייערע הייזלעך. זיי באַנוצן אויך געדונגענע אַרבעטער, געניטערע פויערים פון אַ שכנישן דאָרף.

עטלעכע איבערוואַנדערער רינגלען אַרום דעם אַגראָנאָם און באַקלאָגן זיך פאַר אים אויף דעם, וואָס ס'איז שוין פאַר מיר קיין נייעס נישט מער: אויף דער אומגערעטעניש... נישט אויפגעגאַנגענע פעלדער ווערן איבערגעאַקערטע אויף שוואַרצן פאַר אָדער גאָר אויף פּאַפּשויע (קוקורוזע): די לעצטע דאַרף האָבן אַ סך ווייניקער וואַסער, ווי ווייץ אָדער קאָרן.

אַ רייטער אויף אַ פערד האָט זיך געלאָזט יאָגן איבער דער לעוואַדע, צום האָריזאָנט־צו — און איז באַלד פאַרשוואונדן געוואָרן אויף יענער זייט רויטלעך־גליִענדיקן פּאַס פון פאַרגייענדיקער זון, ווי אין אַ ווייטער, פייערלעך־גליִענדיקער וועלט אַריין. אפנים, אַז אויף יענער זייט האָריזאָנט מוזן זיך געפינען נאָך איבערוואַנדערער — איך ווייס נישט, וואָס זיי טוען איצט דאָרט, אויף יענער זייט האָריזאָנט, אַזוי שפּעט. די פעלדער, די ערד זייערע, געפינט זיך דאָך צעשפּרייט דאָ, רינג־אַרום דער לעוואַדע, — אַזאַ פייכטע, אַזאַ גרינע און אַזאַ שמעקנדיקע.

נאָר ס'נעמט נישט לאַנג אײַן פון יענער זייט האָריזאָנט שווימען באַלד אַרויס אַ גאַנצע צאָל רייטער — אַ גאַנצע קאַוואַלקאַדע לאָזט זיך יאָגן קעגן בלייכן הימל, — אַ מחנה יאָגנדיקע טונקעלע פלעקן קעגן בלייך־בלויען אָונטיקן הימל.

אַז זיי קומען צו נעענטער צו אונז, זע איך די פּנימער פון די רייטער, — זיי זענען ברוין; און די פערד אונטער זיי גלאַנצן מיט גבורה, מיט שטייפקייט.

דעמאָלט לאָזן מיר זיך אַלע צוריק צום בריקל, צום פריערישן אַלטגעזעסענעם דאָרף, וואו עס וואוינען צייטווייליק די איבערוואַנדערער. ווער צו־פוס, ווער אין אויטאָמאָביל, און ווער רייטנדיק. עס פאַרפירט זיך אַ וואַרעמער שמועס. און צו מיינע אויערן דערטראָגן זיך מחיהדיק אַזוינע טשעקאַווע ווערטער, וועלכע כ'האָב נאָך קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געהערט:

— אַ קערניצע... אַ קאָפּענקע... אַ פּלאַווניע...

אַזיפן וועג שליסן זיך אָן אין אונזער „פּראָצעסיע" איי-

ניקע אָרטיקע פויערים, וועלכע זענען דאָ געשטאַנען אין אַ ריעדל. זיי זענען שוין דאָ, אַפּנים, פון לאַנג געשטאַנען, געקראַצט זיך אומגעדולדיק אין די פּאַטילניצעס און געוואַרט אויפן אַגראָנאָם.

— זיי ווילן אויסגעפינען, אויב זיי קענען פון אים קריגן הילף — פאַרוואָס זאָלן זיי אויך נישט קריגן קיין הילף? זיי זענען דאָך עפּעס אויך פויערים!...

נאָר דער אַגראָנאָם דערקלערט זיי, ווען וואָס דאָ האַנדלט זיך, און פונוואַנען די הילף נעמט זיך, ער גיט זיי אָן דעם אַדרעס פון דער קרייזישער אַגראַר-באַנק, וואוהין ער ראַט זיי זיך ווענדן נאָך קרעדיט, ווי באַלד זיי נייטיקן זיך.

און באַלד — קיינער איז אפילו נישט געגאַנגען עסן קיין וועטשערע, אָדער אָפּרוען זיך נאָכן שווערן אַרבעטסטאָג — באַלד זענען מיר זיך אַלע צונויפגעקומען אין איינעם אַ פויעריש הייזל מיט אַ נידעריקער סטעליע; אַ הייזל וואו ס'איז געווען זייער הייס, נישט געקוקט אויפן קילן אָוונט, און וואו עס האָבן אויסגעפעלט בענקלעך צום זיצן. איינער אַן איבערוואַנדערער האָט עס אָפּגעדונגען דערווייל באַ אַ פויער, ביזוואַנען זיין אייגענע כאַטקע וועט פאַרטיק ווערן.

און גלייך האָט זיך אָנגעהויבן אויף היפּשע עטלעכע שעה אַ סדרה פון „ראָזוויאָרסטקעס" — פון פונאַנדערטיילן יעדן זיין חלק געלט, לויט דער בוי-סמעטע.

און ערשט דאָ האָב איך דערזעען דעם אמתן גייסט פון אייניקייט, דעם גייסט פון איינעם פאַר אַלע און אַלע פאַר איינעם, דעם גייסט פון קאָלעקטיוויזם.

פאַר יעדן אַרטעל, פאַר יעדן ישוב, האָט דער אַגראָנאָם אַ באַשטימטע אויסגעטיילטע סומע געלט, וועלכע ער קען נישט העכערן אפילו מיט קיין איין קאָפּיקע; זיך רעכענענדיק מיט די פאַראַנענע געלטער, האָט דער קאָמיטעט אין אָדעס באַשטימט אַזוי פיל פאַר יעדן ישוב, און נישט מער.

דידאָזיקע סומע ווערט אָבער נישט פונאַנדערגעטיילט צווישן

די איבערוואַנדערער דורכויס גלייך — איינער קריגט מער, און
איינער קריגט אַ ביסל ווייניקער: עס ווענדט זיך, ווער ס'נויטיקט
זיך אין אַ גרעסערן חלק געלט אויף צו פאַרענדיקן זיין כאַטקע;
עס ווענדט זיך, ווי ווייט איינער האַלט שוין מיטן אויפשטעלן
זיין הייזל.

און אַט דאָס אַלץ ווערט איצט באַשפּראָכן — יעדן א י י=
נ ע מ ס פאַל ווערט דורך אַ ל ע מ ע ן באַשפּראָכן, אין אַלעמענס
אַנוועזנהייט; אַלע באַשליסן אויפן אָרט, וויפיל געלט — אַ מיני=
מום געוויינטלעך — מען דאַרף פון דער אַלגעמיינער שיסל אַסיג=
נירן פאַר יעדן פאַל, וואָס ווערט איצט פאָרגעבראַכט. דער פאַר=
אינטערעסירטער „צד" וואַרפט בלויז פון צייט צו צייט אַריין אַ
וואָרט, — אָבער אויך נישט מער ווי אַ זייטיקער...

אייניקע מיטגלידער פונם אַרטעל זענען נישטאָ איצט אין
דאָרף; אַוועקגעפאָרן צוליב עפּעס אַן ענין פון זייער ווירטשאַפט
קיין אָדעס. זייער „פאַל" ווערט באַטראַכט דורך אַלעמען, פונקט ווי
ווען זיי אַליין וואָלטן דאָ דערביי געווען; קיינער וואָלט נישט
דערלאָזט, מען זאָל זיי אונטער די אויגן קריוודען.

איינער פאַר אַלעמען און אַלע פאַר איינעם...

ס'איז שוין געווען גאָר שפּעט אינדערנאַכט, ווען דער עולם
איבערוואַנדערער איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען, מיט גרינגערע גע=
מיטער און לייכטערע הערצער. כ..טש טראָגן האָט איצט יע=
דערער געטראָגן בײַ זיך אין קעשענע דווקא עפּעס זייער
שווערס:

— אַ דאַך... אַ טיר... עטלעכע פענצטער...

אונז האָט מען אָפּגעקאָכט אַ גרויסן טאָפּ קרעפּלעך פאַרי=
וע... די באַלעבאָסטע האָט אונז געוואָלט מכבד זיין מיטן סאַמע
יום=טובדיקסטן מאכל, וואָס זי האָט נאָר געקענט אויסטראַכטן, גאָר
נאָך די ערשטע עטלעכע פאַרעווע שטיקלעך טייג, וואָס מיר האָבן

אומזיסט געפרוווט אַרונטערשלינגען. האָבן מיר, מיט אויגן וואָס האָבן זיך געקלעפּט פון שלאָף, געפרעגט:

— אפשר קענען מיר זיך בעסער צולייגן?... כאָטש א דרימל?...

און דערנאָך האָבן מיר זיך געדאַרפט שטאַרק דינגען מיט דער באַלעבאָסטע, זי זאָל אונז לאָזן איר כאָטש באַצאָלן פאַר דער דאָזיקער אומזיסט־אָנגעקאָכטער גרויסער שיסל קרעפּלעך. מיר האָבן דאָך גוט געזעען, ווי אפילו דאָס ביסל נייטיקע מעל פאַר דעם האָט זי דאָך געדאַרפט ערגעץ שיקן קויפן: מער ווי וואסער און זאַלץ האָט זי, ווייזט אויס, פון איר אייגנס נישט געהאַט וואָס בייצו־שטייערן.

און דערנאָך האָט מען אונז דורך אַ שטערנדיקער און קילער נאַכט געפירט צו עמעצן אויף נאַכטלעגער.

די נאַכט איז געווען קיל, ווייל שוין שפּעט; און פון דער נאַסער לעוואַדע אַרום דעם דאָרף האָט נאָך שטאַרקער געצויגן איצט די קילע פייכטקייט. נאָר אינם נידעריקן פויערים־שטיבל, וואוהין מען האָט אונז אַריינגעפירט, איז געווען פונדעסטוועגן זייער דושנע. מיר האָבן קוים געקענט איינרעדן דעם פויער באַלעבאָס, ער זאָל אונז דערלויבן עפענען אויף דער נאַכט די קליינע קינדערישע קעסטעלעך פון פענצטער.

— ווי... — האָט ער אונז אָנגעקוקט אָט ווי משוגעים, און אָט ווי פאַרשטעלטע גנבים. — שלאָפן מיט אָפענע פענצטער?... באַנאַכט?

אויסגעמאַטערטע פונם לאַנגן זומערדיקן טאָג אַרומפאָרן, האָבן מיר זיך אין דער דושנעקייט אַ לאַנגע צייט געוואָרפן אויפן גע־לעגער, געוואָרפן זיך אומרויִק פון זייט אויף זייט. — ס'איז שווער געווען פעסטצושטעלן, אויף וועלכער זייט איז ערגער צו שלאָפן... און אַז דער גוף דער אויסגעמאַטערטער האָט ענדלעך בא זיך „אָפּ־געמאַכט" אויף איינער אַ זייט. אויף וועלכער ס'וואָלט געווען, דאַכט זיך, אַ ביסל באַקוועמער איינצושלאָפן, — האָט מיך שוין אגראַנאַם פייגין אָנגעהויבן טורקען אין פּלייצע:

— שטייט אויף, איר, פוילער אַמעריקאַנער איינער... ס׳טאָגט שוין באַלד... איר הערט נישט. ווי די הענער צע־רייסן זיך שוין קרייענדיק? שטייט אויף, פעפער איינער... ווי נאָר ס׳ווערט ליכטיק — לאָזן מיר זיך ווידער אין וועג אַריין.

VI

„נייער מאָרגנשטערן"

מײַן מאָרגנשטערן זענען מיר טאַקע אויך אַרויסגעפֿאָרן.

אָבער די קאָלאָניע „נייער מאָרגנשטערן", אין וועלכער מיר פֿאָרן איצט, איז, אפֿנים, זייער אַ בלייכער מאָרגנשטערן... איר קעגנוואַרט און איר באַענטסטע צוקונפֿט זענען גאָרנישט אַזוי בשורהדיק און פֿולן גאָרנישט אַזוי אָן דאָס האַרץ מיט מאָרגנשטערנדיקער פֿרייד און מיט מאָרגנשטערנדיקן צוזאָג.

דער אַגראָנאָם גרייט מיך צו אויף־פֿריער. ער האָט, ווי איך זע, אַלערליי ישובֿים, און אַ באַזונדערע באַציִונג צו יעדן פֿון זיי — ווי אַ פֿאָטער צו זײַנע אייגענע קינדער: אײַנגעגעבענע און ווייניקער אײַנגעגעבענע...

און שווער צו זאָגן — פֿאַרוואָס בלויזער צופֿאַל? ניין, נישט צופֿאַל.

עס טרעפֿט: דער מענטשן־מאַטעריאַל אין אַ געוויסן פּונקט קלייבט זיך צונויף נישט קיין האַרמאָנישער, אָדער סתּם נישט קיין געראָטענער... ווייסט דען אַ פֿאָטער, פֿאַרוואָס צווישן אייניקע קינדער שפּרינגט פּלוצלינג אַרויס איינס אַ נישט־געראָטענס? דעם טאַטנס כּוונות זענען דאָך אַלע מאָל גוטע.

— און אפֿשר — אפֿשר איז דאָ עפּעס אין סאַמע אָנהייב

געווען נישט ווי ס'באַדאַרף צו זיין?... די קאָלאָניע איז, אַזוי צו זאָגן, לכתחילה נישט „פאַרנומען" געוואָרן אין אַ געזונטן צושטאַנד? יאָ, מסתמא איז עס אַזוי...

נאָך דער רייכער, פאַרשידנפאַרביקער און פאַרשידנפּנימדיקער געגנט, וואָס מיר זענען נעכטן דורכגעפאָרן, ווערט אַפילו די געגנט אַרום איצט אויך עפּעס אַזויווי אָרעמער. ווידער, — איינטאָניקער סטעפּ, סטעפּ, און סטעפּ... און די פעלדער אויף ביידע זייטן, — עפּעס זעט מען נישט אויף זיי דאָס זיך־כוואַליענדיקע צעפלאָסענע גאָלד פון רייף־ווערנדיקער תבואה אין ווייענדיקן ווינט...

אַגראָנאָם פייגין פירט מיט אויגן איבער די פעלדער, וועלכע מיר פאָרן פאַרביי. ער שאָקלט אומצופרידן מיטן קאָפּ.

— נישט געראָטן... אָפּגעברענטע פעלדער...

— ווי תמיד: צו שלימזלניקעס שלעפּט זיך עס ערשט...

געפינען, געפינט זיך די קאָלאָניע „גייער מאָרגנשטערן" דווקא לעבן אַן אייזנבאַן־סטאַנציע — אַ גרויסער פּליוס אין דער צוקונפטיקער קאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון אַ קאָלאָניע; זייער ווייניק פון די איבערוואַנדערער־פונקטן, וואָס איך האָב באַזוכט, געפינען זיך האַרט לעבן אַן אייזנבאַן־ליניע. נאָר — וואָס קומט דערפון אַרויס? אַז עפּעס גייט אַלץ דאָ קידער־ווידער... אומדערפאַרנקייט? די אַלגעמיינע נישט־גערעטעניש פונעם היגן קאַנט?

נאָר אַט זעען מיר דאָך, ווי אַ סך פון די נייע איבערוואַנדערישע הייזלעך, נישט ווייט פון דער סטאַנציע, זענען שוין דווקא פאַרטיק. דער עולם, וואָס האָט דערווייל נישט וואָס צו טון אויף די פעלדער, פאַרעט זיך און מיט זיך זייער פלייסיק לעבן די צוקונפטיקע היימען. מען פאַרפלאַנצט פרישינקע, יונגע ביימעלעך און גערטנדלעך פאַרנט פון די הייזער; אַפילו פאַרנט פון הייזלעך, וועלכע זענען נאָך ווייט־ווייט נישט פאַרטיק; הייזלעך — גופים

בלויז, אַן הענט און פיס, אַן טירן־פענצטער — פאַרפלאָנצט מען שוין דאָ פאַליסאַדניקעס... ווייל דאָס קען מען דאָך טון אפילו בלויז מיטן אייגענעם „קאַפּיטאַל" — מיט האַרעוואַניע און מי, מיטן שוויס פון פנים: קיין געלט דאַרף מען אויף דעם נישט, ווי אויף אַ דאַך, אָדער אַ פּערד, אָדער אויף טירן־פענצטער.

און באַלד — ווידער די זעלבע סצענע וואָס אומעטום: אין אַן ענג צימערל, — פון עפּעס אַ גרויסער אַלטער שאַפע: דער ווייל וואוינען נאָך דאָ אַלע איבערוואַנדערע־ אין צייטווייליקע געדונגענע וואוינונגען פון עפּעס אַלטע און גרויסע בנינים אַזעלכע, וואָס רינגלען אַרום אַ ריזיקן, אוודאי אַן אַלט־פּריצישן הויף — אין אַן ענג צימערל ברענגט מען צו טראָגן דעם אבן־טוב: טינט־און־פע־דער... באַ דער טיר — אַן עלטערער קאָלאָניסט אויף דער וואַך... פון דרויסן, הינטער די פענצטער, שפּאַרט זיך אַן עולם מענער און ווייבער, ווי אַרום אַ גוטן־יידס הויז:

— יעדער וואַרט אויף אַ גוט קוויטל... אויף זיין חלק...

אַ מורמלעניש, אַ טענהניש. . און איגעווייניק, אין ענגן חדרל, באַ פּאַפּירן, באַ סמעטעס, באַ „ראַזוויאַרסטקעס", חשבונט דער אַגראָנאָם מיט יעדן איינעם פון די קאָלאָניסטן, וואָס קומען צו אים אַריין איינציקווייז — ער טיילט זיי אויס דאָס חלק געלט. און מיר דאַכט זיך, אַז זיין פּנים האָט דערביי אַן אומצופרידענע מינע.

— ווי אין אַ לעכערדיקן זאַק אַריין...

אָט פּונקט ווי אַ פאָטער, וועלכער גיט טאַקע ווידער דעם נישט געראָטענעם קינד זיינעם געלט — אָבער ער איז זי־כער:

— ער וועט עס צעטרענצלען, דער שלימזל... ער וועט עס צעפּטרן — אויף גאָרנישט.

און אינדרויסן, אויפן הויף, זידלט דער שאָפער אונזערער די קאָלאָניסטן גאָר געשמאַק... אונזער שאָפער — דער באַשטענ־דיקער שאָפער פון „אָרט", וועלכער מאַכט נאָכאַנאַנד אַלע רייזעס

מיטן אַגראָנאָם. זעט אַלץ צו און הערט זיך צו צו אַלץ — ער ווייסט שוין באַלד דעם כאַראַקטער פון יעדער קאָלאָניע אַזוי גוט, ווי דער אַגראָנאָם אַליין, מער נישט — ער האָט אַ ביסל אַ שאַרפערן טעמפּעראַמענט און אַ ביטערערע צונג, איידער דער אַגראָנאָם. אַליין אַ שווער־האָרעווענדיקער, אַ פאַרברוינטער און אַ מוסקוליסטישער יונג, מוסרט דער שאָפער דעם קאָלאָניסטישן עולם אויפן הויף:

— ארומיקע פויערים האָקן אַליין שטיין... ארומיקע פויערטעס קאַלכן אַליין אויס די הייזלעך זייערע... זיי טרעטן מיט די אייגענע פיס די „גאראסעס"... און וואָס דענקט איר דאָ, — איר וועט דאָ זיצן די גאַנצע צייט אויף „סאָציאַלער פאַרזיכערונג"?

דאָס זאָגט ער, אפנים, אַלץ אַנטקעגן דעם, וואָס אייניקע היגע ווייבער, געוועזענע נגידהטעס און קליינשטעטלדיקע באַלעבאָסטעס, פּיעשטשען זיך אַ ביסל צו שטאַרק, — זיי בריקעווען זיך, וואָס די אַרבעט דאָ איז צו שווער...

היינט אינדערפרי, אַ שטייגער, זענען מיר דאָ פונקט אָנגעקומען אויף אַ געשלעג, אויף אַ פאַמיליען־סצענע: היסטערישע וויינענדיקע קולות פון אַ פרוי האָבן דורכגעשטאָכן דעם גאַנצן אַרום, אויפן הויף זענען געשטאַנען רעדלעך און האָבן ברייט אַרומגערעדט דאָס געשלעג. — דאָס האָט אַ קאָלאָניסט געפּאַטשט זיין ווייב.

מען דערציילט מיר, אַז דאָס איז בא אים, באַם דאָזיקן ענערגישן איבערוואַנדערער, הס־ושלום, נישט קיין שטימונגס־זאַך, נאָר ער טוט עס זייער אָפט — פּעריאָדיש, הייסט עס, און מיט אַ געוויסן סיסטעם. און די הויפּט־סיבה פונם נאָכאַנאַנדיקן שטער אינם שלום־בית זייערן זאָל עס זיין דאָס, וואָס דאָס ווייב זיינס מאַכט אים די גאַנצע צייט דעם טויט — רק זי וויל, מען זאָל זיך אומקערן צוריק...

— וואָס דען? נישט צוליב אַזאַ לעבן האָט זי מיט אים חתונה געהאַט...

דאָסדאָזיקע פֿאַר־פֿאַלק זעען מיך אָבער נישט — זיי שעמען זיך, קענטיק, איצט פֿאַר אונדז צו באַווייזן. נאָר די רעדלעך אַרום באַשמועסן מיט הנאה דעמדאָזיקן פֿאַל — די מענער פֿאַרטיידיקן אים; די ווייבער — זי... אָבער פֿונדעסטוועגן — נישט אַלע פֿרויען אַפֿילו נעמען זיך שטאַרק אָן פֿאַר איר. די צעבליטע און יאָדערדיקע איבערוואַנדערער־מיידלעך זענען געשטימט קעגן איר, דער צעפּיעשטשעטער באַלעבאָסטע.

— אָט דאָס הייסט בײַ אײַך אַ „כליעבאָראָב", האַ? — פֿרעגן ווייבלעך מיט אויפֿגעבראַכטקייט און כּעס.

— יאָ, אוודאי... — רייצן זיך מיט זיי די מיידלעך. — אָט דאָס הייסט בײַ אונדז אַ „כליעבאָראָב"!... — ענטפֿערן זיי מיט רויִקע, קאַלטע שמייכלען.

דער אַגראָנאָם איז פֿאַרטיק געוואָרן. מען גיט אונדז אַזאַ מין צוזיִרעך, אַ שעפּסן־קעז... ער איז שרעקלעך געזאַלצן, איידער מען קומט צו צו זיין „צענטער" — צום האַרץ פֿונעם קעז. פֿון אַ זייַטיקער וואוינונג דערטראָגט זיך צו מיינע הונגעריקע נאָזלעכער דער געשמאַקער ריח פֿון פֿריש געבעקס, וואָס מען באַקט איצט דאָרט. הייַנט איז — ערב־שבת.

אין אַ זייט, אויף אַ היפּשן קופֿערט, זיצט אַ מיידל און לייענט עפּעס אַ צעפּליקט ביכל מיט געלע בלעטער און נקודות — אַן אַמעריקאַנישע אויסגאַבע אוודאי — הערמאַלינס אַ ביכל, טראַכט איך מיר. אַ „באַאַרבעטונג" פֿון שעקספּיר צי פֿון זאָלאַ... נאָר אַז איך בעט באַם מיידל, זי זאָל אַזוי גוט זיין און מיך לאָזן אַ קוק טון אויפֿן ביכל, זע איך, אַז דאָס איז גאָר מענדעלעס „אַנטדעקונג פֿון וואָלין", אמת, אַן אַמעריקאַנישע אויסגאַבע — „היברו פּאַבלישונג".

איך בלעטער עס דורך; לויף אַדורך מיט די אויגן מענדעלעס ביכל, וואו ער רעדט מיט באַגייסטערונג וועגן וו אָ ל י ן, —

ווי מען פלעגט אַמאָל רופן, אין דער ליטע, גאַנץ אוקראַינע און בעסאַראַביע — דאָס ניי־אַנטדעקטע און רייכע לאַנד, מיט דער פרוכטבאַרער ערד און רייכן לעבן, וואוהין עס האָבן זיך געלאָזט וואַנדערן מחנות אָרעמע יידן פון די אויסגעהונגערטע און אויסגעמאַרעטע געגנטן פון דער „ליטע", — דאָס הייסט פון ווייסרוסלאַנד.

און עס ציטערט מיר אויף דאָס האַרץ באַם לייענען די דאָזיקע האָפעדיקע שורות — שורות קלינגענדיקע מיט האָפנונג, וואַנדער און בטחון, ווי מעגדעלע דערציילט וועגן דער געוואַלטיקער צערודערונג, וואָס די נייעס וועגן דער „אַנטדעקונג פון וואָלין" האָט אַרויסגערופן אין די געמיינדעס פון די קבצנים און אָרעמע־לייט אין דער ליטע; וועגן דעם פייער פון אויפגעוועקטער האָפנונג און גלויבן, וואָס האָט זיך דעמאָלט אַ צינד אָן געטון אין טויזנטער הערצער, אין טויזנטער אויגן.

אַ היפש ביסל פון די קאָלאָניסטן דאָ זענען געלאָפן צוהער זיך ראַטעווען פונעם איצט שוין פאַראָרעמטן, דורך פּאָגראָמען און בירגער־קריגן, וואָלין, מיט כוחות יונגע און פריש־אויפקוואַלנדיקע, מיט ווידער־אויפגעשפּראָצטער מונטערקייט און גלויבן, וואָס זענען שוין אַליין דאָס גרעסטע וואונדער אין דער וועלט — האָבן די דאָזיקע שוין־געוועזענע־איינגעוואָרצלטע וואָלינער יידן זיך געלאָזט ווידער וואַנדערן אַהער, אין סטעפּ, האָבן זיך מיט גלויבן אוועקגעשטעלט דאָ באַ דער שוועל פון אַ ניי אומבאַקאַנט לעבן.

אין פאַרוואָס־זשע האָט ער מיך איצט, טאַקע אין אָט דער זעלביקער מינוט, פּלוצלינג אַ שטאָך געטון מיין פאַרשאָלטענער „היסטאָרישער זכרון"?... פאַרוואָס־זשע קומט ער, אָט דער פאַרשאָלטענער, תמיד אַזוי אומדערוואַרט און אומגעבעטן, טריפט אַריין סם אינעם לויטערן כוס פון מיין ליכטיקער פרייד?... און פאַרוואָס, אַ פאַרוואָס, דאַרף ער עס מיך, אָט דער דאָזיקער פאַרשאָלטענער „היסטאָרישער זכרון", וואָס הענגט זיך נאָך און שלעפּט זיך נאָך מיר נאָך די גאַנצע צייט, — אַן אומצעשיידבאַרער שאָטן — מיך פּלוצלינג אַ קילן אַזאַ און אַ ספקדיקן פרעג טון:

— איז דאָס — שוין? איז דאָס — אַלץ? איז דאָס — אַ לעצטע סטאַציע? אָדער עס וועט נאָך זיין אַ „ווייטערע"?

— פאַרשאָלטענער דו... גוט איז נאָך, איך דאַרף דיר אַך נאָך מסתמא דאַנקען דערפאַר, וואָס דו פרעגסט מיך נישט — „ווען" און „ווי באַלד"...

VII

ברײדער-קריג

(קאָלאָניע צעבריקאָווא)

אָנגעקומען זענען מיר אין קאָלאָניע צעבריקע (צעבריקאָווא) אין סאַמע מיטן פון אַ בירגער-קריג, וואָס האָט זיך דאָ פונאַנדער-געפלאַקערט צווישן די איבערוואַנדערער.

צעבריקע איז אַן אַלטע דײַטשע קאָלאָניע. און אַז מיר דער-נענטערן זיך צו איר אין אײנעם אַ פאַרנאַכט, פון איבער אַ בערגל, אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז — פאַר מיר אַלנפאַלס — ווי אַן אומ-דערוואַרטעטע מתנה, ווי אַ סטעפּ-וואונדער:

זײער אַ לאַנגע און זײער אַ ברײטע גאַס. אויף בײדע זײַטן — היפּשע הײַזער, וואָס מען זעט ערגעץ נישט דאָ אַרום, וואָס מען קען בשום אופן נישט טרעפן אין קײן שום רוסיש דאָרף. הײַזער געמויערטע און געראַמע, געקאַלכטע ווײַס און בלוי, מיט גרויסע ליכטיקע פענצטער. אַרום יעדן הויז — פּלויטן פון שטײנער, וואָס ווערן, דאַכט זיך, אַלע ווײַלע פריש אָפּגעקאַלכט אין בלויער פאַרב. טויערן פאַר הײַזער און הויפן — זענען אויך אויסגעלײגט פון היפּ-שע געקאַלכטע שטײנער. פאַר די טויערן — פאַרשידענע געאָמעט-ריש-אויסגעלײגטע שײנע אוזאָרן און פיגורן, — געקליבענע שטײנ-דלעך, פילפאַרביק געפאַרבט.

אַט אַזוי ציט זיך, אויף אונזער גאַנצן וועג דורכן דאָרף, הויז נאָך הויז. אייגס אין איינס, שטרויענער דאַך — ערגעץ נישט. אַ רייך דאָרף, אַן איינגעפונדעוועט דאָרף.

ווייסקייט, ציכטיקייט, זאַטקייט און הרחבההדיקייט איבעראַשט אייך ממש, נאָכדעם ווי איר זענט צוגעוואוינט געוואָרן צום באַקאַנטן אָנבליק פונם אָרעמען און האַלב-ווילדן רוסישן דאָרף — אַן אמתע מוסטער-קאָלאָניע.

— אַט אַזוי זעען אויס אַלע דייטשע קאָלאָניעס אין דרום-רוסלאַנד — דערציילט מיר דער אַגראָנאָם — מיר וועלן. אויף אונזער ווייטערדיקן וועג אָנקוקן נאָך אַנדערע אַזעלכע...

די דייטשע קאָלאָניעס זענען די איינציקע דאָרפישע באַלעבאַטישקייטן אין רוסלאַנד — נישט רעדנדיק, נאַטירלעך, פון פריציש גיטער, — וועלכע כאַפּן דעם אָנבליק פון רייכע אַמעריקאַנישע פערמעס, — זיי קוקן דאָ אויס, אין סטעפּישער האַלב-ווילדקייט, ווי פאַרבלאָנדזשעטע אינזעלעך פון מעריב-אייראָפּעישער אַגריקולטורעלער ציוויליזאַציע.

קאַטערינאַ די גרויסע — אָדער ווער עס האָט עס דאָרט געטון — וועלכע האָט, מיט אַ הונדערט און פופציק יאָר צוריק, איינגעלאַדן אַהער דייטשע קאָלאָניסטן און זיי געגעבן פרייע ערד, כדי זיי זאָלן דאָ איינאָרדנען לאַנדווירטשאַפטלעכע מוסטער-באַלעבאַטישקייטן, פון וועלכע פאַרווילדעוועטע רוסישע פויערים זאָלן זיך אָפּלערנען אַ ביישפּיל — האָט אוודאי זייער קלוג געטון... מער נישט:

דאָס רוסישע דאָרף איז סוף-כל-סוף נאָך איצט אויך פאַרבליבן דאָרט, וואו עס איז געווען מיט אַנדערטהאַלבן הונדערט יאָר צוריק — און אפילו נאָך פריער... און די דייטשע קאָלאָניסטן זענען טאַקע פאַרבליבן מער נישט, ווי ווייסע און פילפאַרביקע אינזעלעך אינם אַרומיקן גרויען, ברויגעם און פאַרשטויבטן סטעפּ.

גוט איז אוודאי, וואָס מען האָט טאַקע דאָ געלייגט פונדאַ-

מענטן פון אַ נייעם יידישן ישוב — פאַראַן גוטע און ציכטיקע שכנים, פון וועלכע מען קען זיך אָפּלערנען אַ גוטן ביישפּיל.

חוץ דעם: דאָ וואוינען אויך אייניקע אַלטע יידישע קאָלאָניסטן; אַזוינע, וואָס זענען שוין דאָ איינגעוואָרצלט פינפציק יאָר און מער.

און אפילו די דייטשע קאָלאָניסטן גופא — הויכע, גרוביקע אַזעלכע, מיט בלאָנדזענע, פאַרברוינטע פנימער — זיי זענען אויך נאָענט און אייגן די יידישע איינוואַנדערער. אפשר ווייל — „וועלכער ייד פאַרשטייט דאָס נישט קיין דייטש?" דערהויפּט אָט דעם מין דייטש, וועלכער ווערט דאָ גערעדט צווישן די דייטשע קאָלאָניסטן — אָט, אָט, און ער קלינגט מיר טאַקע אין די אויערן ממש ווי יידיש... מער נישט — אַ ביסל אַ זעקאַליעטשעטער יידיש...

כ'האָב דאָ, אגב, אויך אָנגעטראָפן דייטשע קאָלאָניסטן, וועלכע רעדן טאַקע פשוט — יידיש. רעדן עס ממש ווי אַ וואַסער — כ'האָב בשום אופן נישט געקאָנט גלייבן, אַז דאָס זענען נישט קיין יידן.

אָבער אָנגעקומען זענען מיר, ווי שוין געזאָגט, גראָד אויף אַ מחלוקת.

שוין פון דער ערשטער מינוט אָן האָב איך באַמערקט, אַז עפּעס קאָכט זיך דאָ, עפּעס ברויזט דאָ און זידט דאָ אין דער שטיל אין איינגעהאַלטענערהייט, ווי אונטער אַ דעקל פון אַ זידנדיקן טאָפּ.

אַרום אונזער אויטאָמאָביל, אַרום דעם הויז, וואו מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט, קופּקען זיך, קרייזלען זיך דערהיצטע מענטשן, סודעבען זיך. מען לויפט איבער, אין גרויס אויפרעגונג, פון איין קרייזל צום צווייטן. קענטיק, פאַראַן דאָ צוויי צדדים, און יעדעס קרייזל וויל איבערגעווינען וואָס מער מענטשן אויף זיין צד.

מען רינגלט באַלד מיך אויך אַרום; מען הייבט מיט מיר אויך אָן איינטענהן, מען הייבט מיך אויך אָן אַגיטירן — און פאַר

וואָס ווייס איך נאָך נישט. — דאָ זענען פאַראַן אַ סך מענטשן, נייע איבערוואַנדערער, וועלכע קענען מיך פון פריער נאָך, פון זייערע היים־שטעטלעך אין אוקראַינע, וועלכע איך האָב מיט אַ צייט צוריק באַזוכט, בשעת זיי, די איבערוואַנדערער, זענען נאָך דאָרטן געווען.

זיי דערציילן מיר, אגב, — און אָן שום איבעראַשונג אין זייער שטים — אַז אויפן וועג קיין כערסאָן — בעת זיי זענען געפאָרן פון שטעטל צו דער ווייטער באַן־סטאַציע, געפאָרן מיט די גרויסע וועגענער, אָנגעלאָדענע מיט זייער אָרעמען סקאַרב — זענען זיי אינמיטן העלן טאָג באַפאַלן באַנדיטן — זיי זענען אַרויסגעשפּרונגען פון אַ נאָענט וועלדל, די באַנדיטן; זיי האָבן, אמת, קיינעם נישט געטשעפּעט (דער „קורס" צווישן באַנדיטן איז שוין דעמאָלט — יאָר ניינצן־הונדערט־פיר און־צוואַנציק — געווען בלויז אויף ראַבעווען, אָבער נישט אויף צונעמען דעם נפש). זיי האָבן אָבער צוגענומען בּאַ די איבערוואַנדערער די וועגענער מיטן גאַנצן האָב־און־גוטס, אפילו די פערד זייערע אויך.

נאָר ביסלעכווייז, ביסלעכווייז, ווערט מיר קלאָר, וועגן וואָס דאָ קומט פאָר די מחלוקת.

איבערוואַנדערער וואָס ווילן דאָ פאַרבלייבן, — און איבערוואַנדערער וואָס רייסן זיך צוריק אַהיים — אין שטעטל אַריין...

און זענט איר אָן אָנהענגער פון דער טעאָריע פון קאָלעקטיוויזם, פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, פון עקאָנאָמישן דעטערמיניזם א. אז. וו.; זענט איר איבערצייגט אין דעם, אַז גרויסע געשיכטלעכע געשעענישן קומען פאָר ערשט דעמאָלט, ווען עס וואַקסן אָן געוויסע סיבות דערצו, עקאָנאָמישע און מאַטעריעלע, צווישן די ברייטסטע שיכטן, צווישן די פאָלקס־מאַסן — איז קאָנט איר דערקלערן די מחלוקת צווישן די איבערוואַנדערער אין צ ע ב ר י ק ע (און מסתמא זענען ענלעכע רייבונגען פאָרגעקומען — האָבן גע־

מיט פאַרקומען — ערגעץ־אַנדערש־וואו אויך) טאַקע אויפן קאָלעקטיוויסטישן אופן:

אַ טייל עולם האָט דערשמעקט, אָדער עס דאַכט זיך אים אויס בלויז — אַז אין שטעטל איז געוואָרן לעצטנס אַ ביסל גרינגער: — אַז הענדלער קענען איצט ווידער, אויב נישט פריי האַנדלען, איז כאָטש אַ ביסל אונטערהאַנדלען... אַז באַלמעלאָכעס ליידן איצט חייניקער פונם שווערן יאָך פון די נאַלאָגן, וועלכע סאָוויעטן־מלוכה האָט לעצטנס אַ ביסל פאַרלייכטערט... און דאָ, — אין סטעפ אויף נייער ערד — איז דאָך דאָ אָן אַ שיעור פּיאָנערן־שווערקייט... איז דאָ שווערקייט פון ערשטע יאָרן, פון אַ פונדאַסנייאיינוואָרצלען זיך, פון אַ נייער היים... איז, חוץ דעם נאָך, גראָד סאַמע דאָס ערשטע יאָר אָן אומגערעטעניש.

און זעענט איר. פּאַרקערט, אַן אָנהענגער פונם אינדיווידואַליזם, פון דעם, אַז אפילו די סאַמע גרעסטע, וויכטיקסטע און ווייט־גרייכנדיקסטע ענדערונגען און איבערקערענישן אין דער מענטשלעכער געשיכטע פון אַלע צייטן זענען סוף כּל סוף בלויז דער רעזולטאַט פון אַ צווישן־שפּיל פון יחידים, פון אַ קאַמף פון שטאַרקע און אַמביציעזע פערזענלעכקייטן — איז האָט איר דאָ אין צעבריקע אייך אייערע דערקלערונגען:

און אָט זענען זיי, די דערקלערונגען:

1) דער איבערוואַנדערער פ.

2) די קאָלאָניסטן־משפחה פון די רודיס.

דער איבערוואַנדערער פ.

אַ געזונט, קרעפטיק יידל, מיט רויטן פערד־גנבישן קאַרק; מיט געזונטן פּנים, פון וועלכן עס שפּריצט ממש בלוט; מיט טרייפענע, שפּיציקע און שאַרפע אייגעלעך. די האָר באַ אים אויפן קאָפּ — אָפּגעשוירענע רונד־אַרום דעם רויטן קאַרק קיילעכדיק, ווי באַ אַ רוסישן פּאָבקע — זיי זענען נאָך זייער געדיכט און גרויען זיך קוים,

באַטש ווי מען דערציילט מיר, איז דאָס שוין אַ מענטש פון אַריבער פינפציק.

בקיצור: אַ יידל, אַ קולאַק.

אפילו דאָ אין דער קאָלאָניע מאַכט ער עפעס פאַרשידענע טונקעלע געשעפטן. ער ספעקולאַנטעוועט אונטער אַ ביסעלע... אָדער אפשר טאַקע אַ היפּש ביסל. ער פאַרט קיין אָדעס, קויפט דאָרט איין וואַגאָנעס גאַנצע מעל און פאַרקויפט זיי, אויף ספעקולאַנטישע פרייזן, צו אַרומיקע דייטשע פערמער.

מיט דעם וואַרפט ער, פאַרשטייט זיך, אַ מיאוסן פלעק אויפן כאַראַקטער פון דער היגער איבערוואַנדערער-קאָלאָניע; ווייל צו דערזעלבער צייט האָט ער דאָך דאָ אויך ערד, איז אויך אַן איבערוואַנדערער — אינטערן צודעק פון דערווייליקער ערד-אַרבעט פראַוועט ער ספעקולאַנטישע שטיקלעך.

און איצט דערמאַן איך מיך טאַקע:

ווען אונזער אייטאָמאָביל איז פריער מיט אַ שעה אַרונטערגעפלויגן דעם באַרג-שפּיץ, וואָס לאָזט זיך אַרונטער קיין צעבריווקע, האָבן מיר טאַקע באַמערקט אַ פול-אָנגעלאָדענעם וואָגן, וועלכער האָט זיך, רעכטס פון אונזער וועג, ערגעץ געאיילט. דער אַגראָנאָם האָט שטאַרק געבלאָזן מיטן אויטאָמאָביל-האָרן, האָט געוואָלט אַלץ ציִען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די מענטשן אַרום יענעם וואָגן, וואָס איז געווען ביז סאַמע אין דער הויך אָנגעלאָדן מיט זעק אָזעלכע — נאָר ס'איז אים אַלץ נישט געלונגען... פון דאָרטן האָט זיך קיינער נישט אָפּגערופן. מען האָט דאָרט בלויז שטאַרקער אָנגעטריבן די פערד און זיך וואָס גיכער אָפּגעטראָגן.

דער אַגראָנאָם איז געוואָרן דעמאָלט רויט און צאָרנדיק אינגאַנצן: זיינע אויגן האָבן ממש געשפריצט פייער. אַז כ'האָב בּאַ אים געפרעגט, וועגן וואָס ס'האַנדלט זיך, האָט ער נישט געענטפערט. ער האָט בלויז אַרונטערגעלאָזט די פייער-שפּריצנדיקע אויגן זיינע, אָט פּונקט ווי ער וואָלט זיך פאַר מיר איבער עפעס געשעמט. ער האָט בלויז געמורמלט פאַר זיך:

— אַך, אַ מאַשעניק... ווידער דאָס זעלביקע...

איצט האָט דער זעלביקער חברה=מאַן — און דערפילט האָט ער, חוץ אַלעמען, אַז אים וועט דער אַגראָנאָם דאָ סוף כּל סוף ענג מאַכן (געדענקט=זשע: דער אַגראָנאָם איז דאָ אַן אינספּעקטאָר אַ מין פאָרשטייער פון דער מאַכט) — איצט האָט דערזעלביקער חברה=מאַן אויפגעבורעט נאָך אַ טייל עולם, מען זאָל זיך קומענדיקן ווינטער, אַז מען וועט אַרונטערנעמען די תבואה, אומקערן „אַהיים".

דער צווייטער צד איז — די קאַלאָניסטן=משפּחה פון די ר ו ד י ס.

זי באַשטייט פון עטלעכע ברידער און אַ שוועסטער — אַלע שוין היפּש=דערוואַקסענע מענטשן, פונם שטעטל אַרויס — פון נגידיש=באַלעבאַטישער אָפּשטאַמונג. אפשר מער באַלעבאַטיש, ווי נגידיש — קיינער פון די יידישע איבערוואַנדערער, די לאַנדסלייט זייערע, האָבן מיר אויף זיי קיין איין שלעכט וואָרט ניט געקענט זאָגן. די לעצטע יאָרן שטאַרק פאַראָרעמט געוואָרן; האָבן זיי באַשלאָסן:

— אַלץ פונדאָסניי אָנהייבן...

שווייגנדיקע אַלע און שטאָלצע — דעם אַמאָליקן שווייגנדיקשטאָלצן יחוס מיט זיך פונדעסטוועגן מיטגעבראַכט: די איינציקע ירושה, דאָס איינציקע אייגנטום... אָבער באַנוצן, באַנוצן זיי, אָט דעם מיטגעבראַכטן שווייגנדיק=שטאָלצן יחוס זייערן, בלויז אויף איין זאַך:

— אויף אַ שטאָלצן און שווייגנדיקן באַשלוס: אויף תמיד אויסצוּוואָרצלען פון זיך די דערמאַנונג פונם אַמאָליקן לעבן...

אויף אָנצוהייבן אַ ניי לעבן, אַן ערלעך לעבן אויף דער פרישער סטעפּ=ערד; אויף עקשנותדיק און שווייגנדיק — שטאָלץ אויסצוּשטיין די פילע שוועריקייטן פון די ערשטע פּיאָנערן=יאָרן, — בייצוּקומען אַלע שטרויכלונגען און זיך איינוואָרצלען טיף און זיכער אין דער נייער ערד און זי ענדלעך היימיש מאַכן.

— היימיש מאַכן אויף תמיד — אויף דורות, אויף דורות, אויף דורות...

און דעמאָלט האָט זיך עס אָנגעהויבן די מחלוקה.

יעדער איבערוואַנדערער קריגט זיך זיין באַזונדער חלק תבואה פון דער ערד, פון די פעלדער. אָבער דער „סענאַקאָס" — דאָס היי וואָס מען נעמט אַרונטער — ווערט באַהאַלטן אין די שפּייכלער פאַר אַלגעמיינעם געברויך — פאַר די בהמות ווינטער־צייט.

קומט פ. מיט זיין געזעמל און פאָדערן:

— ניין... מיר ווילן נישט וואַרטן אויף ווינטער! מיר ווילן נישט קיין אַלגעמיינעם „סענאַקאָס"! מיר ווילן אונזער חלק — שוין, איצט, באַלד!

איז דאָך קלאָר, וואָס עס שטעקט הינטער דעם: ווינטער־צייט, אַזוי ווי זיי פּלאַנעווען גאָר איינגאַנצן צו פאַרוואַרפן די ערד־אַרבעט, וועלן זיי שוין דאָך דאָ נישט זיין — ווילן זיי דערווייל אַרונטערשינדן פון די פעלדער אַלץ, וואָס ס'לאָזט זיך נאָר.

און דאָ דאַרף אויך דערציילט ווערן:

אינם „סענאַקאָס" האָט קיינער קיין אַרבעט, ביז איצט, נישט אַריינגעלייגט. אויסטיילנדיק און באַשטימענדיק דעם ערד־שטח פאַרן היגן יידישן איבערוואַנדערער־קאָלעקטיוו, האָט די קרייזישע ערד־פאַרוואַלטונג „צוגעלייגט" אויך אַ גרויסן שטח פּאַשע. פריער, איידער די איבערוואַנדערער זענען אַהערגעקומען, פלעגט די דאָזיקע פּאַשע־ערד דערווייל אומגעזעצלעך באַנוצט ווערן פון די דייטשע קאָלאָניסטן, אַזוי אַז דער יידישער איבערוואַנדערער קאָלעקטיוו האָט גלייך בא זיין אָנקומען געקריגן אַ פאַרטיקע פּאַשע מיט שוין אויפגעוואַקסענעם היי, וואָס איז נאָך פון אַנדערע פאַרזייעט געוואָרן.

איז קלאָר: די רודים האָבן גאָר אַן אַנדערן קוק אויפן היי־ענין. זיי אַליין — כאָטש זיי מוטשען זיך דערווייל גאַנץ נישקשהדיק און האָבן אפילו נישט תמיד געגוג ברויט צו זאַט — איז נאָך ווי עס איז.

— אָבער די פּי... די פּי דאַרף מען „אויף אַלע פאַלן" גוט באַזאָרגן.

אָט קומט באַלד אָן דער ווינטער און מען וועט דאַרפן האָבן

היי אויף צו קאַרמען די פערד און בהמות פונם קאָלעקטיוו, זיי זאָלן זיין געזונט און אַרבעטס־פעיק קומענדיקן פרילינג. איז ווי קאָנען זיי דערלויבן אַז די היישעריקן־ספּעקולאַנטן אַרונטערצו־פרעסן דעם סענאָקאָס, כדי זיך אָפּצוטראָגן פונדאַנען נאָך מיט פו־לערע טייסטערס?

איז טענהט דעריבער דער צווייטער צד, דער צד פון די רודיס — געשטיצט, נאַטירלעך, פונם אגראָנאָם — אַז דעם „סע־נאָקאָס" טיילט מען נישט, — קיינער האָט דאָך אויף דעם דער־ווייל נישט געאַרבעט; ס'איז קאָלעקטיוו־אייגנטום, פונם גאַנצן ישוב... ווינטער־צייט וועט זיין קארמע פאַר אַלעמען.

אָבער דער ערשטער צד ווייסט דאָך באַ זיך, אַז ווינטער וועלן זיי שוין דערפון גאָרנישט האָבן... ווי בייזע היישעריקן ווילן זיי דעריבער איצט אַרונטערפרעסן פונם אַרום אַלץ. וואָס לאָזט זיך נאָר. איז אַז זייער פאַרלאַנג קען געזעצלעך נישט דורכ־געפירט ווערן, איז פ. מיט זיין חברה אַליין אַרויפגעפלויגן באַ־נאַכט אויף די פעלדער, ווי אַ מחנה וואַראָנעס און היישעריקן, און אַליין אָנגעקאָשעט היי...

האָט מען באַ זיי דאָס היי, נאַטירלעך, צוגענומען. נעמט אָבער דעמאָלט פ. און פאַרהאַלט באַ זיך דערפאַר די קהלישע שנייד־מאַשין. און שפּעטער, אַז מען צווינגט אים פאָרט, דורך דער מיליץ, די מאַשין אומקערן, נעמט ער דעמאָלט און באַהאַלט באַ זיך כאָטש וויכטיקע טיילן פון דערזעלביקער מאַשין...

— אָהאָ!... דער אמתער חברה־מאַן.

און די צרומיקע דייטשע באַפעלקערונג אַ רויקע, אַן איינ־געפונדעוועטע און אַ קאָנסערוואַטיווע קוקט מיט שטוינען אויפן בייעם ליאַרמענדיקן און פילדערנדיקן עולם. וואָס האָט אַריינגעבראַכט אומרו און געפילדער אין זייער גרויס און רויק דאָרף. זיי זענען אָבער אַ געבילדעטער און אַנטוויקלטער עלעמענט, און זיי ווייסן און פאַרשטייען די שטעלונג פון דער מלוכה צום דאָזיקן בייעם סאָרט פויער — צום יידישן. זיי שווייגן דערביי זייער טאַקטפול... זיי מישן זיך נישט אין דער קריגעריי.

אָבער פונדעסטוועגן... פונדעסטוועגן. ... באַלד, אַז יענע,

די נייע, קענען צווישן זיך גישט מושווה זײַן איבער דער „ירושה״ זייערער, שיקן זיי דערוויל, די דייטשן, באַנאַכט אַרויס זייערע פערד אויף פּאַשע, אָנשטאָט אויפן בוריאַן — טאַקע אויף יענעם זעלבּיקן סענאָקאָס...

איז הײַנט באַנאַכט וועט פאָרקומען אַ גרויסע אסיפה. די אסיפה ווערט אײַנגערופן דורכן אויספיר־קאָמיטעט פונם ראַיאָן צע־בריקאָווע. בײַדע צדדים האָבן זיך אהין געווענדט נאָך גערעכטי־קייט. עס וועט אויך זײַן אַ פאָרשטייער פונם קרייזישן ערד־קאָמי־טעט. מען וועט דאָ אויסהערן טענות פון בײַדע צדדים, זען קו־מען צו אַ באַשייד.

— און מיר זענען טאַקע אַהער אָנגעקומען אויפן סאַמע רעכטן געדיכטן — מיר וועלן אָנוועזנד זײַן בײַ דער אָפּע־ראַציע.

דערווײַל, אויסגעהונגערטע, גייען מיר אַלע דרײַ — אַגראָ־נאָם, שאָפער און איך — אַרײַן אין אַ „סטאָלאָווע״.

עס־פּלעצער עפנטלעכע אין דערפער — דאָס איז שוין נײַ־ער, סאָוויעטישער לעבנס־שטייגער. הײַנטיקע צײַטן, אַ שטייגער, קאָן שוין אַ פויערטע אויך וועלן אַמאָל זיך אָפּרוען פון קיך־אַרבעט...

אינעווייניק — ליכטיק, ציכטיק, גערוים. נאָר — שוין לאַנג נאָך וואַרעמדיקע עס־שעהן. מיר עסן זיך דעריבער אָן מיט אַלער־ליי וואורשטן און קאַלטע גערויכערטע פלײשן.

עס באַדינען אונז געזונטע, באַרוועסע דייטשקעס, וואָס רעדן עפּעס זייער אַ היימישן און גרינג־פאַרשטענדלעכן דייטש — און אַז מיר גייען אַרויס אין גאַס — איז שוין פאַרנאַכט.

עס שווארצן זיך בײַ די זײַטן פון דער ברייטער גאַס קופּ־קעלעך אויפגערעגטע מענטשן — יעדער צד טרײַבט אָן אַ הייסע און אַ ליידנשאַפטלעכע אַגיטאַציע פאַר זײַנע מיינונגען. פּ.׳ס צד אַגיטירט אין דער שטיל, אַז מען דאַרף פאַרלאָזן די קאָלאָניע און זיך אומקערן צוריק אַהיים.

— געדענקט... — רייצן זיך זיינע בלוט־פּאַרבאַקענע, קצבישע ליפּן מיטן אַרומגעקליבענעם עולם — איר וועט דאָ נאָך אַלע פּעגרינען פון הונגער... געדענקט מיינע רייד... זאָל מיין נאָמען נישט זיין יאַשע.

דערמאָנט עס נישט אָן די „מרגנים" אין משהס מחנה, אָן דעם דור המדבר, וועלכער האָט זיך פאַרבענקט נאָך די — מ'שטיינס געזאָגט! — „זאַטע" טעפּ פון מצרים, נאָכן — מ'שטיינס געזאָגט! — „פליש און פיש" פון דער אַלטער היים? געשיכטע חזרט זיך איבער. און אונזער געשיכטע — אַ ביסל אַפּטער, ווי אַן אַנדער פאָלקס.

איך כאַפּ מיך דערווייל אַריין אין „סעלף־בוד" — אין דאַרפס־שטיבל. דאָס דאַרפס־שטיבל איז אַ בשותּפותדיקס פאַר אַלע פויערים — יידן און נישט־יידן: אין לייען־שטיבל — צייטונגען אוקראַיִנישע, דייטשע, יידישע. אויף די ווענט — קאָלירטע פּלאַקאַטן, אויפרופן, דיאַגראַמעס, לייען־סכעמעס, ביאָגראַפיעס פון גרויסע מענטשן. יונגוואַרג פויערישע — יינגלעך און מיידלעך — זעצן, קענטיק, נישט אַזוי פאַראינטערעסירט אין דעם לייזנשאַפטלעכן סענאַקאָס־פּראָבלעם, וואָס ווערט דאַרטן אויסגעפּאַכטן אין דרויסן. אין פּעלצלעך, אין לעדערנע היטלען און טאָלסטאָוקעס, (אַזעלכע רעקלעך, וואָס זענען איצט פּאָפּולער אין סאָוועטן־רוסלאַנד) אין העמדלעך מיט רימענס אַרומגעגאַרטלט — זיצן אַלע שווייגנדיק פאַרטיפט אין לייענען.

— אפשר — אפשר גרייטן זיי זיך עס טאַקע אויף אָט דעם איפן צו צו דער אויספּעכטונג פון דעם סענאַקאָס־פּראָבלעם — און דעם טיפערן אינהאַלט, וואָס ליגט אונטער אָט דעם ברידער־קריג באַהאַלטן — היינט באַנאַכט?

דער אַגראָנאָם און איך כאַפּן זיך אויך באַלד אַריין צום חבר שוואַרץ — אַ דייטש בן דייטש, נישט געקוקט אויף זיין נאָמען. אַ נעבירטיקער דייטשער קאָלאָניסט. שוין פון עטלעכע קאָלאָניסטישע

דורות אָפּשטאַמונג. מיר ווילן מיט אים אַרומשמועסן דעם אינהאַלט פונם מיטינג הייגט אָוונט, וואו ער דאַרף זיין פאַרזיצער; דער אָגראַנאָם גיט אים איבער זיין קוק אויף די היגע מחלוקתן. און ער וויל וויסן, ווי אַזוי קוקט אויף דעם ענין דער חבר שוואַרץ.

דער חבר שוואַרץ:

הויך-געוואַקסן, גבורדיק, אין אַ מין אַלטן, אָפּגעריבענעם סאָמעטענעם יעגער-אַנצוג און אין לאַנגע שטיוול — דאָס מאַכט אים אויסזען נאָך העכער, ווי ער איז: אַ יעגער-ריז, אַ מין נמרוד. ער רעדט לאַנגזאַם און צוריקגעהאַלטן, מיט רויקייט און חשיבות. ס'איז, קענטיק, אַ מענטש, וואָס לייגט אַריין אַ סך אינהאַלט אין יעדן איינציקן וואָרט, וואָס ער לאָזט אַרויס פון מויל.

ער איז דער פאַרזיצער פונם ראַיאָנעם אויספיר-קאָמיטעט — און אַמאָליקער פריסטאַוו, הייסט עס... נאָר אַז מיר קומען אַריין צו אים אין שטוב, טרעפן מיר אים, ווי ער איז ערשט געקומען פונם שווערן טאָג אַרבעט זיינעם, באַ זיך אויפן פעלד: ער האָט זיך אָקאָרשט אַרומגעוואַשן און זעצט זיך ערשט עסן וועטשערע. עס דערלאַנגט צום טיש זיין ווייב — די „פריסטאַוויכע", הייסט עס, — אויך הויך און בלאָנד און מיט אַ פּנים, פון וועלכן עס שפּריצט געזונט בלוט. אַ רויקע, אַ גבורדיקע שיינקייט, — אַ ק ר א נ ה י ל ד ע, צי אַ ב ר א נ ה י ל ד ע — אַ וואַגנערישער וואַלקיריען-טיפּ.

קיין אַרויסהעלפער, קיין דינסט אין שטוב — נישטאָ. מער נישט: דאָס ווייב גייט אַוועק פונם פעלד מיט אַ פּאָר שעה פריער פאַרן מאַן, כדי אָפּצוקאָכן עסן.

און אין שטוב איז אַזוי ציכטיק, אַזוי ריין — טאַקע נאָר ווי באַ דייטשן: וואַזאַנעס אומעטום, אַ פּיאַנע, דאַרפישע טעפּיכער אויפן דיל... אין איין ווינקל — דאָרט וואו באַ אַ פּויער הענגט געוויינלעך אַן איקאָנע — אַ גרויסער פּאָרטרעט פונם „זיידע" פון סאָציאַליזם, פונם באַלעבאַטיש-בערדיקן קאַרל מאַרקסן. אין אַ צווייטן ווינקל פונם בשותפותדיקן קיך-און-עס-צימער, אי-

בערן טיש — אַ פּאָרטרעט פון א י ל א י ט ש ן, פון לענינען. קיין איקאָנעס. קיין לאַמפּאַדעס — אוודאי נישטאָ. דער פּאָרזיצער פון היגן ראַיאָנעם אויספיר־קאָמיטעט איז אַ הייסער קאָמוניסט.

נאָר איידער מאַן און ווייב זעצן זיך צום טיש, שטייען זיי ביידע אויף און בלייבן אַ ווײַלע אַזוי שטיין, מיט שווייגנדיק־אַראָפּגעלאָזטע קעפּ איבערן שפּייז־באַלאָדענעם טיש: אַ מין ריטואַל אַזאַ. און דערנאָך עסן זיי אויך פּונקט אַזוי שווייגנדיק, דורך דער גאַנצער וועטשערע נישט אויסגערעדט, דאַכט זיך, קיין איינציק וואָרט.

און באַנאַכט איז פאָרגעקומען די גרויסע, די שטורמישע אסיפה.

איבערגעבן אַ פול און בולט בילד פון דער־דאָזיקער שטורמישער און ליידנשאַפטלעכער פּאַרוויילונג — אָנגעפּולט מיט ביטערער און בלוטיקער ליידנשאַפט, וואָס מען קען נאָר אָנטרעפן בײַ פּויערים, ווען עס קומט צווישן זיי צו אַ מחלוקה וועגן ערד — וואָלט פאַרנומען צו פיל אָרט. אייניקע שטריכן בלויז:

אינם גרויסן הילצערנעם בנין — דעם גרעסטן מסתמא אין דאָרף: אַ שייער, אַ סקלאַד אָדער גאָר, דאַכט זיך, די סטאַציע פון דער אָרטיקער פייערלעשער־קאָמאַנדע — איז געווען געדיכט געפּאַקט פון וואַנט ביז וואַנט. אַלע זענען געקומען: יונג און אַלט, מאַן און ווייב, קינד און קייט. געקומען זענען אפילו די דייטשע שכנים: מענטשן, וואָס לעבן שוין אַזוי פיל דורות אין פרידן, האָבן געוואָלט אָנקוקן אָט דעם נייעם פּויערים־עולם, וואָס האָט זיך שוין דאָס ערשטע יאָר אַזוי ביטער צעקריגט צווישן זיך.

אויבנאָן, בײַ אַ מין פּאָרזיצער־טיש: דער פּאָרזיצער פון ראַיאָנעם אויספיר־קאָמיטעט; דער פאָרשטייער פונם קרייזישן ערד־קאָמיטעט; עפּעס נאָך איינער אַ פּאַרשוין.

חבר שוואַרץ האַלט אַ רעדע. רויק, געלאַסן, וואַרעם, פּאָטער־

לעך. דער פאָרשטייער פון ערד־קאָמיטעט — אַ קורץ, שוואַרץ, ביי־דעריק־געוואַקסענער פאַרשוין; דורכויס, פון קאָפּ ביז די פיס, פון לעדער: היטל, רעקל, הויזן און שטיוול — צו רעדט שטרענג, קאַלט, מוסרנדיק...

ביידע באַאַמטע פּרוּוון באַוועגן דעם עולם, זיי זאָלן זיך אַרויסזאָגן, וואָס עס קוועטשט זיי, און וואָס באַשטייט די קריגעריי. נאָר — אומזיסט. ביידע צדדים שווייגן. עס שווייגן אַפילו די פּי־רער, די הויפּט־העצער. איין צד וואַרט קריגעריש אויפן צווייטן, וויל זען, וואָס פאַר אַ סטראַטעגישן שריט יענער צד נעמט. לופט — אָנגעשטרענגט אַזוי, פול מיט אויפרייס, מיט איינגעהאַל־טענעם ברען, מיט זיך־וואַרגנדיקער ליידנשאַפט.

די פאָרזיצנדיקע באַאַמטע ווייסן נישט, וואָס צו טון; רעדן, בעטן זיך — פאַרלירן, דאַכט זיך, באַלד דאָס געדולד מיטן עקשנות־דיק־שווייגנדיקן עולם.

נאָר באַלד — און פּולוווער שיסט אויס. אַלע פאַרזאַמלטע ווערן פאַרקנוילט אין אַ וויכער פון ליידנשאַפטן. מען וואַרפט אויף חטאים איינער דעם צווייטן. רייד פול מיט באַהאַלטענער דראָ־אונג, מיט אָנצוהערענישן... וואָס אַ מינוט ווערט דער עולם טומלדיקער, קנוילעקער, פאַרפּלאָנטערטער. פּנימער — רויט, צעהיצט, פייער־שפּריצנדיק; העגט, פויסטן. קולות הייבן זיך אין דער לופט. די פאַרבאָרגנסטע ליידנשאַפטן, מיט וועלכע ביידע צדדים האָבן זיך אַזוי לאַנג געשטיקט, ברעכן אויס; אַלץ און אַלע ווערן צונויפגע־מישט אין איין קנוילעקער זאַווערוכע. אַ מינוט איז שווער צו וויסן: ווער איז איין צד, און ווער — דער צווייטער.

— בלוט וועט זיך גיסן...

— סיידן איבער אונזערע קערפּערס וועט איר אַראָפּשניידן דאָס היי...

— ס'איז אייך נישט אַמאָליקע צייטן, ברידערלעך...

— מיר לעבן אין אַ פריי לאַנד...

— ברידער. קומט אַוועק פונדאַנען...

— אַלע!... אַלע!..

— מיר וועלן פאַרטיידיקן אונזערס ביזן לעצטן טראָפּן בלוט...

דער איבערוואַנדערער־עולם, וועלכער וואָלט אַמאָליקע צייטן געציטערט אין דער אָנוועזנהייט פון אַ פּריסטאַוו — ווייזן, קענטיק, אַרויס גאָר ווייניק מורא און אָפּשיי פאַר די וויכטיקע מלוכה־באַאַמטע, וואָס זיצן איצט באַם פּאָרזיצער־טישל: אפּנים, דאָס איז זייער אופן פון אויסטייטשן דעם באַגריף „פרייהייט"...

די באַאַמטע באַם פּאָרזיצער־טישל פאַרלירן זיך אַ ווײַלע. זעלטן, אפּנים, איז דידאָזיקע רויִקע דייטשן אויסגעקומען זיך צו טרעפן פּנים־אל־פּנים מיט אַזאַ מין צעהיצטן, קריגערישן, לײַדנשאַפטלעכן עולם. דער פאָרשטייער פון קרייזישן ערדקאָם פאַרלירט ענדלעך דאָס געדולד. דער מענטש אין לעדער שטעלט זיך אַוועק אויף אַ באַנק — ער איז קורץ געוואַקסן — און הייבט אָן סטראַשען דעם עולם:

— אונזער מלוכה וועט נישט דולדן קיין ספּעקולאַנטן... איר הערט, נישט צוליב דעם טיילן מיר אויס ערד... נישט צוליב דעם האָבן מיר, קאָמוניסטן, אונזער בלוט פאַרגאָסן .. איר ברענגט אַהער אַריין אַן עלעמענט פון אומרו און געזעצבּרעכערישקייט... נעמט אַ בײַשפּיל פון אונז, אײַערע דייטשע שכנים... ניין, מיר וועלן נישט דולדן...

געזעץ, בייזער מדת־הדין. און איז עס דערפאַר, ווייל זיין פּנים איז מיר נישט־סימפּאַטיש? ניין — זיין קול איז אויך טאַקע נישט סימפּאַטיש. עפּעס פיל איך אין זיין בייזקייט, אין זיין אויפגערעגטקייט אַ קאָפּעטשקע... זאָל איך זאָגן: אַנטיסעמיטיזם? אַלנפאַלס די נישט־ליבשאַפט צו די פרעמדע, צו די רו־צעשטערער.

און דערנאָך רעדט חבר שוואַרץ. מיט זיין הויכער בלאָנדער רויִקייט. ער איז שוין איינגעגאַנצן הייזעריק פון אַ גאַנצן אָוונט שרייען, אָבער — אַהאַ! ער ווייסט נאָך, ווי צו קאָנטראָלירן זיך. ער פילט די טאָפּלטע פאַראַנטוואָרטלעכקייט זיינע. ערשטנס — פון זיין לאַגע: אַ קאָמוניסט דאַרף באַווייזן דעם בעסטן בייַשפּיל. צווייטנס —

פון זיין אמת: פאָרזיצער פון ראַיאָן־אויספּירקאָם דאַרף זיין גערעכט צו אַלעמען.

ער רעדט נאָך איצט אויך אַלץ געלאַסן באָטש פעסט; ער איז איצט אויך פאָטערלעך און מילד, כאָטש שטרענג. און מיר דאַכט אַלץ: דאָס פאָטערלעכע אין אים איז פאָרט שטאַרקער... דאָס מאַכט ער בלויז אַן אָנשטעל פון שטרענגקייט, — פונקט ווי עס טוט אַ פאָטער, ווען ער וויל אויסמוסרן נישט געהאָרכזאַמע קינדער. פון אים רעדט אַרויס די מדת־הרחמים — כאָטש פאַרדעקטערהייט: ער וויל דאָך פאָרט דעם עולם אַ ביסל אָנשרעקן... אַ שטייפער, אַ מאַנסבילשער מדת־הרחמים.

ער רעדט לאַנג, ברייט און — אַ סך. דער עולם ווערט סוף כל סוף אײַנגאַנצן שטיל, ווערט באַהערשט פון זיין שטים, ווערט דורכגעדרונגען מיט אַ געפיל פון חרטה, וואָס מער עס גיסט זיך איבער אים ח׳ שוואַרצס פאָטערלעכע, מילד־שטרענגע און מוסרנדיקע שטים.

— חברים און בירגער! מיר ווייסן אַלע גוט די סיבות און וואונדן אויפן קערפּער פונם יידישן פאָלק, וואָס דער צאַריזם האָט אויף אים געמאַכט. פונדאַנען נעמען זיך אייערע חסרונות. מיר ווייסן אָבער אויך אייערע מעלות. אונזער מלוכה וויל אייך איבערשאַפן פונדאַסניי. זי ווייסט די גרויסע שולד, וואָס דאָס אַמאָליקע רוסלאַנד איז אין משך פון הונדערטער יאָר באַגאַנגען קעגן אייך. מיר ווילן עס אָבער גוט מאַכן, פאַרריכטן. אונזער פאַרטיי איז געדולדיק. ווייסן מיר נישט די שווערקייט פון אייער אַריבערגיין צו אַ שפּאָגל־ניי, פאַר אייך נישט־געוואוינט לעבן? אָבער דעם שעדלעכן עלעמענט בײַ אייך ווילן מיר נישט דולדן. איך סטראַשע אייך נישט און איך מיין דאָ אויף קיינעם נישט אַרויפצוּוואַרפן קיין מורא. אָבער איר ווייסט מסתמא אַליין, אַז אונזער מלוכה האָט טויזנטער מיטלען, ווי אַזוי אויסראָטן פון צווישן אייך דעם שעדלעכן עלעמענט. עס איז דאָ צווישן אייך — כאָטש איך בין איבערצייגט, אַז ער איז אומבאַדייטנדיק — אַן עלעמענט, וואָס אים איז נאָך שווער זיך אָפּצוּזאָגן פון זייגע אַלטע, שלעכטע געוואוינהייטן, וואָס האָבן זיך אָנגעקלעפּט אויף זיי ווי צרעתן. אָבער מיר

בעטן זיי, חבריש און ברידערלעך, זיי זאָלן זיך באַזינגען... זיי זאָלן זיך אַרומזען באַצייטנס...

דורך אַ שאַרפער, פּראַקטיקער און אויסגעשטערנטער נאַכט אין אַ טאָל האָט מען אונז געפירט ערגעץ שלאָפן.

ס'איז שוין געווען זייער שפּעט אין דער נאַכט: אוודאי אַ זייגער דריי. דאָ און דאָרט האָט אין דער שטילקייט אויפגע־קרייעט אַ האָן.

אינעם הינטער־שטיבל פון דער דאָרפישער אַפּטייק — „די ערשטע מלוכישע אַפּטייק פון צעבריקע" — האָבן מיר אויף צו־זאַמענגעזעצטע שטולן, איבערגעדעקטע מיט לאַקשן־ברעטלעך, גע־פּרווט כאַפּן אַ דרימל.

פאַרן שלאָפן האָבן מיר געקנאַקט צעפּוילטע ניס, מיט וועל־כע דער ליבנסווירדיקער אַפּטייקער האָט אונז מכבד געווען, צוזאַ־מען מיט זיינע מיינונגען וועגן יידישע קאָלאָניזאַציע בכלל און וועגן דער היגער קריגעריי בפרט. ס'איז געווען אַלץ זייער אינ־טערעסאַנט און זייער טיף און זייער פילאָזאָפיש, נאָר וואָס האָב איך געקענט העלפן? איך בין ממש געפאַלן אויף דער נאָז פון שלאָף.

ער האָט אונז אויך דערציילט, דערדאָזיקער צוגעלאָזטער אַפּטייקער, די אינטערעסאַנטע געשיכטע פון זיין אייגענעם לעבן, וואָס פון דעם קען מען מאַכן אַ מעשה פאַר זיך. (ווען, האַ? אַמאָל, אַמאָל... אַלץ אַמאָל. שפּעטער. — אַז ס'וועט ענדלעך אָנקומען די רו, וואָס וועט אפשר קיינמאָל נישט אָנקומען.)

ענדלעך האָט דער ליבנסווירדיקער אַפּטייקער — אין זיין גרויס רחמנות איבער זיינע געסט, וואָס האָט אין אים זיך ענדלעך אויפגעוועקט — אונז אָפּגעלאָזט. און דעמאָלט האָבן מיר געהערט, ווי עס האָבן ווי־דער אָנגעהויבן קרייען די הענער — די צווייטע שוין, אָדער אפשר די דריטע.

נאָר אַז מיר האָבן אָנגעהויבן ענדלעך איינצודרימלען, האָבן מיר דערפילט, ווי הינער — דעם אַפּטייקערס אייגענע הינער; ער איז אַ ייִד און האָט אויך דאָרפישע באַלעבאַטישקייט — שפּרינגען אַרום איבער אונז אין דער פינצטער. עפּעס האָט זיי דערשראָקן, אפּנים, — מען האָט, דאַכט זיך, געקלאַפּט אין די לאָדנס.

און דעמאָלט הייבט זיך דאָ אָן אַ שפּיל אַזאַ: איך נורע איין דעם קאָפּ וואָס טיפער אין קישן אַריין און וויל נישט הערן דאָס קלאַפּן; נאָר יענע דאָרט ווילן נישט וויסן פון מיין נורען זיך אין קישן, און קלאַפּן אַלץ אין די לאָדנס, קלאַפּן.

אַ דענערווירטער האָב איך באַ זיך סוף כּל סוף געפּועלט אויפצושטיין און אַ קוק טון, ווער קלאַפּט עס דאָרט און לאָזט אונדז נישט איינשלאָפן.

לעבן מיר איז שוין געשטאַנען אַגראַנאָם פייגין, האָט ברייט און געשמאַק געגענעצט און זיך געפּאָרעט מיט זיינע בגדים.

— דע... איר טוט זיך ערשט אויס? — האָב איך אים געפרעגט מיט אַ סימפּאַטיע־געגענעץ.

— ניין — געגענעצט ער מיר מיטפילנדיק צוריק — דאָס טו איך זיך שוין אָן... שוין צייט אויפצושטיין.

ער פּראַלט באַלד אייף די לאָדנס. קילע וואַסערדיקע ליכטיקייט פון באַגינען שפּאַרט זיך אַריין אין שטוב, צוזאַמען מיט קילער פּאַרטאָגיקער פעלדער־פרישקייט, וואָס מונטערט אַ ביסל אויף לייב און ביינער. און דידאָזיקע קילע פרישקייט פּאַריאָגט פון מיר דאָס לעצטע ביסל פּונם בורזשואַזן פּאָראורטייל — פון דעם פּאַרלאַנג כאָטש אַ קאַפּעטשקע, כאָטש אַ קליין ביסעלע זיך אויסשלאָפן.

אין גרויען, וואַסערדיקן דרויסן שוואַרצן זיך שוין איינצלנע פיגורן, מענטשן־קופּקעלעך. דאָס האָבן זיי עס, קענטיק, געקלאַפּט אין די טירן.

דאָס זענען קאַלאַניסטן. אפּנים, געוואַרט אויף אונז דאָס רעשטל פון דער נאַכט, די גאַנצע צייט נאָך דער אסיפה, נישט געגאַנגען שלאָפן.

פּ. איז אויך דאָ צוזאַמען מיט זיינע אָנהענגער. זיי רינגלען אַרום דעם אַגראָנאָם און פאַרזיכערן אים, אַז זיי האָבן אפילו נישט בדעה אָוועקצופאָרן פונדאַנען, אַז זיי וועלן זיך, בנוגע דעם „סענאקאס", אונטערוואַרפן די אַלגעמיינע באַשלוסן פון דער מאַכט. קענטיק, אַז די נעכטיקע רייד פונם פאָרזיצער האָבן זיי אַ ביסל דערשראָקן; און אפשר טאַקע אויך — פון אינעווייניק דורכגענומען...

טיף איינגעוויקלט איינגאַנצן אין אַ פאַטשיילע — צוליב דער פרימאָרגן-קעלט — קומט צו אונז אויך צו עפּעס איינע אַ מיידל. איך דערקען אין איר דאָסזעלביקע מיידל, וואָס האָט אויף דער נעכטיקער — קאָן מען שוין זאָגן „נעכטיקער"? אָדער איז עס נאָך אויף „היינטיקער"? — אסיפה געפירט דאָס רעדל פון דעם צד, וואָס האָט באַשלאָסן צוזאַמענצובינדן אויף תמיד זיין גורל מיטן גורל פונם סטעפּ. אַ טאָכטער פון דער משפחה פון די רודיס.

דאָס מיידל דערלאַנגט דעם אַגראָנאָם אַ פּאַפּיר — קענטיק, אַן אָפיציעלע בקשה. פון איר געזיכט איז גרינג צו זען, אַז אויך זי איז נאָך די גאַנצע נאַכט נישט געגאַנגען שלאָפן.

— אַ, גוט אַזוי — שמייכלט צו איר פריינדלעך און באַרויקנדיק דער אַגראָנאָם, וועלכער איז שוין אָנגעפּעלצט און איז שוין גרייט אַריינצושפּרינגען אין אויטאָמאָביל אַריין — איר האָט עס אַלץ אָנגעשריבן? גוט... איך פאַרזיכער אייך: איך וועל עס געוויס פאַרברענגען באַ דער נאָענטסטער זיצונג פון קאָמיטעט...

און אַז מיר טראָגן זיך שוין אויף אונזער ווייטערדיקן וועג, רופט זיך אָן צו מיר דער אַגראָנאָם, און זיין פּנים לייכט דערביי איינגאַנצן מיט טריישאַפט און ליבשאַפט:

— איר פאַרשטייט, סאַראַ מענטשן דאָס זענען, די דאָזיקע ר ו ד י ס... איך ווייס אויף זיכער, אַז זיי שטאַרבן ממש פון הונגער... אַז אָפטע טעג האָבן זיי אפילו נישט קיין שטיקל שוואַרץ

ברויט. . . נאָר וועגן וואָס, מיינט איר, האָט זי מיר דערלאַנגט די ביטע? זי בעט דעם קאָמיטעט אונזערן, מיר זאָלן זיי אויסבאָרגן געלט אויף איינשאַפן זיך, פאַר זייער באַלעבאַטישקייט, אַ בהמה... זי בעט נישט נאָר אויף אַ מעגלעכקייט פאַר זיי אַליין דורכשלאָגן זיך אויף אַזאַ אופן דורכן קומענדיקן ווינטער; נאָר אויך — אויף אַ נייעם קנופּ אין זייער צונויפבונד מיט דער סטעפּ־ערד.

VIII

אַ שטעטל

וואָס ווייטער מיר פאָרן, ווערט אונזער וועג אַלץ פאַרשידנאַרטיקער, אַלץ בערגיקער און טאָליקער. איינשלעפערנדיקע פאַרטשאַדנדיקע איינטעניקייט פון סטעפּ פאַרשווינדט שוין באַלד גאָר אינגאַנצן.

דער שליאַך, איף וועלכן מיר פאָרן, פאַלט אַרונטער אין טאָלן, אָט קאַראַבקעט ער זיך אויף בערג. אַלע ווײַלע נײַע אומדערוואַרטע אויסזיכטן — אַ דערקוויקעניש און אַ וואונדער פאַרן אויג.

ס'איז מאָדנע אַזוי צו טראַכטן:

אָט די בערג און בערגלעך, איבער וועלכע עס יאָגט איצט אונזער אויטאָמאָביל, זענען עס צווייגן פון די קאַרפּאַטנבערג — די־זעלביקע קאַרפּאַטן־בערג, וועלכע מען קען זען, שטייענדיק אין אַ קלאָרן און זוניק־לויטערן פאַרנאַכט, אָנגעשפּאַרט איבער די ראַפּאַרטן פון דער אַלטער פוילישער וואַוועל־פעסטונג, אין קראָקע; די זעלביקע קאַרפּאַטן־בערג פון טשעכאָסלאָוואַקיע, וואו עס לעבט נאָך איצט אויך אַ היפּשע און אַ געזונטע, פון דער גאַנצער יידישער וועלט נאָך קוים אָנגערירטע באַפעלקערונג. די היגע בערגלעך און טאָלן זענען, הייסט עס, אַ פאָרזעצונג פון דער קייט

פון אָט יענע בערג, די קאַרפּאַטישע; און די נייע, היגע לאַנד־ווירטשאַפטלעכע ישובים — זענען אויך אַ מין המשך פון דער קייט פון אָט יענע ווייטע, בערגיק־פאַרוואָרפענע יידישע דערפער אין די קאַרפּאַטן...

אָבער אין דער אמתן בין איך גאָר איצט נישט אים־שטאַנד צו פילן טיף די שיינקייט פון דער אַרומיקער געגנט. דער קאָפּ איז מיר אײַנגאַנצן שפּורלעך, מחמת די לעצטע נעכט, וואָס איך בין נישט געשלאָפן. מיר דאַכט: דער איינציקער אינטערעס, וואָס איך האָב איצט אין דער יידישער קאָלאָניזאַציע, איז — אַ שלאָף־אינטערעס: וואו וועל איך שוין, אַ שטייגער, ענדלעך קע־נען אַראָפּשאָקלען פון זיך מיין שלאָף־שכרות.

נאָר אַז איך דערבליק פון דער הייך אַ שטעטל, וואָס ליגט באַהאַלטן אין דער היפּשער שיסל פון די אַרומיקע טאָלן, דערפיל איך באַלד:

— דאָ איז עס... דאָ איז אַן אָרט, וואו מען קאָן אַזוי אָפּ־שלאָפן עטלעכע מעת־לעת נאָכאַנאַנד. — עטלעכע וואָכן, עטלעכע יאָר — און זיך די גאַנצע צייט אויף קיין איין־איינציקע מינוט נישט אויפכאַפּן.

אַז אונזער אויטאָמאָביל קייקלט זיך ענדלעך אַרונטער פון דעם בערגל אינעווייניק, אין שיסל פון די טאָלן אַריין, אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז דאָס שטעטל פּעטראָוויעראָוקע, — אַ טויט אָרט, אַ בית־עולם, אַ באַהאַלטענער צווישן בערג.

עס דערטראָגט זיך נישט צו אונז אַנטקעגן ממש קיין איין איינציקער קלאַנג פון קיין מענטשן, — אפילו נישט קיין מרוקען פון אַ בהמה; נישט קיין טשוויטשערן פון אַ פויגל אין דער לופט — און אפילו נישט קיין זשומען פון אינזעקטן אין די גראָזן... אַ טויטע שטילקייט.

אַ טויטע שטילקייט, וואָס ווערט נאָך מער פאַרשטאַרקט פונם הויכן, ווייטן עפּיץ פונם קלויסטער, וואָס שוויגט אַזוי טויט איבערן שטעטל, ווי אַ קלויסטער־שפּיץ אויף אַ צווינטער; פונם מידן קרייען פון אַ האָן, וואָס רייסט זיך אָפּ, פון צייט צו צייט, פון ערגעץ אין דער אַרומיקער שטילקייט, אין וועלכער דאָס אומבאַקאַנטע שטעטל

יאַי מיר ליגט פֿאַרזונקען, ווי אין אַ וויסטן חלום. דאָסדאָזיקע קרייען קלינגט אַזוי מאָדנע-ווייט, אַזוי מיד און אַזוי אומגלויבלעך, ווי דאָס קרייען פֿון אַ האָן, וואָס מען הערט אַמאָל אין שלאָף... אַ דרימלענדיקער האָן, וואָס וועקט און וועקט אומזיסט אַ וויסטע, אַ טויטע שטאָט.

ערשט אַז מיר זענען שוין גאָר נאָענט בײַ די שטעטלשע גאַסן, דערזע איך מענטשלעכע געשטאַלטן, וואָס באַוועגן זיך, שווייגנדיק און שטיל; זיי שלייכן פֿאַרבײַ ווענט הינטער הייזער און הייפֿלעך, — ווי נאַכט-וואַנדלער, ווי מענטשן, וואָס גייען אַרום אין אַ היגער-פֿלעט. די דעכער אויף די הייזער זענען געדיכט באַוואַקסן מיט גראָז — מיט הויכן, געדיכטן און זאַפֿטיקן גראָז, ווי אוהלס אויף אַלטע בית-עלמינס.

ס'איז ערשט אַרום צען, עלף אַ זייגער אינדערפֿרי.

אונדזער אויטאָמאָביל איז מיט אַ מוראדיקן געטומל אַרײַנגעפֿאָרן און האָט זיך אָפּגעשטעלט אונטער אַ היפּשן און לאַנגן אָפּדאַך — קענטיק, אַז דאָ פֿלעגן אַמאָל זיך אָפּשטעלן די פֿורן און פֿערד פֿון די פֿילע דורכפֿאָרער און געסט, וואָס פֿלעגן פֿאַרפֿאָרן אין דער אכסניא. איצט אָבער האָט אונדזער אויטאָמאָביל דאָ בלויז צעשראָקן עטלעכע הינער, וואָס האָבן דאָרט אין טונקעלע ווינקלען געדרימלט; איבערגעשראָקן עטלעכע מענטשן, וועלכע זענען מיט אַרונטערגעלאָזטע מכנסים געזעסן האַרט בײַ דער ערד.

הינטער דעם אײַנשטאָקיקן בנין פֿון דער אכסניא — עטלעכע אַנדערע בנינים מיט גרויסע פֿענצטער: ווי היפּשע סאַליעס, ווי געזעקטע וועראַנדעס. נאָר אָט די אַלע בנינים פּוסטעווען, אַפּנים, און אין דער אכסניא גופֿא איז אויך פּוסט. מער נישט, אונדזער אָנקומען צעשטערט אַ ביסל די פּוסטעוועדיקע שטילקייט.

דער אַגראָנאָם גייט אין אַ ווײַלע אַרום אַוועק. ער האָט צו מאַכן עטלעכע באַזוכן בײַ די אָנפֿירער פֿון דער אָרטיקער לײַ-און שפּאָר-קאַסע — דער לײַ-און שפּאָר-קאַסע פֿאַרן גאַנצן ראַיאָן. מיט איר, מיט דערדאָזיקער קאַסע, באַנוצן זיך אויך די יידישע קאָלאָ-

ביסטן פון די ארומיקע איבערוואנדערער־ישובים. און דעריבער האבן מיר זיך טאקע דא, אין שטעטל, אפגעשטעלט.

איך בעט די באלעבאסטע — א שווייגנדיקע יידענע, וואס שארט לאנגזאם מיט די פיס, ווי א חולה־מסוכן, — צוזאמען די לאדן פון איינעם א חדר און מיר דארט צוגרייטן א בעט צום שלאפן.

זי באווייזט מיר א הארטע, הילצערנע קאנאפע, נישט קיין אויסגעבעטע.

— מיר דאכט זיך, — שטעל איך אן א סקעפטיש פנים אויף דער באלעבאסטע — מיר דאכט זיך... אויף דערדאזיקער הילצערנער קאנאפע וועט דארפן זיין א ביסל הארטלעך צו שלאפן — וואס איז אייער מיינונג וועגן דעם?

— נו, — בארויקט זי מיך — איר וועט דאך אויף דעם אויסשפרייטן אייער בעטגעוואנט.

— מיין בעטגעוואנט? וועלכעס בעטגעוואנט?

— נו, יא... — וואונדערט זי זיך שוין צוריק. — וואס אי, איר האט דען נישט מיט זיך אייער בעטגעוואנט?

— ניין... — פיל איך מיך זייער שולדיק קעגן איר — פארגעסן... פארגעסן מיטנעמען מיט זיך, אויף מיין רייזע פון ניו־יארק קיין פעטראוויעראווקע, מיין קישן־קאלדרע...

— נישט גוט אזוי... — מוסרט מיך דעמאלט, מעשה שטארק־איבערגעגעבענער גוטער פריינד, די באלעבאסטע פון דער אכסניא. — נישט גוט אזוי... ווי וואלגערט מען עס זיך אזוי ארום איבער דער וועלט, אן א קישן, אן א קאלדרע? מען צע־ברעכט זיך דאך די ביינער... מען קען דאך נאך חס ושלום קראנק ווערן אזוי...

סוף כל סוף האט זיך עפעס אין אכסניא געפונען אן אלטער צעפליקטער שינעל אויף אונטערבעטן מיין געלעגער. נאר איך בין געווען אזוי שיכור פון שלאפלאזיקייט, אז איך וואלט, דאכט זיך, געקענט איינזינקען אינם טיפסטן און שווערסטן שלאף סאמע אויפן נאקעטן ברוק.

אַז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט — ריכטיקער, מען האָט מיך אויפגעוועקט צום מיטאָג=עסן — איז געווען אַרום פיר=פינף אַ זייגער נאָכמיטאָג.

כ'האָב מיך געלאָזט בלאָנדזשען איבערן שטעטל, שטיל, ווי אַ שבת-נאָך=וואַרעמעס, אין אַן אַמאָליק יידיש קליין שטעטל. אָדער — ווי אין אַ איצטיקס, אין פּוילן. היינט איז דאָך אָבער אַ מיטנוואָכיקער טאָג, — און קיין קלאַנג פון רייד פון דערוואַקסענע, קיין שפּילן זיך פון קינדער, וויסט, ווי אַ פאַרלאָזט אָרט.

אַ מאַרק. גאַסן. אַרום און אַרום — ווייסע הייזלעך. די בידעריקע הייזלעך טוליען זיך בײַ די זייטן גאַס אַזוי שטיל — כ'ווייס נישט צו עמעצער וואוינט דאָרט אין זיי איצט, אָדער נישט; פאַרהאַקטע לאָדנס, אָדער שווייגנדיקע בלאַנקענדיקע שויבן; די באַטאָגיקע זון גלאַנצט אין זיי אַזוי שווייגנדיק און טויט. אפשר איז מען זיך פונדאַנען אַלע צעפאָרן. אפשר — שלאָפן זיי איצט אַלע אין שטעטל, ווייל מען איז שוין פון לאַנג אָן מיד — זייער, זייער מיד. אָדער אפשר גאָר זענען דידאָזיקע הייזלעך שוין פון לאַנג, פון לאַנג טויט, — איינגעדרימלט האָבן זיי אַזוי, גאַנצע גאַסנווייז, אין אַן אייביקן דרימל.

אָט איז אַ שול, און אָט איז אַ בית=מדרש. פּוסט, שווייגענ-דיק; טיר און פענצטער געשלאָסן. אַלץ אַרום זיי זאָגט עדות, אַז נישט גאָר איז דאָ קיינער נישט געווען היינט, אָדער נעכטן אָדער אייערנעכטן — שוין עפּעס אַזוי לאַנג, לאַנג, אפשר דורך דורות גאַנצע, איז דאָ קיינער נישט געווען. און אָט, סאַמע לעבן בית=מדרש, געגעצט שוואַרץ די עפענונג פון אַ שמידעריי — אויך זי שטייט פּוסט און שווייגנדיק. קיין שפּריצן פון פונקען, קיין קלאַפּן פון אַ האַמער איבער אַ קאָוואַדלע, קיין צישען פון צעגליטן אייזן אין וואַסער.

אַז איך דריי מיך דאָ אַרום אַזוי אַ שטיקל צייט, האָב איך באַלד דאָס געפיל: איך אַליין דריי מיך דאָ אויך אַרום מיט די לעצטע פאַרבליבענע כוחות מיינע; איך אויך וועל דאָ באַלד אַזוי פאַרגליווערן, ווי אַלץ אַרום מיר, און איינדרימלען דעם טויטן דרימל פון שטעטל.

עס טוליעט זיך צו מיר צו עפּעס אַ ייִד. שטיל ווי אַ שאָטן, נישט געהערט האָב איך אפילו, ווי ער האָט זיך צוגעשלייכט צו מיר. ער פירט באַ דער האַנט אַ פאַרמורזשעט, בלייך מיידעלע.

— וואָס דרייט איר זיך דאָ אַרום אַזוי, אין מיטן העלן טאָג? — פרעג איך באַם דאָזיקן שאָטן, און מיין קול איז פול מיט רוגזה, ווי איך וואָלט געוואָלט אויפן דאָזיקן שאָטן פון אַ מענטש קילן מיין האַרץ — פאַרוואָס טוט איר גאָרנישט?

— טון? — קלאָגט מיר צוריק דער דאָזיקער שאָטן. — וואָס טון?... געווען אַמאָל אַ מלמד... דאָס הייסט — כ'מיין... אַ העברעישער לערער... און נישט נאָר אַ העברעישער... אַ „דאָמאַשני רעפּעטיטאָר" געווען, כ'פלעג אפילו צוגרייטן קינדער פון באַלעבאַטישע עלטערן אין גימנאַזיע אַריין... אין דריטן און פערטן קלאַס... ווער דאַרף מיך איצט...

און ער גראַבט פאַרטראַכטערהייט מיטן שפּיץ צעריסענעם שוך אַנם שטויב פון דער גאַס, ווידער הייבט ער אויף זיין פאַרלאָשענעם בליק.

— אָט, מען גיט אונז באַלד ערד... אָט דאָ טאַקע נישט ווייט פון פּעטראָוויעראָווקע...

און איך בלאָנדזשע ווייטער איבערן שטעטל. איך זוך אַלץ דעם נייעם לעבנס־שטייגער — און קען אים, דאָ אין שטעטל, נישט געפינען. זאָל דאָס זיין די ליי־און שפּאַר־קאַסע, וואוהין דער אַגראָנאָם איז פריער אַוועק?

נאָר אָט — אָט דאָרט איז אַ קליינער פּאַרק מיט ביימער, וואָס זענען פאַרשמאַכט פונם שטויביקן, סטעפּיקן ווינט. לעניןפּאַרק. און נישט ווייט דערפון: ערשטע מלוכהשע אַפּטייק, און ווידער: פאָלקס־געריכט. און די גאַסן — די נעמען פון די גאַסן.

און די הייזער... די דעכער פון די הייזער זענען מיט געדיכט גראָז פאַרוואַקסן — פּינדערוויטשנס, פון דער הייך בערגל, זעען זיי אויס ווי קליינע פעלדער. עס וואַקסן דאָרט פון זיי געוויס אַרויס אַזעלכע געוויקסן — וואַקסן אַרויס פון די טויטע שאַרבנס

פון די מתים, וואָס זענען אינעווייניק אין די הייזלעך באַגראָבן.

ס'איז הייס און שטויביק. איך קוק מיך אַרום. זון און אַרט, וואוהין זיך צו ראַטעווען פונם הייסן סטעפּ־ווינט, וואָס בלאָזט אַיבערן שטעטל. שיקסעס גייען איבערן מאַרק, ווי אָריענטאַלישע פּאַטימעס — טיכלעך זענען באַ זיי איבערגעבונדן איבערן בידעריקן טייל פּנים, איבער מויל און נאָז, כּדי ווינט שטויביקער זאָל נישט אַריינקריכן אינעווייניק.

אָט — אַ „פריזירער־סאַלאָן". כ'לאָז מיך גלייך גיין אַהין, נישט איבערטראַכטנדיק. איך בין אָבער אינעווייניק, ווייס איך ערשט נישט, וואָס צו טון. דאָס יונגע בחורל, דער פריזירער, קוקט אויפן פּנים־חדשות מיט מאָדנער דערשטוינונג.

— שערן! — שריי איך אַרויס מיט פאַרצווייפלונג, ווען איך באַטראַכט דעמדאָזיקן „סאַלאָן", וואָס קוקט אויס, ווי דער „אויפנאַם־קאַבינעט" פון אַ וועטערינאַרן דאָקטאָר. — אָדער האָט איר אפשר אַ ביסל קאַלט וואַסער צום טרינקען? אויב יאָ, וואָלט איך אפשר אָפּגעלייגט דאָס שערן אויף מאָרגן.

אויף דער וואַנט: אַן אַפיש פון אַ וואָקאַל־קאָנצערט, וואָס איז דאָ, ווייזט אויס, פאָרגעקומען גאָרנישט לאַנג צוריק. איך באַטראַכט דעמדאָזיקן אַפיש און די נעמען פון די אַרטיסטן — אַלע, פאַרשטייט זיך, וועלט־באַרימטע — און מיין האַרץ ווערט פאַרקוועטשט פון גרויס רחמנות און מיטלייד צו זיי — אָבער בכּלל גלייבט זיך מיר קוים, אַז דאָ איז טאַקע פאָרגעקומען אַ קאָנצערט אין שטעטל סך־הכּל ערשט מיט אַ וואָך צוריק.

— איר זענט אויך אַן אַרטיסט? — פרעגט מיך דאָס פריזיר־בחורל מיט גרויס אָפּשיי.

— ניין — שריי איך אַרויס מיט נאָך מער פאַרצווייפלונג — שערן... איך בעט אייך: שערט מיך שוין וואָס גיכער אָפּ!

הינטער מיר — אַ געזעמל פון קליינשטעטלדיקע מיידלעך,

זשומען, ווי בינען. דאָס יונגע פריזיר־בחורל איז, אפנים, די „בלוט״, וואָס ציט זיי צו אַהער. אַז איך בין אַריינגעקומען, האָט זיך הינ־טער מיר גלייך אָנגעהויבן אַ שושקען זיך. און מיטאַמאָל האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ גרויסע שרעק: זיי האָבן אפשר דערקענט, אָדער קלויבן זיך באַלד צו דערקענען אין מיר אַן „אַמעריקאַנער״.

זיך אַרויסגעראַטעוועט. ווידער אויפן מאַרק. מאַרק — ווי מסתמא מיט צען און צענדליקער יאָרן צוריק, נאָר פוסטער און אומעטיקער.

עטלעכע קלייטלעך, וואָס פאַרקויפן — פוסטקייט. אַ געזעמל מיט האַלב־פאַרגליווערטע מענטשן, באַלעגאָלעס, וואָס שטייען אין אַ ווינקל מאַרק, אַרום זייערע וועגענער און „בריטשקעס״. זיי שטייען שוין דאָ אַזוי, ווייזט אויס, לאַנג, לאַנג — ווי פאַרכשופטע, ווי פאַרמשפּטע — זיי האָבן אוודאי שוין לאַנג פאַרגעסן, אַז דאָס וואַרטן זיי אַזוי אַרויס אויף אַ פּאַסאַזשיר. זיי שטייען אַזוי שווייגנ־דיקערהייט און קאָלופּען די ציינער מיט שטרויעלעך — טויטע שומרים פון אַ טויטן מאַרק.

ווען זיי האָבן מיך דערזען זיך דערנענטערן צו זיי, האָבן זיי אָנגעהויבן גאַפן מיט דערשטוינונג אויף מיר, ווי אויף עפּעס זייער אַן אויסטערלישער חיה, וואָס האָט פלוצלינג פאַרבלאָנדזשעט אַהער. און באַלד האָט זיך אָנגעהויבן הינטער מיינע פלייצעס אַ שושקען זיך —

— קוקט נאָר אָן... אַ לעבעדיקער מענטש... ווי אַזוי האָט עס פאַרבלאָנדזשעט אַהער אַ מענטש פון דער לעבעדיקער וועלט — פון יענער וועלט? און צוליב וואָס?

אַ פּאָר רונדזוקלעך אין אַן אַנדער ווינקל מ־רק, לעבן גע־שלאָסענע יאַטקע־הייזער. עטלעכע גויים פאַרקויפן דאָרט חזיר־שמאַלץ.

לעבן דעם חזיר־שמאַלץ, אונטער אַ שטיין, ליגט אַ ביסל פונאַנדערגעריסן פּאַפּיר — קענטיק, זייטלעך אויף אײַנצוּוויקלען דאָס חזיר־שמאַלץ. דאָס ווינטל רייסט אַרויס פונם בינטל אַ שטיקל פּאַ־

פיר אוז ליגט עס אַנידער צו מיינע פיס. אַ בלעטל. שוואַרצע פירקאַנטיקע אותיות. אינמיטן פונם בלאַט, בײַ די זייטן — קלענערע אותיות, פירושים אויפן טעקסט. איך קוק אַריין: אַ בלאַט אַן אַרויסגעריסנס פון אַ טור יורה דעה.

און נישט ווייט פון די רוגדוקעס, אין די אומעטיקע גראַשענע געוועלבלעך, וויקלען יידן איין צעפּאָרענע, שיטערע הערינג, נאָך וועלכע עס שלעפּן זיך נאָך פאַרליאַקעוועטע קישקעלעך — וויקלען זיי איין אין היפּשע בלעטער פון אַן עוואַנגעליום, געדרוקט אין קירכלעך-סלאַווישן שריפט. די בלעטער זענען נאָך שפּאָגל-נייע: די נישט-געבונדענע בויגנס זענען, קענטיק, געקומען אַהער, ווי פּאַק-פּאַפּיר פון ערגעץ אַ ליקווידירטן פאַרלאַג — איידער מען האָט נאָך זיי באַוויזן איינצובינדן אין ביכער.

איידער מיר זענען אָפּגעפאָרן, האָט אונז די באַלעבאָסטע פון דער אכסניא דערלאַנגט אַ חשבון. זי האָט אונז גערעכנט צו צוויי גאָלד-רובל אַ מענטש פאַרן מיטאָג, וואָס מיר האָבן געגעסן בײַ איר.

— צוויי רובל? — האָבן מיר זיך געוואונדערט — אין מאָסקווע קאָסט דאָך נישט אַזוי פיל...

— וואָס גלייכט איר, ליבער פריינד, פּעטראָוויעראַווקע צו מאָסקווע... — האָט די באַלעבאָסטע זייער פאַרדראָסיק און מיט אַ שטאַרק אויסגעשפּראָכענעם יושר-געפיל אונז אָפּגעענטפערט. — אַ משל, נו... דאָרט אין מאָסקווע זענען קיין עין הרע דאָ אַ סך יידן... אָבער דאָ — ווי אָפּט, מיינט איר, פאַרפאָרן עס צו אונז אַזעלכע געסט, ווי איר? אוודאי איינמאָל אין אַ יובל... איז פונוואַנען זאָלן מיר לעבן אַ גאַנצע וואָך, אַ גאַנץ יאָר?

ון דערנאָך פליט אונזער מאַשין איבער אַ גרויסן, אַ גלייכן צאָל.

דאָס איז דער קויאלניק. געאָלאָגן זאָגן: דאָ איז אַמאָל געווען, אין פאַרגעשיכטלעכע צייטן, אַ וואַסער, — אַ פּאַס פונם שוואַרצן ים. אַ מין לימאַן. ער איז, מיט יאָרן און יאָרן צוריק, אויסגעטריקנט געוואָרן. און אַ סימן: אויף בײדע זײטן פונם טאָל — די באַרג-ווענט זײנען געשפּאָלטן און צעפּלאַצט אין גרויסע ראָוון און גריבער: דאָס פלעגט פון דאָרט אַראָפּפלײצן דאָס וואַסער פון די אַרומיקע בערג אין אָט יענעם אַמאָליקן וואַסער-פּאַס אַרײן.

נאָר איצט, אויף דער גאַנצער לענג פונם קויאלניק, וואַנדערלעך-ציכטיקע און וואונדערלעך-זױבערע דײטשע ישובים. ווײסע און געפּאַרבטע היפּשע הײזער. פערד, הינער און ציגן יאָגן זיך אַ'ן אַ פּאַניק פונם אָטעם פון אונזער פליענדיקן אויטאָמאָביל. טשאַטעס הינט ווערן שטאַרק-רוגזהדיק איבער דער חוצפּה פון אונזער פאַרבײפאָרנדיקער מאַשין; זײ זענען זיך מוסר-נפש און פליען גלײך אונטער די רעדער פון אונזער אויטאָמאָביל. מיר ווערן ממש אויף מיט אונזער געיעג דעם גאַנצן טאָל אַרום.

מיר פליען דורך דערפער, ישובים, — מיר וועלן נאָך זײן דאָ צוריק. נאָר אָט שטעלן מיר זיך אויף אַ ווײלע אָפּ — ווידער אַ שטעטל — יאַנאָוקע. און נאָך דער גאַנצער רײ פון היפּשע און ציכטיקע אי'ן געזונטע דײטשע קאָלאָניעס און ישובים, וואָס מיר זענען אָקאָרשט פאַרבײגעפּלויגן — ווי געזונטע און רײן-בלוטיקע דײטשע שיקסעס — גיט אויף מיר פונם דאָזיקן שטעטל ווידער אַ בלאָז מיט חורבן, מיט פּוסטקײט, מיט טויט.

מיר שטעלן זיך דאָ אָפּ בלויז אויף אַ האַלבער שעה. דער אַגראָנאָם גײט אַרײן אין „סעל-סאָוויו", אין אַ האַלב-קאָאָפּעראַטיוו אַ דאָרפישן, אויספרעגן דאָרט עפּעס וועגן זײן געהילף. און איך גײ אַרום און שמעק שאַרף און ווײטיקדיק דעם ריח פון חורבן, פון צעפוילטקײט און צעפאַלנקײט, וואָס טראָגט זיך איבערן שטעטל.

אַמאָל איז יאַנאָוקע געווען אוודאי גאָר אַ היפּש שטעטל. אויף דעם אוודאי זאָגן עדות די זײער היפּשע בנינים פון דער אַלטער שול און חרובן בית-מדרש, בײַ די זײטן פונם הויפּט-

שליאַך — זיי שטייען איצט פוסט, מיט אויסגעהאַקטע פענצטער, מיט פאַרריגלטע טירן. די יידישע באַפעלקערונג איז זיך אין משך פון די לעצטע פאַר יאָר כמעט אינגאַנצן פון דאָרט צעלאָפן. אַ טויט שטעטל, מען זעט כמעט נישט קיין יידיש פנים אין די גאַסן.

דער שאָפער באַווייזט מיר אַ גרויסן פּלאַץ, לעבן עפּעס אַ קהלשן בנין; ער געגעצט פויל, רויכערט אַ פּאַפּיראָס און דערציילט מיר, גלאַט אַזוי זיך:

— אָט דאָ, — זאָגט ער, — האָט מען בשעת דער וועלט־מלחמה אַ סך אָרטיקע יידן פאַרשמיסן צום טויט... די עסטרייכער... האַ? יאָ, די עסטרייכער... אָ, איך וואָלט אייך געקענט באַווייזן דאָ אַ סך אַזעלכע „דאָסטאָפּרימעטשאַטעלנאָכטן”, וואָס בא אונז אין אַדעס אפילו ווייסט קיינער נישט דערפון. ס'איז, פאַרשטייט איר מיך, נישט גאָט ווייסט פון וואָס פאַר אַ וועלט־באַטייט, — ס'איז אַן אָרטיקער ענין בלויז... נאָט אייך אַ ציגאַ־ריטון, פאַררויכערט.

איך לאָז זיך אין אַ זייטיק געסל אַריין, אַרויף אַ בערגל, הינטער דער פאַרריגלטער פוסטקע פונם בית־המדרש. מיטאַמאָל דערהער איך עטלעכע יידישע ווערטער, וואָס קומען אוודאי אַרויס פונם מויל פון אַ קליין קינד. איך באַהאַלט מיך אַן אַ זייט, מיט פאַרטאַיעטן אָטעם.

פון אייבעם אַן אייגעהויקערטן הייזל, וואָס איז מיט דריי זייטן זייגע איינגעקוועטשט אינם רוקן פון ליימענעם בערגל, גייט אַרויס אַ קליין, בלייך מיידעלע. זי איז איינגעוויקלט אינגאַנצן אין אַ פאַטשיילע, פונקט ווי אינדרויסן וואָלט געווען איצט שבט און נישט תמוז: אין איין האַנט — אַ פאַרשמירט, פאַרפעצט פלעשל; אין דער צווייטער — אפנים, עטלעכע שטייף־פאַרקוועטשטע מטבעות.

— מאַ־מע־לע... — קענטיק, אַז דאָס קליינע מיידעלע וויל זיך אַלץ נישט געזעגענען מיט איר מאַמע און האַלט אין איין איבערחזרן די פראַגע, אויף וועלכער זי האָט שוין עטלעכע מאָל געקריגן אַן ענטפער, — מאַ־מע־לע... איז פאַר וויפיל, זאָגסטו, זאָל איך קויפן בוימל, האַ? פאַר פינף קאָפּיקעס?

— פּאָר פינף קאָפּיקעס, טעכטערל מיינס; פּאָר פינף, קרוינעניו.

דאָס מיידעלע אין דער גרויסער פאַרשלומפּערטער פּאַטשיילע, וואָס קערט מיט אירע פליגלען די ערד, מאַכט אַ פּאָר טריטעלעך ווייטער.

— מאַ-מע-לע... ווּעסט מיר אָפּבאַקן געשמאַקע קוכעלעך, — איאָ, מאַמעלע?

— כ'וועל באַקן, טעכטערל מיינס... כ'חעל באַקן, יתומהלע מיינס.

איך לאָז מיך דעמאָלט מיט שטילע טריט אַרויס פון מיין באַהעלטעניש, אין דער ריכטונג צום מיידעלע. איך וויל זי עפּעס פרעגן. נאָר אַז זי דערהערט טריט, בלייבט זי פלוצלינג שטיין. האַסטיק קערט זי זיך אום צו מיר, בלייך ווי קאַלך. זי האָט זיך אַזוי שטאַרק דערשראָקן פאַר מיר — איך הער ממש, ווי הויך ס'קלאַפּט איר הערצל, ווי אַן איבערגעשראָקן העזעלע. קענטיק, זי וויל אַנטלויפן. נאָר פון פלוצלינג אָנגעשאַלענער שרעק — טאַקע נאָר ווי אַ איבערגעשראָקן העזעלע — קען זי זיך פשוט נישט רירן פון אָרט. עס טרייכלען איר הענט און פיס.

אָבער ווי נאָר איך עפן אויף דאָס מויל און וויל באַ איר עפּעס פרעגן, לאָזט זי אַרויספאַלן פון אירע הענטעלעך דאָס בוימל-פלעשל און די עטלעכע קאָפּיקעס; איר פּנימל פאַרקרימט זיך איינגאַנצן פון מאָדנער שרעק און פחד. זי גיט זיך אַ יאָג צוריק אין שטוב אַריין, מיט אַ מוראדיק דערשראָקן קוויטשערײ:

— מאַ-מע-לע... באַהאַלט מיך, מאַמעלע... דאָרט גייט עפּעס אַ מענטש...

IX

קורניטשקי — „רויטער אָקטיאַבער“ — באַלאַיטשוק — כוטאָר מאַנוכין

מיר הייבן איצט אָן פאָרן פון דער ריכטונג פון צפון-מערב אין דער ריכטונג אויף דרום-מזרח.

אַז מיר קומען אָן קיין ק ו ר נ י ט ש ק י, טרעפן מיר דאָרט אָן די זעלביקע מחלוקת, כאָטש נישט אַזוי שאַרף און פאַרביטערט, ווי מיט אַ פּאָר טעג צוריק אין צעבריקאָווע.

ווידער צוויי צדדים, ווידער די זעלביקע מאָטיוון, ווידער אַ קריגעריי איבערן „סענאָקאָס“. איינער אַן איבערוואַנדערער האָט אפילו געשיקט אַ מסירה אַזש צו קאַליניִנען. דאָסדאָזיקע מסירהלע איז דורכגעגאַנגען אַלערליי מדרגות און אינסטאַנצן און איז טאַקע סוף כל סוף אָנגעקומען צו קאַליניִנען אין די הענט אַריין. און פון זיין קאַנצעלאַריע איז זי צוריק איבערגעשיקט געוואָרן אַהער — מען זאָל דעם ענין דאָ אויפן אָרט באַטראַכטן און דערליי-דיקן.

— אַ ביטער פאָלק אונזערע יידעלעך... — באַקלאָגט זיך דער שאָפער אונזערער. ער איז שטאַרק אומצופרידן פונם גאַנצן היגן עולם.

ווייל דאָ, ווי אין אַ סך אַנדערע פונקטן, באַקלאָגט זיך דער עולם, אַז אַרומיקע פויערים „ראַבעווען אַ ביסעלע אונטער“ — נע-

מען שטילערהייט, אַז קיינער זעט נישט, אַרונטער דאָס היי פֿון יידישער ערד א. אז. וו. דאָס היי ליגט דאָך די גאַנצע צייט אויף די אָפֿענע פֿעלדער, ווייל די איבערוואַנדערער האָבן נאָך נישט קיין שייערן. דער „אָרט"-פֿאָרשטייער דערקלערט, אַז דאָס איז בדרך כּלל אַן אָנגעטע דערשיינונג דאָרט, וואו עס קומען פֿאָר קרי־גערייען צווישן די איבערוואַנדערער. פּויערים טראַכטן דע־מאָלט:

— אויב אַזוי... אויב אָט די נייע קענען אַליין נישט דורכ־קומען צווישן זיך, איז פֿאַרוואָס זאָלן מ י ר דערווייל נישט עפּעס אַ לעק טון?

עס קומט דאָ פֿאָר אַן אסיפֿה. צוערשט אין אַ שטיבל, נאָר אין שטיבל ווערט אינגיכן הייס — פֿון די געדיכטע דערהיצטע לייבער און פֿון די שאַרפֿע רייד. די אסיפֿה ווערט דעמאָלט אַריבערגעטראָגן אונטערן פֿרייען הימל. עס ברויזן זיך פֿונאַנדער ליידנשאַפֿטן:

— גיט אונז קאָסילקעס, כּדי מיר זאָלן וואָס גיכער אַרונטער־נעמען דאָס היי, איידער מען צעשלעפּט עס...

— מיר מוזן שוין, באַלד האָבן פּאַרטיק די הייזער, כּדי מיר זאָלן כאָטש קענען יעדער באַהאַלטן בײַ זיך אין שטוב זיין חלק היי...

דער אַגראָנאָם וואַרפֿט זיי פֿאָר, אַז זיי פֿוילן זיך אַ ביסל אונטער אַליין צו אַרבעטן: בײַ זיי איז רעכט אָוועקצוגעבן אַ דריטל פֿונם גערעטעניש די אַרומיקע פּויערים, אַבי יענע זאָלן עס אַרונ־טערנעמען פֿאַר זיי.

— בײַ אַזאַ מין פֿאַרהאַלטן זיך צו דער אַרבעט, איז וואָס פֿאַר אַ באַציִונג צו זיך, ווי צו ערד־אַרבעטער, קענט איר דער־וואַרטן פֿון די אַרומיקע, אַלט־געזעסענע פּויערים?

— גוט, — פֿאַרשפּרעכט זיי דער אַגראָנאָם — איך וועל אייך געבן, נישט איינע, נאָר גאַנצע פֿינף „לאָבאָגרייקעס"... אָבער בתּנאי, אַז איר אַליין זאָלט אַראָפּנעמען די תּבֿואה פֿון די פֿעל־דער.

פֿון די אַלע רייד שאַפֿט זיך בײַ מיר אַן איינדרוק, אַז דער

היגער עולם איז, ווייזט אויס, נישט אזא: דאָס פאַרבאַרגענע געלט ערגעץ אין די קניפּלעך בייסט אים און רייצט אים, און רעדט אים צו, אַז ער זאָל זיך צוריק אומקערן „אַהין", אין דער אַלטער היים, וואו צייטן זענען שוין מכלומרשט בעסער געוואָרן און מען קען שוין ווידער „גרינג מאַכן אַ לעבן"...

נאָר באַלד באַמערק איך: צווישן עולם איז אויך פאַראַן אַ צווייטער צד, וועלכער שוויגט די גאַנצע צייט און איז רויק; אַ צד, וועלכער וועט זיכער, אפילו באַ די שווערסטע אומשטענדן פאַרבלייבן דאָ אויף דער ערד. צום סוף פון דער טומלדיקער פאַרזאַמלונג אונטערן פרייען הימל גייט איינער פון אָט דעם צד צו צום אָרגאַנאָם, רופט אים פאַרשעמט אָפּ אָן אַ זייט און זאָגט אים אין דער שטיל:

— חבר פויגל... אפשר קענט איר מיר אַרויסבאַרגן אַ פּאָר רובל... וואָס זאָל איך אייך זאָגן... ס'איז שוין עטלעכע טעג באַ מיר אין שטוב נישטאָ אפילו אויף קיין שטיקל מאַמאַליגע...

אין „רויטן אָקטיאַבער" זענען מיר אָנגעקומען אין איינעם אַ מחיהדיקן זומער־פאַרנאַכט.

די זאַטע טשערעדעס האָבן זיך ערשט געהאַלטן אין אומקערן פון דער פּאַשע. די איבערוואַנדערישע קינדער און דאָרפישע שיקסעלעך האָבן זיך צוזאַמען געשפּילט אינדרויסן, אויפגעהויבן אַ גרויסן שטויב, זיך געבאָדן אין אַ נאָענטער סאַזשלקע. די יידישע איבערוואַנדערער וואוינען דאָ דערווייל אין שכנות באַ די אַרטיקע פּויערים. די בוי־קאָמפּאַניע הייבט זיך ערשט אָן פונאַנדערוויקלען.

מיר פאָרן פון איין דאָרף־ווינקל צום צווייטן — זוכן אָפּ די איבערוואַנדערער אין יעדן פּויערישן הויז, וואו זיי האַלטן זיך דערווייל אויף. דער היגער ישוב איז נאָך אין די וויקעלעך. שטעלט ערשט די ערשטע טריט — וואַקלט זיך נאָך. און אַז אַ

באַשעפעניש איז נאָך שוואַך, טשעפּען זיך צו דעם אַלערליי אָנשיקענישן און שלעק.

עולם איז אַקאָרשט געקומען פון פעלד. נאָך נישט אַרומגעוואַשן, אָדער — האַלט ערשט אינמיטן עסן וועטשערע. מען רינגלט אונז אַרום. באַקלאָגן זיך אייניקע:

— פויערים האַקן אויס די שטיינער אויף די יידישע פעלדער... קיינער נעמט זיך פאַר אונז נישט אָן. העלפט אונז...

— און איר אַליין — גיבן אויף זיי אַ בליץ דעם אַגראָנאָמס אויגן. — איר האָט נישט קיין מויל? ווייסט איר נישט, אַז מיר לעבן נישט אין קיין הפקר־לאַנד?

באַקלאָגט זיך אַ מוטער, אַז מען האָט בײַ איר דעם זון אירן, דעם איינציקן אַרבעטער, אַוועקגענומען אויף דריי חדשים מיליטער־דינסט:

— איז ווער וועט איצט באַאַרבעטן אירע פעלדער, איר חלק ערד?

אמת, איבערוואַנדערער האָבן באַזונדערע פּריווילעגיעס אינעם ענין פון מיליטער־דינסט: מען לאָזט זיי צוערשט זיך ווי געהעריק איז איינאָרדנען אויף דער נייער ערד, איידער מען נעמט זיי אין מיליטער, אָבער דידאָזיקע מוטער קאָן זיך מיט אָט די פּריווילעגיעס נישט באַנוצן: זי איז נאָך דערווייל נישט רעגיסטרירט...

אַן אַנדערער איבערוואַנדערער, אַ באַנדער פון דער היים, בעט אַ הלוואהלע פון כאָטש אַ פינפציק רובל, כדי ער זאָל קענען לעת־עתּה, — ביז די ערד וועט אָנהייבן געבן איר שפּייז פאַר אים — זיך איינשאַפן אינסטרומענטן און מאַטעריאַל און פאַרדינען דערווייל צום לעבן אין דאָרף פון זיין פריערדיקער פּרנסה.

אַ דריטער:

— די תּבואה איז שוין פאַרטיק... אינעם היגן דאָרף איז גראָד אויסגעפאַלן אַ סך רעגן — אַ געוועטעניש... מען קען שוין אַריינגעמען די תבואה — מען ד אַ ר ף עס טון, און וואָס גיכער,

איידער עס װעט װידער אָנהייבן רעגענען — מוזן זיי אויף דעם אויסבויען גרויסע מאַזשאַרעס (אַזעלכע גרויסע װעגענער, מיט װעלכע מען ברענגט אַריין אין שייער די תּבואה פון די פעל־דער), — האָבן זיי אָבער אויף דעם נישט קיין געלט...

און װידער װערט דער װעג אונזערער באַגלייט פון ביידע זייטן מיט פּאַדאָליער לאַנדשאַפטן:

בערג, װאָס פאַלן אַרונטער אין טאָלן; טאָלן, װאָס קאַראַפּקען זיך אַרויף אויף בערג. די ערד װיגט זיך אַזוי און קייקלט זיך פאַמעלעך אונטער אונזערע פיס.

גוט איז אוודאי די אַרומיקע איבערװאַנדערער, — אין זייערע נייע װאוי־ערטער. אַ סך, אַ סך בעסער, װי די יידישע אי־בערװאַנדערער אויף ערד אין מרחקים ערגעץ: אין אַרגענטינע, אין צפון־אַמעריקע, אין פּאַלעסטינע אָדער אין אַנדערע עקן װעלט... פילן זיי זיך נישט אויסגעריסן, נישט אויסגעװאָרצלט, נישט פרעמד — די זעלביקע היימישע בערג און טאָלן... װייל דאָס רוב היגע אי־בערװאַנדערער שטאַמט טאַקע פון אוקראַינע. אין זייער גרעסערן טייל — טאַקע פון פּאָדאָליער גובערניע, פון אַרום בוג און דניעסטער. די היגע איבערװאַנדערער זאָגן נישט אַ שטייגער:

— אונז פעלט אַ שטיקל ברויט...

נאָר:

— מיר האָבן פשוט נישט אויף קיין שטיקל מאַמאַליגע...

אונזער מאַשין שניידט דורך אַ סך קליינע, פרידלעכע און דרימלדיקע דערפלעך. אין איינעם אַזאַ דערפל — אין באַלאַי־טשוק שטעלן מיר זיך אָפּ. דאָ געפינט זיך אַ ייד, אַן אַלט־געזעסענער ישובניק. אויפן ערשטן בליק לעבט ער, דאַכט זיך, גאָר נישקשה. עס פאַרשמעקן זייער שטאַרק די געשמאַקע געבעקסן און מאכלים, מיט װעלכע מען איז אונז דאָ מכבד. אין שטוב — היפּשע, סאָלידע און שװערע שטיקער מעבל. דאַכט זיך: אַ פון לאַנג שוין איינגעזעסענער, אַן איינגעפונדעװעטער ייד.

אָבער אַגראַנאַם פייגין דערציילט מיר, אַז דערדאָזיקער ישובניק, וועלכער האָט ביז איצט געלעבט פון קרעמעריי, פירט שוין פון לאַנג מיט איט „אונטערהאַנדלונגען" וועגן דעם, אַז מען זאָל אים אויך, כאָטש ער איז נישט קיין שטעטלדיקער, אויסטיילן ערגעץ אַ חלק ערד אויף באַאַרבעטן:

— ער איז שוין מיד פון דעם אַלעמען, פון די צענדליקער יאָרן קרעמעריי... ס'איז איצט, זאָגט ער, אַנגעשטאַנען אויף דער וועלט די צייט פאַר אַרבעטער און פויערים — וויל ער אויך ווערן אַן אַרבעטנדיקער פויער...

און דער שאַרפער אונזערער, דער שוואַרץ-פּנימדיקער כעסן, — אַ האַלב-אַסימילירטער אָדעסער בחור, וועלכער קלויבט זיך ווייניק וואָס פונאַנדער אין יידישע ענינים, און האַלט זיך אָבער, ווייזט אויס, פאַר אַ יידישן גבאי, ברומט אַלץ און ברוגזט זיך.

— אָט!... אָט אַזוינע ערד-אַרבעטער וואָלטן מיר באַדאַרפט האָבן... דאַרפסלייט! געבוירענע פויערים — מיט אַזעלכע וואָלטן מיר געקענט אַ סך, גאָר אַ סך אויפטון! וואָס-זשע דען — אַזאַ עלעמענט, ווי אין „רויטן אַקטיאַבער", אָדער אין קירניטשקי? אַזעלכע פּוילאַקעס! נאָר זיי דאַקוטשען... נאָר זיי באַקלאָגן זיך... גיב זיי רק און גיב!...

— ס'איז דיר אַ מעשה מיט די יידישע „פּאָסעלענצעס"... — ווענדט ער צו זיין כעסדיק פּנים צו מיר, און זוכט באַ מיר מיטגעפיל. — זיי האַלטן רק, אַז אַלץ קומט זיי, פונקט ווי מען וואָלט זיך גאָר נישט געקענט אויסצאָלן באַ זיי, פאַרוואָס זיי האָבן באַוויליקט אַריבערגיין אויף ערד-אַרבעט... פויערים דאַרפן מיר, אמתע דאַרפסלייט — אַזעלכע, ווי אָט-דער-דאָ!

און אַגראַנאָם פייגין הערט אויס זיין שאַרפערס רייד מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל. — אַך, סאַראַ געדולדיקער מענטש... צום וויפילטסטן מאָל הערט ער שוין זיי, דידאָזיקע רייד פון אַ גוטמיינענדיקן, אָבער ווייניק פאַרשטייענדיקן מענטש?

ער באַשטעלט טאַקע אָט-דאָ-אָ, באַם ישובניק-קרעמער פון באַלאַיטשוק, עטלעכע אָקעס קוקורוזע-מעל פאַר יענעם איבערוואַנדערער פון „רויטן אַקטיאַבער", וועלכן עס פעלט אפילו

אויס אַ שטיקל מאַמאַליגע; ער מאַכט דאָ אויך די נייטיקע באַשטעלונג פאַר אַ בשותּפותדיקן מאַדזשאַרע-וואָגן פאַר די איבערוואַנדערער פונם ישוב „רויטן אָקטיאַבער“.

און גאָר נישט ווייט פון באַלאַיטשוק, אַז מיר קייקלען זיך אַרונטער איינעם אַ באַרג, קומען מיר אָן אינם כוטאָר מאַנוכין.

אינמיטן אַ סטעפּ, אויף אַ באַרג-שפּיץ, נישט ווייט פונם הויפּט-שליאַך, — קיין ביימל, קיין וועלדל, קיין הויז — גאָרנישט איז נאָך דאָ אויף צו באַשיצן איבערוואַנדערער פון ברענענדיקער זון. הייזלעך זענען נאָך אַלע נישט דערבויטע. אַ טייל משפּחות וואוינט דערווייל אין קורעניעס, פון וועלכע עס קאַפּטשעט אַ רויך: נישט פון אַ קוימען און נישט פון פענצטער גייט דער רויך, נאָר ער רינט, — ווי אַ געדיכטע פליסיקייט דורך שפּאַלטן... אַנדערע ווידער וואוינען אין נישט-דערבויטע הייזער, אויף וועלכע עס איז נאָך קיין דאַך נישטאָ. און אַז ס׳גייט אַ רעגן...

אָבער די מערסטע משפּחות ליגן נאָך דאָ מיט זייערע קינדער, מיט זייערע בעבעכעס און האַק-און-פּאַק, גאָר אין רויסן, אונטערן פרייען הימל. פונדערווייטנס, אַז מען זעט זיי אַזוי אויסגעלייגט און אויסגעשפּרייט איבערן באַרג-שפּיץ, מאַכן זיי דעריבער דעם איינדרוק פון אַן עדה מענטשן, וואָס האָט זיך אָקאָרשט געראַטעוועט פון אַ שׂרפה.

און דאָ איז, אויסנאַמסווייז, אין דער אַרומיקער געגנט, וואו כוטאָר מאַנוכין געפינט זיך, געווען גראָד אַ גרויס גערעטעניש. דער היגער עולם איז אַן אַרבעט-פעיקער און אַן אַרבעט-ליבהאָבנדיקער (און אַלע זענען זיי דאָ, די איבערוואַנדערער, הויכע, געזונטע, אַזעלכע גבורדיקע). די אַרומיקע פויערים האָבן דעריבער פאַר זיי, צוליב זייער פעיקייט, גרויס אָפּשיי:

— וואָס טע זשידקי, — זאָגן זיי — גיע דורני... ע—הע—הע!...

— מער נישט: וואָס צו עסן איז פונדעסטוועגן דערווייל

בישטאָ. אויף זיבעצן משפחות איז דאָ פאַראַן אינגאַנצן איין קו — מ׳שטיינס געזאָגט, וויפיל מילכיקס עס קאָן זיך שוין אָנכאַפּן אויף אַ משפחה.

אָבער אַלע האַלטן פונדעסטוועגן די גאַנצע צייט אין איין אַרבעטן — דאָס רוב איבערוואַנדערער האָרעוועט איצט אין די פעלדער, וועלכע מען זעט נישט פונדאַנען: זיי געפינען זיך אויף יענער זייט האָריזאָנט, אויפן פלאַכלאַנד, וואָס אַרויף דעם באַרג־שפּוע פאַר אונז. מען קלויבט דאָרט אויס די שטיינער פון די פעלדער, מען רייניקט זיי אויס, פונקט ווי ציכטיקע באַלעבאַטישע הויפן. די הייזלעך ווערן אָבער געבויט דווקא דאָ אונטן, באַ דער שוועל פון גרויסן טאָל הינטער אונז — באַשיצט פון ווינטן און שטורעמס.

און דאָס איז איצט די הויפּט־עובדא פונם אַגראָנאָם — צו געבן קרעדיט יעדן איינעם אויף יענע טיילן הויז, וועלכע עס פעלן אים נאָך.

און ווידער דיזעלביקע סצענע מיט די „ראַזוויאָרסטקעס״.

דער עולם פאַרקלייבט זיך אין איינעם אַ שוין פאַרענדיקטן הייזל, ס רייסט ממש דאָס האַרץ צוצוקוקן דאָס בילד: דער „אָרט״־פאָרשטייער טוט זיך דינגען מיט יעדן איינעם — אַ ברירה האָט ער: ער מוז זיין שפּאָרעוודיק. און יידענעס שלעפּן מיך צו זיך, אין די האַלב־פאַרענדיקטע הייזלעך, וואו זיי האַלטן זיך אויף מיט די פיצלעך קינדער — זיי באַקלאָגן זיך פאַר מיר. (ווי אַ שווייגנדיקן „נאַצמין״, שרייבט מען מיר צו עפּעס אַן אומגעהייערן כוח).

— דער „אָרט״־פאָרשטייער וויל זיי נישט אַסיגנירן קיין געלט אויף צו פאַרענדיקן זייערע הייזלעך... ער טענהט, אַז ס׳האַלט נאָך באַ זיי זייער, זייער ווייט, ביזוואַנען דאָס הייזל זאָל קריגן כאָטש אַ וועלכעס־נישט־איז פּנים. זאָל מען כאָטש, טענהט דער אַגראָנאָם, אַפּריער אַליין אויפשטעלן די ווענט, וועט ער דעמאָלט געבן געלט אויף אַ דאַך...

געבן „גלאַט אַזוי״ געלט, וועלכעס וועט צעריבען ווערן,

נאָך איידער דאָס הויז וועט פּאַרטיק ווערן — דאָס טאָר ער נישט.

— איר פאַרשטייט — באַקלאָגן זיך פּאָר מיר יידענעס אינם האַלב־פאַרענדיקטן בנין — מיר האָבן קראַנקע קינדער... ס׳גייט אַ רעגן; מיר דעקן דעמאָלט איבער אַ ווינקל שטיבל מיט ראָגאָזשעס און מיט שמאַטעס... אָדער מיר שטיקן זיך גאָר עטלעכע משפּחות צוזאַמען אין איין „קורען״... איז קומט אויס, אַז מיר וואָלטן אַליין געהאַט מער געלט — וואָלט מען אונז נאָך געהאָלפן... און אַז מיר זענען אָרים, איז... ס׳טייטש, ווי איז עס מעגלעך אַזוי אין סאָוועטסקע רוסלאַנד?

איך לייג מיך אַנידער אין אַ שאָטנדיקן ווינקל פונם הייזל. דער דיל איז פייכט; כ׳בעט אונטער אַ פּעלצל. פון די נאָך נישט אויסגעטריקנטע לאַמפּאַטש־ווענט שלאָגט מיט קילקייט. דער שאָפער בורטשעט אַלץ אונטער אויף דער פוילקייט פון די יידישע „פערעסעלענצעס״.

דאָ געפינען זיך אויך אַ פּאָר אויסגעפוצטע, יונגע מיידלעך, אָדעסער. זיי האָבן געהערט, אַז זייערע אַ קרובה וואוינט דאָ, האָבן זיי זיך אַריבערגעכאַפּט אהער אויף איבערן זומער, אויף דאַטשע... זיי זענען נעבעך געוואָרן ביטער אַנטוישט; האַלטן זיי אין איין איבעררעדן זייער קרובה, זי זאָל פאַרלאָזן דעם ישוב.

אַז זיי הערן, ווי דער שאָפער בורטשעט אַזוי נאָכאַנאַנד אויף „אונזערע יידעלעך״, ווערן זיי אַנגעצונדן. איינע פון זיי נעמט אַרונטער אירע הענטלעך „פאַר באַקאָם״ און דערלאַנגט דעם שאָפער אַ חלק:

— טאָוואַרישטש גראַזשדאַנין — פאַרהערט זי זיך, מעשה וואויל־קענעדיקע מיטן שאָפער אונזערן אויף אַן אָדעסער רוסיש — טאָוואַרישטש גראַזשדאַנין... פּאַז אַלויסטאַ... מען קען היינט שוין מער אַזוי נישט רעדן וועגן יידן... היינט זענען שוין מער נישטאָ די ניקאַלאַיעשע צייטן, פּאָזשאַלויסטאַ... נישקשה, יידן האָבן זיך גענוג אָנגעליטן אונטערן צאַריזם — ס׳איז נישט

קיין עולה, אויב די סאָוועטסקע רעספּובליקע וועט זיי איצט אויסהאַלטן.

דאָרטן, אין שוין־פאַרענדיקטן שטיבל, וואו די איבערוואַנדע־רער זענען אַרומגעקליבן אַרום דעם אַגראָנאָם, האַלט שוין איצט באַם סוף. אַלע האָבן באַקומען זייער חלק קרעדיט־געלט אויף דער בוי־קאָמפּאַניע.

אַז מען קריגט דאָס געלט, דאַרף מען זיך אונטערשרייבן. נאָר זייער אַ סך יידן דערקלערן, אַז זיי זענען „בעזגראַמאָטנע"; מיך וואונדערט עס. אַגראָנאָם פייגין דערקלערט מיר מיט אַ שמייכל:

— אויף יידיש שעמען זיי זיך אונטערצושרייבן — האַלטן נאָך אַלץ, אַז אויף אַן אָפיציעלן „פּאַפּיר" טויג נישט קיין יידי־שע חתימה... קלערן זיי אויף זיך אַליין אויס אַ בילבול: „בעז־גראַמאָטנע"...

אַ ייד מיט אַ שטאָל־גרויער באָרד לייגט סוף כל סוף אַנידער דעם טאַטן אויף רוסיש. אַגראָנאָם פייגין קוקט זיך איין אין דער דראָזיקער היעראָגליפן־חתימה, לאַכט זיך לוסטיק פונאַנדער און שרייבט די זאָנדערבאַרע היעראָגליפן איבער אויף פּשוט־יידיש. עס באַקומען זיך דעמאָלט, צו מיין שטוינונג, צוויי זייער איינפאַכע נעמען:

— נחום ביגעלמאַן.

אָבער אַז דער אייגנטימער פון אָט דעם נאָמען קוקט זיך דעמאָלט אויך איין מיט גרויס מבינות אויף דידאָזיקע צוויי ווער־טער, פאַרקוועטשט ער סקעפּטיש מויל און נאָז און „בעט דעם אַגראָנאָם:

— פע, ס'טויג נישט אַזוי, חבר פויגל... זייט־זשע אַזוי גוט און שרייבט עס שוין בעסער איבער אויף רוסיש...

פאַרנאַכט.

ס'הערט זיך אַ געזאַנג.

קעגן אַ קלאָר־בלייכן מזרחדיקן הימל־עק שוואַרצט זיך אַ בינטל פיגורן פון יונגע איבערוואַנדערער־אַרבעטער. זיי קערן זיך איצט אום אַהיים פון די פעלדער אויפן הויכלאַנד, אויף יענער זייט האָריזאָנט. אויף זיי שטראָמט איצט אַ רויט ליכט, ליכט פונעם קעגנאיבערדיקן הימל־עק.

X

„פרילינג"

מיר דערנענטערן זיך איצט צו דער קאָלאָניע „פרילינג" — דער עלטסטער יידישער קאָלאָניע אינם אָדעסער ראַיאָן.

מען האָט זי אָנגעהויבן בויען נאָך אין יאָר 1923. און איצט איז זי שוין פאַרענדיקט. דאָס איז די ערשטע נייע קאָלאָניע, וואָס איך דערזע אין אַ מער אָדער ווייניקער שוין פאַרענדיקטן צושטאַנד.

כ'דערזע פאַר זיך אַ דאָרף — אַ ניי, פריש דאָרף. די פרישקייט ווייעט דאָ, דערעיקרשט, פון די הייזער: זיי זענען נאָך אַלע ברוין מיט אַ מין צימערינג־ברוינקייט — מען האָט זיי נאָך נישט באַוויזן אָפצוקאַלכן. אַ ברייטע דאָרפס־גאַס. אינם פאַרנאַכט דערטראָגן זיך פרישע שטימען פון קינדער, וואָס שפּילן זיך אויף די גאַסן. אין „פרילינג" זענען דאָ אַ נײַנציק הייזער — אַלע, פאַרשטייט זיך, יידישע. ס'איז אַ ניי, פאַרטיק יידיש דאָרף.

אויך דאָ הונגערט מען נאָך אונטער אַ ביסל: ווי געזאָגט, צוליבן מאַנגל אין רעגן זענען איצט שלעכטע געראָטענישן אינם גאַנצן אָדעסער ראַיאָן. אָבער איך האָב דאָ פונדעסטוועגן נישט געהערט קיין שטימען, וואָס באַקלאָגן זיך; נישט געזען קיין פאַרזאָרגטע פּנימער. קיין מאָגענישן, קיין דינגענישן. די בוי־קאָמפּאַ-

ניע איז שוין דאָ אַ פאַרענדיקטע. די ערד האָט זיך שוין אָנגעהויב דרייען אונטער דער אַקס פון פריערדיש אַלטעגלעכער אַרבעט. די רוטינע פון דאָרפס־לעבן שטעלט זיך שוין איין. איצט קומט די צייט אויף אָנהייבן זאָגן וועגן גייסטיקן לעבן.

די אסיפה, וואָס קומט פאָר היינט באַנאַכט, איז אַרומצורעדן די מיטלען און אופנים אויף גרינדן אין „פריילינג" אַ יידישע שולע. די שטוב איז פול מיט דאָרפס־לייט — יונג און אַלט, אין לאַנגע קאַפּאָטעס און קורץ־געקליידט, אָבער בײַ אַלעמען — פּנימער ברוין אין פאַרברענט; — אויגן גלאַנצענדיק און פריש און מיט אַ בלישטשל; שטימען — קלאָר און מונטער.

אַך, איר וואָלט געדאַרפט צוזען, ווי עלטערע יידן, מיט לאַנגע בערד, „נעמען ווערטער"... דאַכט זיך, אַן אסיפה — און נישטאָ שוין מער דער טראַדיציאָנעלער ליאַרם און געפילדער, דאָס אַריינפאַלן דעם צווייטן אין די רייד, דאָס וועלן דערעיקרשט אויסהערן זיך און נישט דעם צווייטן... מען האַלט זיך מיט טאַקט; מען רעדט מיט אחריות פאַרן וואָרט.

— חבר פאָרזיצנדער — און דער „חבר פאָרזיצנדער" איז שוין אוודאי אַ ייד אַ בן־חמשים, — חבר פאָרזיצנדער, איך וואָרט אויף מיין „וואָרט"...

— ח' בעריש — בייזערן זיך אין דער שטיל עטלעכע קאָלאָניסטן אויף איינעם אַ היציקן איבערוואַנדערער, וואָס מאַכט עטלעכע צווישנרופן — ח' בעריש... — מוסרן זיי אים שטיל און לייטיש — איר קענט דאָך אויך בעטן אַ וואָרט בײַם פאָרזיצנדיקן...

ווייל ליידנשאַפטן זענען אויך דאָ, פאַרשטייט זיך, פאַראַן. עס זענען דאָ צוויי צדדים: די, וועלכע האָבן קינדער אין שולעלטער, און די, וועלכע האָבן נישט. ביידנס בליק אויפן שולבודזשעט און אויפן גאַנצן ענין איז דעריבער גאָר פאַרשידן...

און עס שפּראָצן אויף דער פאַרזאַמלונג אַרויס, אינמיטן דעריבער, קנאה־געפילן און נישט־פאַרגינעניש. עס איז דאָ אַ פּלאַן, אַז מען זאָל אָפּקויפן פאַר דער שולע אַן אַלטע פיין הויז פון איינעם אַ קאָלאָניסט איינענבערג. זיין הויז איז גרעסער און גערוימער

פון די געוויינלעכע קאַלאַניסטישע הייזער — ס'איז איינס פון די צוויי הייזער אין „פרילינג", וועלכע שטייען בײַ ביידע עקן דאָרף ווי „פּאַקאַזאַטעלעס" — ווי מוסטערן, אויף וועלכע די איבעריקע איבערוואַנדערער האָבן זיך געמוזט „פּאַרקוקן", בשעתן בויען זייערע אייגענע הייזער. דידאַזיקע מוסטער־הייזער קאָסטן מער, ווי אַ געוויינלעך איבערוואַנדעריש הויז; דער „אָרט" סובסידירט, מיט מזומן און קרעדיט, אין יעדן דאָרף אַ פּאָר טיכטיקע און אַמביציעזע איבערוואַנדערער, וועלכע נעמען זיך אונטער אויסבויען אַזעלכע מוסטער־הייזער.

נאָך צו אַזאַ איינעם הערשן דערנאָך געוויינלעך געפילן פון קנאה... איז שפּאַרט זיך איצט איין עולם און וויל, אַז מען זאָל בעסער אויסבויען אַ געוויינלעכע נייע כאַטקע פאַר דער שולע, איידער אָפּקלויבן אייזנבעטאָנס מוסטער־הויז.

איך לאָז איבער דאָס קאָכעניש אין שטוב און גיי אַרויס אין דער קילער, אויסגעשטערנטער נאַכט אַרויס. די פּרעבליסטן פירט מיך אַריין אין אַ זייטיקער שטוב. דאָרט הענגען אָן אַ שיעור קליינע קינדערישע בעטעלעך. ס'איז אָנגעשטעלט מיט טישעלעך און בענקעלעך פון קינדער־גרויס. עס וואַלגערט זיך שפּילגעצייג. אויף ווענט — אויפשריפטן, יידישע, פּאַר קינדער; מאַלערייען און צייכנונגען קינדישע. דאָ איז אַ „יאַסלי" — אַ מין קינדער־גאָרטן. די קינדערלעך זענען איצט דאָ נישטאָ; זיי שלאָפן בײַ זיך אינדערהיים. אין די מאַמישע בעטן. אָבער בײַטאָג האַלטן זיי זיך אויף דאָ, אונטער אויפזיכט פון דער פּרעבליסטן; מאַמעס קענען דעמאָלט אַוועקגיין אַרבעטן אויף די פעלדער.

און ווידער — אינדרויסן. נאַכט אויסגעשטערנטע. סטעפּ שמעקט מיט קילער פייכטקייט, ווי פון אַ גרויסן, גרויסן ברונעם. עס בלייכן זיך אין דער נאַכט קליידלעך פון קאָלאָניסטן־מיידלעך, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט פון שטוב, פון דער היצקער אסיפה, אַ ביסל אָפּקילן זיך. אָפּקילן אפשר אויך די הייסע מיידלשע געבליטן? יונגע מיידלעך איז פון תמיד אָן אומעטיק אויפן דאָרף. בפרט נאָך: געוועזענע באַלעבאַטישע טעכטער. טעכטער פון געוועזענע סוחרים און וואַלד־הענדלער. בײַטאָג איז נאָך צו דערלייַדן:

מען אַרבעט דאָך. אָבער באַנאַכט — סטעפּ און שטערן; און קילע
ווייטקייט אויף הונדערטער מײַלן אַרום. ס'דערוועקט זיך דעמאָלט אַ
בענקשאַפט.

איך לאָז מיך גיין, אָן ציל און אָן באַשטימטן וועג, אין סטעפּ=
שער פינצטערניש. דאָס שטערן=ליכט, וואָס שטראָמט אַרונטער פונם
סטעפּ=דאַך, ווערט פאַרלוירן אין די אונטערשטע געדיכטע שיכטן
פון דער סטעפּ=פינצטערניש.

צוערשט באַגלייטן מיך נאָך און צייכנען אָן דעם וועג פאַר
מיר די פײַערלעך אין די קאָלאָניסטן=הײַזער אויף בײדע זײַטן וועג.
דערנאָך — אַז איך קוק פאַר זיך און אַרום זיך, איז — פינצטער=
ניש, געדיכטע סטעפּ=פינצטערניש. מער נישט, ווען איך הייב=אויף
די אויגן אין דער הייך, צום סטעפּ=דאַך, זע איך — שטערן.

מײַן געמיט איז צערודערט — — — דאָס איז, אייגנטלעך,
די ערשטע קאָלאָניע — די ערשטע פּאַרטיקע קאָלאָניע — וואָס
איך באַזוך. צוליב אַ ריי טעמים האָב איך באַזוכט בלויז די יידי=
שע קאָלאָניעס פון אָדעסער ראַיאָן — די אָרעמסטע און די נישט=
געראָטנסטע פון אַלע נײַע יידישע קאָלאָניעס. די בעסטע מוסטער=
האַפטסטע יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים — סיי די אַלטע
קאָלאָניעס און סיי די נײַע איבערוואַנדערער=פונקטן — געפינען
זיך אַנדערש=וואו אין קאַטערינעסלאַווער קרייז, אין כערסאָנער
געגנט, אין קרים.

געטון האָב איך עס, ווי געזאָגט, צוליב אַ ריי טעמים.
ערשטנס: „טעכנישע"; צווייטנס — כ'האָב מיך שטאַרק געשראָקן:
אויב איך וועל פאָרן אין די רײַכע און שוין=פּאַרטיקע יידישע
קאָלאָניעס, וועל איך נאָך מעגלעך אַרײַנפאַלן אין פּאַטאָס... אַ זאַך,
פון וואָס איך האָב באַמיט מיך אויסצוהיטן. מײַן האַרץ וועט נאָך
פאַרכלינעט ווערן פון התפעלות — און איך וועל דעמאָלט מסתמא
שלעכט זעען. — געוואָלט האָב איך אויך, חוץ דעם, זעען נישט
דעם יום=טוב, נאָר די וואָך: די מי, די האָרעוואַניע, די שווערי=

קייטן, די שטרויכלונגען, די טעותן... בקיצור — די פשוט־וואָכעדיקייט.

און איצט, פאַקטיש באַם ערשטן אָנבליק פון אַ נייער, אַ גאַנצער און אַ פאַרטיקער קאָלאָניע — כמעט אַ פאַרטיקער; ערגעץ העכער־צו, אין כערסאָנשטשינע, זענען זיי נאָך, אוודאי, פאַרטיקער און פאַרענדיקטער און פאַרביקער; איצט זע איך, אַז ס'איז מיר סוף כל סוף טאַקע נישט געלונגען זיך אַרויסצוראַטעווען פונם פּאַטאָס...

די פרייד, די גרויסע סטעפּישע פרייד. די סטעפּישע נאַכט וואָס טראָגט אין איר פינצטערניש אַזוי פיל פאַרזייעטע קערנער פאַרבאָרגן — בליונגען און פלאַנצן פון דער צוקונפט. די ריזיקע טראַכט פון דער ערד, אין וועלכער מיר פאַרזייען איצט קערנער פון אַזוי פיל וואונדערלעכע געוויקסן.

אָ, איך ווייס. נישט אַלץ איז נאָך ווי ס'באַדאַרף צו זיין. (נישט אַלץ איז בכלל נאָך דאָ אין לאַנד, ווי ס'באַדאַרף צו זיין; און בכלל — אין אַזאַ מין אויסערגעוויינלעכן ענין, ווי דער אויפבוי פון אַ פויערים־קלאַס, וואו ער האָט פריער גאָרנישט עקזיסטירט — ס'איז דאָך אין דער עצם־טבע פון דער זאַך, אַז ס'דאַרף נעמען יאָרן, איידער עס וועלן ווערן ניכר באַדייטנדיקע, ממשותדיקע רעזולטאַטן.

אָ, איך ווייס, וואָס עס פעלט דאָ — איך ווייס עס נישט ווייניקער פון די ביטערסטע שונאים פון דעם, וואָס ס'קומט דאָ פאָר. און מיר דאַכט, כ'האָב געקוקט אויף אַלץ ניכטערהייט — זייער ניכטער. מיין האַרץ טוט מיר אפילו אַמאָל וויי: נישט וועלנדיק אַריינפאַלן אין עקסטרעם פון בלינדער באַגייסטערונג, האָב איך שוין אפשר אָפטמאָל צו־ניכטער געקוקט.

יאָ, איך ווייס, — איך ווייס די חסרונות אין דער יידישער קאָלאָניזאַציע, פונקט ווי פון מיינע אויגן זענען נישט געווען, דאַכט זיך, פאַרבאָרגן די חסרונות די אַלגעמיינע, וואָס זענען נאָך דאָ אינם גאַנצן לאַנד אַרום.

אָבער איך ווייס אויך, אַז נישט אומזיסט איז טיף אין האַרצן פאַראַן דער גלויבן: דאָ ווערן געלייגט פונדאַ־

מענטן פאַראַ נײַ און ברייט יידיש לעבן, וואָס מיר האָבן נאָך אין ערגעץ נישט געהאַט.

דערווייל אפשר — בלויז פונדאַמענטן. און דער בנין אויף זידאָזיקע פונדאַמענטן — ס'איז נאָך נישט אינגאַנצן קלאָר, וואָס פאַר אַן אויסזען דערדאָזיקער בנין וועט האָבן. אָבער — וואָס פאַראַ פונדאַמענטן!

כ'וואָלט אַ בעלן געווען צו זען דעם יידישן שרייבער, וואָס זאָל וואַנדערן דאָ — אָדער ערגעץ אַנדערש־וואו איבערן ברומיקן סטעפּ־און־ישוב — און זאָל דערביי נישט טראַכטן:

— יאָ... דאָ ווערן ענדלעך געלייגט פונדאַמענטן פאַר אַ געזונטער יידישער ליטעראַטור, אַן אָרגאַניש־באַהעפטער מיטן פאָלק... אַ ליטעראַטור, וואָס דאַרף, וואָס מוז, וואָס וועט אַרויסוואַקסן דאָ — זאָל זיין אין צען יאָר אַרום, אין צוואָנציק, אין דרייסיק...

ווייל אַלץ ווערט דאָך דאָ — ווי איבערן גאַנצן לאַנד — געזייעט, פאַרזייעט ערשט. אָבער — אויף וואָס פאַר אַן אומדערהערטן שטח!

און אגב, — ס'איז מעגלעך:

בלויז די גרויס, די אומדערהערטע באַ אונז ביז איצט גרויס פונם שטח, אויף וועלכן עס ווערט פאַרזייעט אַלץ, וואָס ס'איז נײַ אינם יידישן לעבן, — דאָס אַליין דאַרף דערקלערן די אָפט אומגערעכטע, אומבאַגרינדעט־געגנערישע און אָפּטמאָל אַ ביסל... גאַוואַהדיקע באַציונג, וואָס אַ צאָל היגע יידישע שרייבער פאַרמאָגן בנוגע דער יידישער ליטעראַטור, וואָס ווערט געשאַפן אין אַנדערע לענדער.

— דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס זיי זענען פאַרשכורט...— טראַכסטו — זיי זענען פשוט פאַרשכורט פון די מעגלעכקייטן, וואָס ליגן פאַרבאַהאַלטן אין דעם גרויסן פאַרזייעטן שטח אַרום, — אינם נייעסטן לאַנד פון דער וועלט.

אין דער פינצטערניש, מער מיטן בלינדן חוש, ווי מיטן

זכרון, טרעף איך אין אַ פּאָר שעה אַרום ווי־עס־איז דעם וועג צו־ריק, פון סטעפּ אין דער קאָלאָניע אַריין.

און אפשר פירט עס מיך צוריק דאָס געזאַנג — דאָס בענק־שאַפטלעכע געזאַנג פון די מיידלעך, וועלכע שפּאַצירן איצט נאָך אַלץ אין דער מחיהדיקער קיל פון דער סטעפּישער זומער־נאַכט. זיי גיסן רייך אין איר אַריין, אין דערדאָזיקער סטעפּ־נאַכט, זייער מיידלשע בענקשאַפט — אָ, ס'איז אַ בענקשאַפט. וואָס מוז זיכער ברענגען פרוכטן: זיי זענען דאָך געקומען אַהער צו פאַרזייען זייער מיידלשאַפט אויף אַרומיקן סטעפּ — פאַרן אויפבוי פון קו־מענדיקע, געזונטע און באַנייטע יידישע דורות.

XI

חלומות אין סטעפּ

אויף מאָרגן נאָכמיטאָג לאָזן מיר זיך צוריק קיין אָדעס.

דער וועג צוריק ציט צום ערשט אַ היפּשע צייט דורכן קויאַלניק — דורכן טאָל, וואָס איז אַמאָל געווען אַ ים, אַ וואַסער־פּאַס, צי אַ לימאַן. אויף ביידע זייטן, אַ שטיק צייט נאָכאַנאַנד, זעען זיך, האַרט באַ די צעגריבעלטע ווענט פונם קויאַלניק, די דייטשע קאָלאָניעס — ווייסע און פאַרביקע פייגל־נעסטן אינם סטעפּ.

באַ ביידע זייטן פון אונזער וועג, צופוסנס פון די באַרג־שפּועס, — פּלויטן, שטיינערנע פּלויטן. יעדעס ווינקל, יעדעס פּיצל ערד דאָ איז אַ פאַרשריבענער פּנקס — אַ פּנקס פאַרשריבן אין אַן אומגעזעען כּתב; אַ פּנקס פאַרשריבן מיט די שווייגנדיקע דערציילונגען פון דעם אַלעמען, וואָס האָט דאָ פּאַסירט אין משך פון די לעצטע רויטע און בלוטיקע יאָרן.

רופט זיך אָפּ פון צייט־צו־צייט מיט אַ וואָרט דער שאָפער, וועלכער קען לייענען דאָס אומגעזעענע כּתב פון דידאָזיקע שווייגנדיקע דערציילונגען אויף די אַרומיקע פּלויטן.

— באַ אָט דעם פּלויט זענען דערשאָסן געוואָרן די אַמאָליקע „אַדלפירער“ פונם אַרומיקן ראַיאָן — זיי זענען דערשאָסן געוואָרן דורך אַן אָטריאַד באַנדיטן, וועלכע האָבן זיך אַזוי אָנגערופן: „באָלשעוויקעס — אָבער נישט קיין קאָמוניסטן“.

— און באַ אַט יענעם פלויט האָבן באַנדיטן, פון אַן אַנדערער מאַרקע, צעשאָסן כמעט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פונם באַנעבטן שטעטל, פון סעראַפימאָווקע.

און דערנאָך ציען זיך: חרובע גוטן, פוסטעוועבדיקע אײַמעניעס, מאַנאַכישע קאַלווירטן.

און ווידעראַמאָל פאָרן מיר דורך דאָס גוססע שטעטל יאַנאָווקע, מיט זיינע פוסטע געשלאָסענע שולן. ס'מאַכט דעם איינדרוק: אין איינעם אַ טאָג האָבן די יידישע איינוואוינער, די גאַנצע היגע יידישע באַפעלקערונג, זיך אויפגעהויבן אַלע מיטאַמאָל, אַלע ווי איין מענטש; שווייגנדיק, אָן אַ וואָרט — וואָסער קללה וואָלט דען געווען שווערץ און ביטער גענוג — האָבן זיי איבערגעלאָזט דאָס חרובע שטעטל הינטער זיך, עס זאָל פוסטעווען און צעבראָקלען זיך ביסלעכווייז, פון זיך אַליין, אין רוינעס, און דערנאָך איינגאַנצן אָפּגעווישט ווערן, — אָפּגעווישט ווערן פונם פנים פון דער ערד און פאַרוואַנדלט ווערן אין סטעפּ.

און אין גאַר אַ קורצער צייט שפעטער פאָרן מיר דורך אַ צווייט שטעטל — דאָס איז, דאַכט זיך, די זעלביקע סטווערינאָווקע, וועגן וועלכער אונזער שאָפער האָט אונז פריער אַ ווײַלע דערמאַנט ס'ווערט שוין פאַרנאַכטלעך. אויף די גאַסן זעט מען כמעט קיין מענטשן נישט — בלויז סטאַיעס צערייצטע הינט לויפן אונז אָן אַנטקעגן, וואַרפן זיך ממש אונטער די רעדער פון דער מאַשין און לויפן דערנאָך נאָך אונז אַ שטיק צייט אין אַ מין ווילד געיעג, מיט אַ ווילד בילעריי. עס באַווייזט זיך ווידער מיטאַמאָל אַ פאַרלאָזענע יידישע שול — אַ הויכער און אימפּאָזאַנטער בנין מיט אומגעוויינלעך לאַנגע און שמאָלע פענצטער; אַ פאַרצייטיקע יידישע שול פונם פעסטונגס-טיפּ — הויך און איינדרוקספול, טאַקע ווי אַ פעסטונג. די אומגעוויינלעך-גרויסע צאָל הייכע און האַלב-קײַלעכדיקע פענצטער פון פאָרנט זענען אַלע אויסגעשלאָגן ס'איז, קענטיק, פון לאַנג שוין אַ פוסטקע. און פונם אימפּאָזאַנטן בנין, פון זיינע ווינקלען, ווערן ביסלעכווייז אַרויסגעשלעפּט ציגל נאָך ציגל, אייזן נאָך אייזן, — ער צעבראָקלט זיך און צעפאַלט ביסלעכווייז. קיין שום יידן וואוינען דאָ מער נישט איצט אינם גאַנצן שטעטל

זיי זענען אַלע, אָדער אויסגעהרגעט געוואָרן, אָדער זיך צע-לאָפן.

דער וועג איז זייער אַ שלעכטער, פול מיט לעכער, גריבער און ראַוון. אונזער מאַשין קריגט אַלע ווײַלע אַזעלכע קלעפּ און שטויסן, אַז מיר דערוואַרטן אַלע מינוט, זי זאָל זיך אינגאַנצן פונאַנדערפאַלן. דעמאָלט וועלן מיר מוזן בלײַבן אַ גאַנצע נאַכט אַליין אין סטעפּ. ס'איז אוודאי נישט צו דערוואַרטן, אַז נאָך אַן אַנדערע מאַשין זאָל דורכפאָרן דורכן סטעפּ; דער געדאַנק אַליין דערפון איז שוין זייער ווילד און אומגלייבלעך.

וועגן זענען תמיד אַ גוטער סימן פון דער מדרגה פון אַ פאָלקס ציוויליזאַציע. דערמאַנט זיך אָן די רוימישע וועגן. די בעסטע וועגן פון דער גאַנצער וועלט געפינען זיך איצט אין ענג-לאַנד און אין אַמעריקע. גלאַט, ווי שפּיגלען. פאָלירטער אַספאַלט, אויף וועלכן מען קען זיך ממש לאָזן טאַנצן, ווי אויף געוואַקסטן פּאַרקעט. די ערגסטע וועגן, אויף וועלכע איך בין וועןעס-איז גע-פאָרן, געפינען זיך אין רוסלאַנד. אַספאַלט-וועגן — איז מיר דאָ בכלל אין ערגעץ נישט אויסגעקומען צו זען (מיט דעם אויסנאַם פון טיילן פונם מיליטער-שאָסיי אין גרוזיע, צווישן וולאַדיקאַווקאַז און טיפליס).

נאָר אָט זענען מיר ענדלעך אַרויסגעפאָרן פונם קויאַלניק. דורך שלענגלדיקע וועגן, באַם ראַנד פון געפערלעכע אָפּריסן, זע-נען מיר אַרויפגעפאָרן אין דער הייך. דאָרט האָט זיך געצויגן אַ הויכלאַנד, — אַ גרער ווידער אַ סטעפּ, אַ געדיכטער סטעפּ

און פון יעדער מינוט אָן ביז מיר האָבן נישט דערזען פונ-דערווייטנס די פייערן פון דער שטאָט אָדעס, האָב איך שוין מער גאָרנישט געזען, ווי סטעפּ.

הויכע ברוין-טונקעלע גראָזן האָבן פאַרשטעלט דעם גאַנצן אויסזיכט אויף ביידע זייטן וועג. מיר זענען געפאָרן ממש אין אַ וואַלד פון הויכן סטעפּ-גראָז. און אַז איך שטעל מיך אויף אין דער מאַשין, זע איך בלויז: ריזיקע שטחים פון ברוין-טונקל. נישטאָ

קיין גראָז מער — אײַנגאַנצן אַ ברוין-טונקעלע ערד. אַ שטאַרק-אומעטיקע, קײַלעכדיקע, מאָנאָטאָנע ברוינקייט, וואָס ציט זיך פון האָריזאָנט ביז האָריזאָנט.

די זון איז פאַרגאַנגען. דעם סטעפּ האָט זי פלוצלינג, מיט איין שלונג, אײַנגעשלונגען. און מאָדנע: ער איז דערפון נאָך טונקעלער געוואָרן, דער סטעפּ, אָבער קעגן דער געדיכטער ברוינער מראה פונם סטעפּ איז אפילו דער אָוונטיקער הימל געווען שוין ליכטיקער — ער איז די איינציקע ליכטיקייט אינם אַרום. נאָר הונגעריקער סטעפּ פרעסט אים נאָכאַנאַנד, דעם אָוונטיקן הימל, פון אַלע זײַנע ראַנדן, פונם האָריזאָנט און העכער — קאַלט, און שווייגנדיק, און טונקל, און שווער, שלינגט ער אים ביסלעכווײַז אײַן.

אייביק קאַלט, מיט אַ טויזנטיקער פאַרגעשיכטלעכער שווייגעניש, — אַ ריזיקע מאַמוט-חיה, — הויערט דעמאָלט דער סטעפּ איינער אַליין אויף דער גאַנצער וועלט, אויבן און אונטן — ער גענעצט שווייגנדיק און שווער, לאָזט אַרויס פון זיך אַזאַ מין לופט, וואָס האָט די זעלביקע טונקל-ברוינע מראה, וואָס ער, דער סטעפּ אַליין, און סטעפּ און לופט און הימל ווערן באַלד איינס: איין לופטיק-ברוינע מאַסע, וואָס קימערט זיך ווייניק פון דעם, וואָס אַ גרופּקע מענטשן רודערט זיך איצט אין איר אײַנגעווייד, ווי נישטיקע ווערים.

ס'איז שווער צו פאַרשטיין, ווי אַזוי דער שאָפער טרעפט זײַן וועג.

און מיטאַמאָל לאָזט סטעפּ אַרויס פון זיך אַ פאַרשטיקטע הירזשערײַ: פערד-טאַבונעס טראָגן זיך דאָ, אַפּנים, ערגעץ צווישן גראָזן. נאָר מען קען אפילו קיין סימן פון זיי נישט זען.

און שפּעטער שטויסן מיר זיך אָן אויף איינזאַמע פייערן, וואָס פלאַקערן מיט אַ פאַרכשופטער שווייגעניש אינם .סטעפּ. זיי באַלויכטן רויט און צונטערדיק פנימער פון מענטשן, וואָס זיצן אַזוי אַרום דעם פייער, — זיצן אַזוי שווייגנדיק און שטיל; מען וואָלט געקאָנט דענקען, אַז דאָס זענען מוראדיקע באַנדיטן, און

דאָס צייטיקן זיי איצט אויס שוידערלעכסטע מאָרד־פּלענער... דאָס זענען אָבער געווען מער נישט ווי פּאַסטושער, וואָס זייערע נאַכטי־שע סטאַדעס פּאַשען זיך דאָ ערגעץ אינם אַרומיקן סטעפּ. דידאָ־זיקע פּאַסטושער גופיגען זיך דאָ נאָכאַנאַנד, טעג און טעג און טעג — ביז דער אייביק־שווייגנדיקער סטעפּ נעמט בײַ זיי ענדלעך אָפּ דאָס לשון. און באַנאַכט צינדן זיי אָן פייערן אויף זיך צו דערוואַרעמען; אויב נישט אויף רעדן — איז אויף קאָנען כאָטש צוקוקן אַ מענטשלעך געזיכט.

דערנאָך, אַז מײַן אויג געוויינט זיך ביסלעכווייז צו צו דער השכות אַרום מיר:

עס ס'קריפּען פאַרביי איינזאַמע פורן און מאַדזשאַרעס, וואָס עס איז שווער צו וויסן, פונוואַנען און וואוהין זיי פאָרן עס אין דער סטעפּ־חושכניש, — בלאָנדזשעדיקע רוחות, גלאַט אַזוי, אָן אַ וועג. עס לייכטן מיטאַמאָל ויף „טשאַסאָווניעס“, — ווייס און טרויעריק אַזוי, — תמיד אַליין אין סטעפּ.

און אַ ביסל העכער פונם סטעפּ־גראָז, הייבן זיך אויף איינער נאָכן אַנדערן, מיט באַשטימטע אונטערוואַלן, קורגאַנעס־בערגלעך, האַלב־קיילעכדיקע קאָלפּאַקעס: קינסטלעכע אָנשיטן פון די אַמאָל־אַמ ליקע צייטן, ווען ווילדע טערקישע חילות פלעגן זיך נאָך דאָ דורכטראָגן... און ווידער הערשט, מיט אייביקער גלייכגילטיקייט צום מזל פון מענטש און שבט און פאָלק, טונקל־ברוינע מאַסע פון אַרומיקן סטעפּ; נאַכטיש, דאַכט זיך, תמיד, — סיי באַנאַכט און סיי באַטאָג.

פונם דאָזיקן סטעפּ, פון זײַן שווייגנדיקער געהיימנישפולקייט און גלייכגילטיקייט, דאַרף זיך אַרויסוויקלען אונדזער ליכטיקע צו־קונפט. אינם דאָזיקן סטעפּ ליגן פאַרבאָרגן אַ סך באַהאַלטענע אָנ־זאָגן און צייכנס — אָנזאָגן און צייכנס פון דער גרעסטער וויכטי־קייט פאַר אונז; אָנזאָגן און צייכנס, וואָס דאַרפן זיך ערשט ביס־לעכווייז, ביסלעכווייז אַרויסשיילן.

ווייל לאָמיר זיך נישט נאַרן:

— פונוואַנען דידאַקטיקע טיפע באַגייסטערונג, כמעט איבער דער גאַנצער יידישער וועלט, פאַר דער גרויסער אַרבעט, וואָס ווערט איצט געטון אויף די סטעפעס פון דרום-אוקראַינע? ס'איז דאָס נייע לעבן, וואָס וועבט זיך דאָרט — פ א ר א ו נ ז א ל ע-מ ע ן.

וואָלט דאָס געווען בלויז הילף פאַר אַ טייל פון די עקאָנאָמיש-רוינירטע פאָלקס-מאַסן אין סאָוויעטן-לאַנד, איז פון וואָס איז דאָ אַזוי באַגייסטערט צו ווערן?

און בכלל:

דער איבערגאַנג פון דער שטעטלשער באַפעלקערונג אויף ערד-אַרבעט — און נישט אויף פאַבריקן און נישט אין אינדוסטרי אַריין — עס איז דאָך קלאָר: אַן און פאַר זיך אַ סימן-דלות...

איז אויב מען זאָל רעדן בלויז אין טערמינען פון ניכטערער עקאָנאָמיק, איז דאָך די פּויעריזאַציע פון אַ לאַנד, פון אַ שטאַנד, דער בעסטער סימן פון אַן אַרונטערשטייגן אויף אַ נידעריקערן טרעפּ אינם לייטער פון עקאָנאָמישן וואוילזיין, איידער פון אַן אַרויפשטייג אויף אַ העכערן.

וואָלט מען באַ אונז אַ שטייגער, אין אַמעריקע, אַזוי געוואַלטיק באַגייסטערט געוואָרן, אויב עס וואָלט זיך אָנגעהויבן אַ געצוואונגענער, נישט-אידעאַליסטישער איבערגאַנג פון דער יידישער שטאָט-באַפעלקערונג אויף פערמעס, ווי אַ רעזולטאַט, למשל, פון אַן אינדוסטריעלן קריזיס? אוודאי ניין. אין אַמעריקע איז דאָ אַ נאָכאַנאַנדיקע פאַרקערטע שטרעמונג: די באַפעלקערונג פון די פערמעס רייסט זיך נאָכאַנאַנד אין די גרויסע שטעט אַריין, ווייל דאָס לאַנד אַמעריקע ווערט אַלץ רייכער און רייכער, ממש פון טאָג צו טאָג.

אין רוסלאַנד — דורך דער צייט פון מלחמה, רעוואָלוציע און מהומות פון בירגער-קריג — איז די שטאָטישע באַפעלקערונג אָוועקגעגאַנגען אין דאָרף אַריין: האָט זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן „עד יעבור זעם" — האָט דאָרט געהאַט דערווייל וואָס צו עסן; האָט זיך דערווייל אויסגערוט. וואוהין האָט געזאָלט דעמאָלט גיין די שטעטלשע יידישע באַפעלקערונג?

אין משך פון די לעצטע צוויי יאָר קערט זיך אום די נישט־יידישע באַפעלקערונג אינם ראַטנפאַרבאַנד פונם דאָרף צוריק אין שטאָט אַריין: די ריזן־מדינה קומט, לאַנגזאַם און ביסלעכווייז, צוריק צו זיך.

אָבער פונם יידישן „דאָרף" — פונם שטעטל — גייט מען ערשט איצט אין די קאָלאָניעס אַריין. און נאָך מערער, וויפיל עס גייען שוין, רייסן זיך טויזנטער און טויזנטער משפחות פונם שטעטל: און נישט אין וועלכע־נישט־איז גוט איינגעאָרדנטע און אַלטגעזעסענע דערפער, נאָר אויף נאָך וויסטער, קיינמאָל נישט באַאַרבעטער ערד.

הייסט עס: שטעטל איז נאָך צו זיך נישט געקומען... און וועט נאָך אַזוי גיך צו זיך נישט קומען.

אָט דאָס לייקנט דאָך קיינער נישט אָפּ. און אין ראַטנפאַרבאַנד גופא לייקנט מען עס נאָך ווייניקער, ווי דרויסן פון אים. אויב מען איז האָפנונגספול געשטימט וועגן דעם אויסגאַנג פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע, וועגן דעם, אַז דאָ ווערט געלייגט אַ געביי אויף דורות; איז עס דערפאַר, ווייל, — זאָגט מען אייך גאַנץ פשוט, — זי, די יידישע קאָלאָניזאַציע, איז נישט קיין רעזולטאַט פון אידעאַליסטישער בענקשאַפט, נאָר פון האַרטן, אומרחמנותדיקן גאַנג פון די עקאָנאָמישע אומשטענדן, אין וועלכע עס געפינט זיך די שטעטלשע באַפעלקערונג: אָרעמקייט, דחקות און עקאָנאָמישע הילפסלאָזיקייט.

איז נישט שוין־זשע ווערן מיר דאָ אַזוי פאַטעטיש־ווילד, אַזוי אומגעווינלעך באַגייסטערט — מיט אַזאַ מין ציטער אין האַרצן, מיט אַזאַ מין פייערל אין די אויגן, מיט אַזאַ מין מאַסן־פסיכאָז, וואָס דערמאַנט כמעט אָן דער זייער ברייטער באַגייסטערונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אַזעלכע ווייטע, בשום אופן נישט קיין ציוניסטישע קרייזן, אין די ערשטע האָניק־חדשים פון נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע... שעמט זיך נישט! — און אַלץ בלויז דערפאַר: נאָך אפשר צענדליק טויזנט משפחות וועלן קריגן אַ מעגלעכקייט — אין קיינער לייקנט דאָך נישט, אַז אַ שווערע, ווי פריער — צו פאַרדינען זייער שטיקל ברויט?

— אוודאי ניין!

סיי איר ווילט און איר קענט עס צוגעבן עפנטלעך; און סיי איר ווילט נישט אָדער איר קענט נישט, צוליב אַלערליי פּאַרטיי־מאָטיוון און פּאַרטיי־קאָדעקסן, עפנטלעך דאָס צוגעבן — די גרויס און טיף און אויפריכטיקייט פון אָט דער באַגייסטערונג און אויפרודערונג — אַ באַגייסטערונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אַזעלכע שיכטן יידישע, וואָס פילן, בדרך כלל, אַ קנאַפּע באַגייסטערונג פאַרן ראַטנפאַרבאַנד גופא — איז צו דערקלערן טאַקע נאָר מיט „נאַציאָנאַל־ראָמאַנטישע" שטימונגען, מיט אַלט־יידישע שטימונגען, אַזוי צו זאָגן.

יאָ, די פרייד איז באַ אונז אַלעמען גרויס, ווייל — אונזער אַ ל ע מ ע נ ס לעבן ווערט דאָ נאָרמאַליזירט. ווייל באַ י י ד ן — און נישט נאָר אינם ראַטן־פאַרבאַנד — באַם גאַנצן יידישן פאָלק ווערט איצט געשאַפן אַ פויערים־קלאַס; אַ פויערים־קלאַס, וואָס זאָל אַריינברענגען נייע פרישקייטן און נייע זאַפטן אין אונזער אַ ל ע מ ע נ ס לעבן.

ווייל, ווידער אַמאָל, — צי איר ווילט אָדער ווילט נישט, צי אייער פּאַרטיי־פּראָגראַם דערלויבט עס אייך אָדער לייגט אַרויף אַ „טאַבו" אויפן געברויך פון דיזאָזיקע ווערטער, — אָבער אַזוי איז עס:

— רערן ציען זיך תמיד, רערן און קאַנאַלן צווישן אַלע טיילן און צעגלידערטע שטיקער פון אונזערע יידישע פאָלקס־מאַסן; רערן און קאַנאַלן, דורך וועלכע עס פלייצן לעבנס־חיותן אין לעבנס־זאַפטן פון איין טייל אינם צווייטן אַריין.

און באַווייזט מיר, ווידער, דעם יידישן שרייבער, וועלכער זאָל נישט אַרומגעכאַפּט ווערן פונם ווילדסטן, פונם פאַרביקסטן, פונם ראָמאַנטישסטן צימער, באַ דער בלויזער פאָרשטעלונג פון אָט יענע הערלעכע פּערספּעקטיוון, וואָס ברייטערן זיך איצט פונאַנדער פאַר דער שאַפונג פון אַ רייכער און פאַרשידנזייטיקער, פון אַ געזונטער און אַן איינגעוואָרצלטער יידישער ליטעראַטור?

און ס'איז דאָך אָט דערזעלביקער יידישער שרייבער, וואָס

קוקט מיט שרעק און קעלט אויף דעם נייעם, אויף דעם פרעמדן שבט, וואָס ווערט איצט, פאַר אונזערע אייגענע אויגן, געשאַפן אין ארץ־ישראל...

— אַך, וויפיל באַזונדערע יידישע שבטים, וואָס פאַרשטייען אָפטמאָל נישט איינער דעם צווייטנס שפּראַך, האָבן מיר שוין היינט צו־טאָג... איז ווי אַזוי זאָל אונז דערפרייען דאָס באַשאַפן פון נאָך איינעם אַ נייעם, כמעט אַ ווילד־פרעמדן שבט, וואָס פאַר־לייקנט נאָך דערצו דעם גאַנצן איבעריקן — פאַר אים באמת אי־בעריקן, סיידן בלויז אויף געלט שיקן... — יידישן פאָלק, — מיט זיין גאַנץ איצטיק לעבן, מיט זיין שפּראַך, קולטור און האַק און פּאַק?

יאָ, זאָלן מיר זיך נישט דערשרעקן פאַרן וואָרט: ראָמאַנ־טיזם. מעגלעכקייטן, וואָס מיר קענען דערווייל נאָך אַליין געבוי־קוים זיך פאָרשטעלן — דאָס הייסט ראָמאַנטיזם. אָ, אוודאי: נישט אויס ראָמאַנטישקייט גייען און שטראָמען אַהין די יידישע איבער־וואַנדערער — אָבער בלויז ד ע ר פ א ר איז דערדאָזיקער גאַנ־צער ענין אַרומגערינגלט פאַר אונז אַ ל ע מ ע ן — מיט אַזאַ וואונ־דערלעכן חלום־ליכט.

נאָך אַ גאַנצע פינף און צוואַנציק וויאָרסט פאַר אָדעס זעען זיך שוין אירע פילע פייערן: אָדעס ליגט אין דער נידער, באַם שפּוע פונם סטעפּ, וואָס לאָזט זיך ביסלעכווייז אַרונטער צום ים.

אַרום אונז איז נאָך אַלץ — איין געדיכטע, ברוין־טונקעלע מאַסע. עס בלייכן זיך לינקס אַרויס די וואַסערן פונם כ אַ ד ז ש י־ב י י ע ר לימאַן — אַ ריזיקער פּאַס פון מאַטן בליי, וואָס דרימלט אַזוי טויט אינם סטעפּ; דערנאָך הייבט זיך אָן ציען דער ק ו י א ל נ י ק ע ר לימאַן — אויך אַזוי שרעקנדיק־שווייגנדיק, מיט אויך אַזאַ טויט־בלייכן ליכט — אַ מין ים־המלך.

אונזער אויטאָמאָביל פליט עס אַלץ פאַרביי. אַ לאַנגע, לאַנ־גע צייט פאָרן מיר שוין דערנאָך אַזוי אין סטעפּ און קוקן פאַר־

אויס פאַר זיך מיט אַזאַ פּאַרכשופטן שווייגן. אונזערע אויגן פרעסן זיך גיריק און הונגעריק אײַן אינם ים פון זיך-מינײַענ־ דיקע פייערן און ליכטער פון דער שטאָט אָדעס. זיי בלישטשען אין דער נאָענטער ווייט פאַר אונז — בלישטשען פעסט און זי־ כער און צוזאָגנדיק.

1925—1926

אינהאַלט

גרעניצן

(אַנשטאָט אַ הקדמה) 5

אַמאָל איז דאָ געווען מיין היים

דער אומקער אין היימלאַנד 17
טשערנאָבילער טרעגערס 28
די טויערן פון ווייסרוסלאַנד 38
אַמאָל איז דאָ געווען מיין היים . . . 49

ווייסרוסלאַנד

אַגראָנאָמען 63
די סעדער ווייבען 73
נישטאָ קיין רעגן 77
קאָלווירט מיטשקי (1) 84
קאָלווירט מיטשקי (2) 90
שבת וויין (1) 97
שבת וויין (2) 104

אוקראַינע

ביי די טויערן 115
דורכן וועג פון חורבן 125
ניי וועלט 131
אין „העטמאַנצי" 151
אַרטעל „טרוד" 157
„נייער מאָרגנשטערן" 164
ברודער־קריג 171
אַ שטעטל 191
קורניטשקי — רויטער אָקטיאַבער — באַלאַיטשוק —
כוטאָר מאַנוכין . 203
פרילינג 214
חלומות אין סטעפּ 221